STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 06342

TSUM HUNDERTSTN GEBOYRNTOG FUN REUVEN BRAYNIN

Reuven Brainin

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

צום הונדערטסטן געבוירנטאָג

פון

ראובן ברײנין

זאַמלונג



איקוף פארלאג

ניו־יאָרק

צונויפגעשטעלט און רעדאַקטירט פון

נחמן מייזיל

עס האָבן בייגעשטייערט:
ראובן ברײַנין לייען־קרייז
און די חברטע מוני סילווערמאַן
און ריע פלאַט
(פילאַדעלפיע)

TZUM HUNDERTSTN GEBORINTOG FUN REUBEN BRAININ

(THE CENTENNIAL OF THE WRITER REUBEN BRAININ)

הילע געצייכנט פון י. זעלדין

Published by
YIDDISHER KULTUR FARBAND (YKUF)
189 Second Avenue
New York 3, N. Y.
1962

Printed by
Grenich Printing Corp.
151 West 25th Street
New York, N. Y.
166

אינהאַלט:

זייט

צו די לייענער — — — — — — — — — — — — — — — — — נ. מ. — — — 5

זכרונות און אַרטיקלען פון ראובן ברײנין

די רויטע פיילכן (פון די שטורעם־טעג) — — — — — — — — — — — — — — — — — — — 9
בלעטלעך פון ר. ברײנינס טאָגבוך — 13
לעבן און ליטעראַטור — 19
מענטשן און ביכער — 24
דער ווילן צום לעבן — 27
מיינע ערשטע ליטעראַרישע שריט — 31
געדאַנקען וועגן זיך אַליין (צום 75טן געבוירנטאָג) — — — — — — — — — — — — — — 36
וועגן מיינע זכרונות... — 45
שריפטשטעלער — אין זייער שרייבן און רעדן (א. מ. דיק, מענדעלע, פּרץ) — 49
מיין לעצטע באַגעגעניש מיט פּרצן — — — — — — — — — — — — — — — — — — — 56
דער דיכטער פון טרויער און האָפענונג (שמעון פרוג) — — — — — — — — — — — — 60
מיין באַגעגעניש מיט מאָריס ראָזענפעלד — — — — — — — — — — — — — — — — — 64
אחד־העם — 69
מאַקס נאָרדוי — דער מענטש און שריפטשטעלער — — — — — — — — — — — — — — 75
אַלבערט איינשטיין (באַגעגענישן און איינדרוקן) — — — — — — — — — — — — — — 84

אָפּהאַנדלונגען וועגן ראובן ברײנין

קלמן מרמר: ראובן ברײנין (זכרונות) — — — — — — — — — — — — — — — — — 93
יעקב מילך: דער גלגול פון אַ נשמה — — — — — — — — — — — — — — — — — 98
י. ל. בעקער: ראובן ברײנין אין מאָנטרעאָל — — — — — — — — — — — — — — 104
א. ר. מלאכי: יהודה ליב גאָרדאָן און ראובן ברײנין — — — — — — — — — — — 107
מ. אונגערפעלד: ר. ברײנין און ח. נ. ביאַליק און זייער בריוו־אויסטויש — 124
נחמן מייזיל: ראובן ברײנין און ד"ר חיים זשיטלאָווסקי — — — — — — — — 136
וויכטיקע דאַטעס אין לעבן און שאַפן פון ראובן ברײנין — נ. מ. — — — — — — 153

אין 1946 איז דורכן

איקוף־פאַרלאַג, ניו־יאָרק,

דערשינען:

ראובן ברײַנין

פון מײַן לעבנס־בוך

אינהאַלט: ראובן ברײַנין — נ. מײַזיל;

געדאַנקען וועגן זיך אַליין; אַרײַנפיר;

מײַנע יונגע יאָרן, אין ווילנע,

אין מאָסקווע, אין פעטערבורג,

איך פאַרלאָז רוסלאַנד

— 384 זײַטן —

צו די לייענער

ראובן ברײנין, דער גרויסער העברעייאיש־יידישער שרייבער, איז געבוירן אין 1862 און איז געשטאָרבן סוף 1939.

ער האָט דעביוטירט אין 1880. אַ 60 יאָר איז ער געווען שאַפעריש טעטיק אין העברעייאיש, רוסיש, דייטש, יידיש, און פאַר די קנאַפּע זעקס צענדליק יאָר האָט ער פאַרעפנטלעכט אַ גרעסערע צאָל ביכער און הונדערטער אַרטיקלען, עסייען, שילדערונגען אויף די פאַרשיידנסטע טעמעס און מיט אַ פאַרשיידנאַרטיקן אינהאַלט. ער איז פון זיינע יונגע יאָרן געווען אַ „צוימען־ברעכער", און אויך — אַ פּיאָנער, אַ פּירזאָגער. אָפט איז ער געגאַנגען מיטן אַלגעמיינעם שטראָם, געבראַכט צום אויסדרוק דורך זיינע קלאָר־אַרויסגעזאָגטע און פּרעכטיק־געשריבענע אַרטיקלען־אָפּהאַנדלונגען די מיינונגען, די טראַכטענישן פון זיין דור, לכתחילה — פון די משכילים, שפּעטער — פון די נאַציאָנאַליסטן־העברעייאיסטן און אַלגעמיינע ציוניסטן. אָבער אויך אין די־אָ יאָרן האָט ער אָפט געוואַגט אַרויסטרעטן קעגן „הייליקייטן" און אַראָפּגעריסן אויטאָריטעטן. דערביי האָט ער אַרויסבאַוויזן פיל מוט און געהאַט אויסצושטיין קעגן זיך שטאַרקע אָנפאַלן און שאַרפע אָנגריפן.

אין עלטער פון אַ 20 יאָר פאַרלאָזט ער רוסלאַנד, קומט אין ענגן באַריר און קאָנטאַקט מיט די אָנגעזעענסטע יידישע און נישט־יידישע שרייבער און דענקער. ער באַמיט זיך אַריינצוברענגען די מערב־קולטור אין יידישע מזרח־געצעלטן. דאָס פירט ער אַדורך אין זיין זשורנאַל „ממזרח וממערב" און נאָך מער — אין די פאַרשיידנסטע אַרטיקלען, בריוו פון אויסלאַנד, עסייען און באַגעגענישן־שמועסן מיט די אָנגעזעענסטע פּערזענלעכקייטן, די וואָרט־זאָגער פון סוף 19טן און אָנהייב 20סטן יאָרהונדערט, וואָס ער פאַרעפנלעכט מיט אַ מערקווירדיקן אייפער אין דער דעמאָלטדיקער העברעייאישער און דערנאָך — יידישער פּרעסע. ער איז דער „ראש המדברים" אין דער העברעייאישער ליטעראַטור און אין די ליטעראַריש־קינסטלערישע קרייזן אין לויף פון צענדליקער יאָרן, וואו ער איז געווען שטאַרק פּאָפּולער.

ער האָט געווירקט נישט נאָר מיט זיינע טאַלענטפולע שאַפונגען, נאָר אויך מיט זיין פּערזענלעכקייט. ער איז געווען פון די פאַרערטסטע און באַליבטסטע העברעייאישע שרייבער, — איינער פון זעלטענע „חולמים ולוחמים", — טרוימער און קעמפער. ביז 1910 — איז ער אין אייראָפּע, און דערנאָך — אין אַמעריקע און אין קאַנאַדע, וואו ער האָט פאַרנומען דאָס אויבנאָרט צווישן די אָנגעזעענסטע שרייבער און פאַראַנטוואָרטלעכסטע רעדאַקטאָרן. און אַזוי ביז די יאָרן 1926־1927, ווען זיין באַזוך אין סאָוועטנפאַרבאַנד און זיין געענדערטע שטעלונג צו אַ צאָל קולטור־געזעלשאַפטלעכע פראַגן און פּראָבלעמען האָט אַריינגעבראַכט אַ שאַרפן קער אין זיין לעבן, וואָס האָט אין געוויסע ציוניסטישע און העברעייאישע קרייזן אַרויסגערופן שטאַרקע אומצופרידנקייט.

מיר האָבן זיך באַמיט אין דער דאָזיקער ראובן ברײנין־זאַמלונג, וואָס דערשיינט צו זיין 100סטן געבוירנטאָג, דורך אַרטיקלען און זכרונות פון ראובן ברײנין און דורך אַרטיקלען־אָפּהאַנדלונגען פון אַ צאָל שרייבער, וואָס אייניקע פון זיי האָבן אים אויך פּערזענלעך געקענט, —

אַרויסצוברענגען די פילקאָלירנדיקע און גייסטרייכע בריינין־געשטאַלט פון פאַרשיידענע צייטן און ביי פאַרשיידענע סיטואַציעס.

אין משך פון די צענדליקער יאָרן פון זיין אַקטיווער קולטור־געזעלשאַפטלעכער און ליטעראַרישער טעטיקייט האָט ער אַדורכגעמאַכט פאַרשיידענע איבערוואַנדלונגען. ער איז געווען געטריבן פון אינעווייניקסטע און דרויסנדיקע כוחות, קאַמפן און געראַנגלענישן סיי אין דער יידישער און סיי אין דער אַלגעמיינער וועלט. ער האָט געהאַט אין זיין לעבן פיל מאַטעריעלע און גייסטיקע שוועריקייטן, וואָס האָבן זיך שאַרף אָפּגערופן אויף זיין געמיט. די אָפּט־ווידערשפּרעכנדיקע אַרויסזאָגונגען אין די אַרטיקלען, און נאָך מער — אין זיין טאָגבוך, זיינען פון גרויס אינטערעס און באַטייט פאַר דער זייער קאָמפּליצירטער און ראַפינירטער בריינין־פּערזענלעכקייט. זיי זיינען אַ שליסל צו זיינע ווערק און צו זיינע אַרויסטרעטונגען בכתב ובעל פה. אָט איז ער טיף פאַרצווייפלט, און אָט איז ער פול מיט גלויבן, מיט לוסט פאַרן לעבן. פון צופעליקאַרויסגעזאָגטע געדאַנקען און באַמערקונגען וואַקסט אַרויס זיין וועלט־באַנעם און זיין אופן פון רעאַגירן און אויפנעמען מענטשן און דערשיינונגען. די פריידיקע און טיף־ליידנדיקע מאָמענטן אין זיין כאַראַקטער און אין זיינע געפילן זיינען זייער באַלערנדיק. עס איבערראַשן אונדז זיין אָפנהאַרציקייט און טיף־מענטשלעכקייט, וואָס דריקט זיך אויס אין זיינע פאַרצייכענישן אין די גאָר שפּעטערע שעה׳ן פון דער נאַכט. זיין איבערשמועסן זיך מיט זיך גופא זיינען ביז גאָר אינטערעסאַנט. מיר קריגן אַ צוטריט צום פּראָצעס פון זיין שאַפן און צו זיינע אינעווייניקסטע באַרג־אַרויפן און באַרג־אַראָפּן. ער גופא פאַרנעמט זיך מיט זיי זייער אָפּט.

עס איז נישט לייכט געווען פון די הונדערטער אַרטיקלען און אָפּהאַנדלונגען אויסצוקלייבן אַ קליינע צאָל פון די סאַמע וויכטיקסטע, וועלכע זאָלן אונדז באַהילפיק זיין ביים פאָרשטעלן אין דער גאָרער שאַרפקייט און עכטקייט, דעם מענטש און שאַפער, ראובן בריינין.

די געבראַכטע אָפּהאַנדלונגען, וואָס דערציילן אונדז וועגן די קעגנזייטיקע באַציאונגען און שייכותן פון ראובן בריינין מיט אַנדערע אָנגעזעענע שרייבער־דענקער, העלפן אַרויס צו פאַרשטיין און באַגרייפן דאָס אָרט, וואָס ער האָט פאַרנומען אינעם יידישן לעבן און די ראָל, וואָס ער האָט געשפּילט אין דער יידישער ליטעראַטור־וועלט.

די בריינין־זאַמלונג באַדאַרף וועקן דעם אינטערעס ביי די לייענער צו דער ראובן בריינין־געשטאַלט און אָנרעגן זיי, זיי זאָלן זיך באַקענען נעענטער מיט זיינע שאַפונגען, וואָס ער האָט פאַרעפנטלעכט אין יידיש און העברייאיש.

זאָל די דאָזיקע זאַמלונג זיין אַ צוגאָב צום אויטאָביאָגראַפישן ווערק „פון מיין לעבנס־בוך“, וואָס דער „איקוף“ האָט אַרויסגעגעבן אין 1946 (ניו־יאָרק, 383 ז״ז).

מיר האַלטן פאַר אונדזער חוב צו דאַנקען די זין פון ראובן בריינין, מאָזעס און יוסף און די פריינט שולער (מאָנטרעאָל), וועלכע האָבן אונדז אינספּירירט און אַרויסגעהאָלפן אַרויסצוגעבן די דאָזיקע זאַמלונג.

נאָוועמבער 1962. נ. מ.

זכרונות און אַרטיקלען
פון ראובן ברײַנין

די רויטע פיילכן

(פון די שטורעם־טעג)

איך און רחלע זיינען מיר שכנים געווען.

נאָך גאַנץ קליינע קינדער זיינען מיר געווען, ווען מיר האָבן צום ערשטן מאָל צוזאַמען זיך געשפילט.

זי איז געווען מיין כלה, און איך — איר חתן.

מיין „כלה" איז געווען אַ בלאָנדע מיידעלע מיט גרויסע, ליכטיקע, אָפענע אויגעלעך, מיט אַ קליינעם, שיינעם מיילעכל. איך, דער „חתן", בין געווען אַ יינגל מיט שוואַרצע לאָקן און מיט פאַרחלומטע אויגן.

זי, רחלע, איז געווען שטענדיק רואיק און שווייגנדיק. איך — נערוועז, האַס־טיק און רעדעוודיק. דאָך האָבן מיר זיך גוט פאַרטראָגן. זייער זעלטן האָבן מיר זיך געקריגט, און ווען דאָס האָט אַמאָל געטראָפן, בין איך, געוויינלעך, דערין שולדיק געווען, ניט זי.

רחלע האָט געשפּילט ניט נאָר די „כלה" — נאָר אויך די ראָל פון אַ מוטער. ווי אירס אַ קינד האָט זי מיך באַהאַנדלט. דערפאַר פלעג איך איר אויסטראַכטן און דערציילן מעשהלעך. זי פלעגט זייער אויפמערקזאַם אויסהערן, אַ מאַך טאָן מיטן קעפל און באַמערקן: „דו האָסט דאָס נאָר אַזוי דערציילט, דאָס איז דאָך אָבער ניט אמת".

אויף אַ קליינעם טייכל פלעגן מיר לאָזן אונדזערע פאַפיר־שיפלעך אין דער ווייטער וועלט. צוזאַמען האָבן מיר געוועבט אונדזער לעבנס־פאַרהאַנג מיט די גאָלדענע פעדים פון אונדזער גליקלעכער קינדהייט.

איך — עטוואָס האַסטיק, זי — רואיק און לאַנגזאַם.

***

ווען איך האָב אָנגעהויבן לערנען גמרא, זיינען אונדזערע שפּילן געוואָרן זעלטענער. איך האָב זיך פליסיק באַשעפטיקט מיט די שווערע, קאָפּ־ברעכערישע „סוגיות" פון דעם תלמוד. און רחלע איז געווען שטאַרק באַשעפטיקט מיט שטו־ביקער אַרבעט. זי איז געווען די עקרת־הבית ביי אירע עלטערן.

און אונדזער שפילן האָט באַקומען אַ נייעם כאַראַקטער.

איך בין געווען דער „לערער", זי — מיין „תלמידה".

פון אַ גרויסער, דיקער גמרא פלעג איך איר פאַרזאָגן, אין אַ האַלב־זינגענדיקן

טאָן, צו באַװײַזן מײַנע לומדות, און פֿלעג מאַכן דערבײַ אַן ערנסטע מינע, פֿאַר־קנײטשן דעם שטערן און זיך אַרויסהעלפֿן מיט דעם גראָבן פֿינגער. רחלע פֿלעגט צוהערן און האָט גאָרנישט פֿאַרשטאַנען.

װען איך האָב געזען, אַז מיט דער גמרא גײט ניט, האָב איך געמאַכט אַ פּראָבע מיט דעם תנ״ך און װידער האָב איך געשפּילט די ראָל פֿון אַ מלמד, און זי — פֿון אַן אויפֿמערקזאַמער תלמידה.

איך פֿלעג איר פֿאַרטײַטשן פֿאַרשײדענע קאַפּיטלעך פֿון די נביאים. רחלע, מיך צוהערנדיק, פֿלעגט פּלוצלונג אַ פֿרעג טאָן אַזאַ מין שאלה:

— װי מײנסטו, האָט אויסגעזען אַ נביא?

— װי אַן אַלטער פֿרומער ייִד, מיט אַ לאַנגער װײַסער באָרד, מיט לאַנגע גע־קרײַזלטע פּיאות, און דער קול פֿון דעם נביא האָט װײנענדיק געציטערט װי דער קול פֿון אונדזער שטאָט־מגיד...

— נײן, אַ נביא קאָן אַזױ ניט אויסזען. איך גלויב, דאָס דער נביא איז געװען הויך געװאַקסן, שטאַרק, יונג, זײַנע שװאַרצע, פֿײַערדיקע אויגן האָבן געבליצט, זײַן קול האָט געהילכט װי אַ דונער. ער האָט פֿײַנט געהאַט די רײַכע, די בלוט־זויגער און האָט געליבט און געשטיצט אַלע שװאַכע און אָרעמע. ער האָט אויס־געזען... נאָ, װי זאָל איך דאָס דיר זאָגן... יאָ, בײַ אונדז אין שטאָט גיט דאָס גאָר ניט אַזאַ...

***

יאָרן זײַנען פֿאַרגאַנגען... איך בין שױן לאַנג פֿון חדר אַרויס. איך האָב פֿלײַסיק שטודירט די נײַע העברײַאישע ליטעראַטור און פֿרעמדע לשונות. רחל האָט פֿלײַסיק געלערנט רוסיש, און נאָר רוסיש. אַכצן יאָר איז מיר געגאַנגען, מײַנע באַגעגענישן מיט רחלען זײַנען נאָך זעלטענער געװאָרן און בײַם צוזאַמענ־טרעפֿן פֿלעגן מיר בײדע אַ ביסל רויט װערן, זיך עפּעס שעמען; מיר האָבן שױן ניט גערעדט און ניט געלאַכט אַזױ פֿרײַ קינדיש װי פֿריִער...

איך האָב זיך באַשעפֿטיקט מיט באַזונדערער ליבע מיט דער שײנער ליטעראַטור. רחל — מיט די סאָציאַל־װיסנשאַפֿטן. איך פֿלעג נתפּעל װערן פֿון שילער, הײַנע, פֿון גאָרדאָן, און זי — פֿון מאַרקס און לאַסאַל. איך פֿלעג איר דערצײלן ענטוזי־אַסטיש פֿון בלומען און ליבע, פֿון זעלן־פֿאַרװאַנדשאַפֿט, פֿון זיסע חלומות און פֿון עסטעטישע תענוגים. זי פֿלעגט רעדן באַגײַסטערט װעגן דער קאַרטאָפֿל־פֿראַגע, װעגן אַרבעטער־אָרגאַניזאַציעס, װעגן „קאָלעקטיװיזמוס“ און פֿרויען־עמאַנציפּאַ־ציע, איך האָב אַגיטירט צװישן חברים פֿאַר דער װידערבאַלעבונג פֿון דעם ייִדישן פֿאָלק, זי — פֿאַר דער צוקונפֿט־מדינה, אין מיר האָט זיך ביסלעכװײַז דערװאַכט דער „מאַן“, אין איר — די קעמפֿערין.

און אַזױ האָבן זיך ביסלעכװײַז געשײדט אונדזערע װעגן, אונדזער קינדער־און־יוגנט פֿרײַנטשאַפֿט איז איבערגעגאַנגען אין פּאַרטײ־קעגנערשאַפֿט.

***

דאַן בין איך נאָך שווייצאַריע געגאַנגען, איך האָב דאָרטן שטודירט, און נאָך מער — די שיינע אַלפּן־נאַטור גענאָסן. רחל איז אין רוסלאַנד געבליבן, און האָט זיך באַזעצט אין די פאַבריק־צענטערן, אום צו אַגיטירן צווישן יידישע אַרבעטער פאַר דער סאָציאַלער אידייע. ווידער זיינען אַ פּאָר יאָר פאַרגאַנגען, און איך האָב פון איר גאָרנישט געהערט.

נאָר צופעליק האָב איך פון די בונדיסטישע פלוג־בלעטער זיך דערוואוסט, אַז רחל איז קיין סיביר פאַרשיקט. און אויך דאָרטן באַשעפטיקט זי זיך מיט רעוואָלוציאָנערער אַרבעט.

אין די שטורעם־טעג פון 1905 האָב איך זי פּלוצלונג, אומדערוואַרטעט געטראָפן אין אַ זייטיקן ווינקל פון וואַרשע. אַך, ווי פאַרענדערט זי איז געווען! אָפּגעמאָגערט, בלייך, אָפּגעבליט, אַ ביסל איינגעבויגן איז זי געשטאַנען נעבן מיר, נאָר אין אירע שיינע אויגן האָט נאָך געברענט דאָס אַלטע יוגנט־פייער. אין איר גאַנצן וועזן איז געווען עטוואָס הייליקס, פאַנאַטישעס, עקשנותדיקס, עטוואָס וואָס מ׳קאָן גאָרניט מנצח זיין. מיר האָבן זיך ביידע דעראינערט אונדזערע גליקלעכע קינדער־יאָרן און אונדזער יוגנט־פריינטשאַפט.

רעדנדיק וועגן אונדזער ביידנס קינדער־שפּילן האָט אַ ליבער, זיסער שמייכל באַלייכט און געמילדערט דעם האַרטן, קאַלטן אויסדרוק אויף איר ערנסט געזיכט. איר קול האָט געקלונגען ווייך און מעלאָדיש. פּלוצלונג האָט זי זיך ווי פאַרשעמט וועגן איר לירישער שטימונג און איז מיט איין שפּרונג איבערגעגאַנגען פון די קינדער־זכרונות צו שאַרפע וויכוחים איבער צייט־פראַגן. און דאָ האָט זיך ווידער געעפנט אַ טיפער תהום צווישן אונדזערע אָנזיכטן. איך בין געווען פאַר דעם גאַנצן יידישן פאָלק, זי — נאָר פאַרן יידישן פּראָלעטאַריאַט. איך בין געווען פאַר עוואָלוציע, זי — פאַר רעוואָלוציע. איך האָב באַטאָנט די גרויסע פאַרגאַנגענהייט פון יידישן פאָלק און זיין צוקונפט. און זי האָט גערעדט נאָר פון די גרויסע אויפגאַבן פון דער איצטיקער צייט. איך האָב זיך איינגעשטעלט פאַר דעם נאַציאָנאַלן וועזן, — זי — פאַר דעם קלאַסנקאַמף. אירע אָנזיכטן האָט זי אַרויסגעזאָגט אויפגערייצט, העפטיק און אָן רחמנות.

וויכער און רואיקער האָב איך זי געוואָלט איינשטילן. ביי אַן אַלטער בלומען־פאַרקויפערין, וועלכע מיר האָבן באַגעגנט, האָב איך איר געוואָלט אַ פּאָר פּיילכן קויפן. אָבער רחל האָט געמאַכט אַ ברוגזדיקע האַנט־באַוועגונג, אויסרופנדיק: „לאָזט אַזעלכע נאַרישקייטן, איך דאַרף נישט קיין בלומען!“ די אַלטע פרוי אָבער האָט אונדז ניט אָפּגעלאָזן. זי איז נאָכגעגאַנגען און האָט זיך געבעטן, מ׳זאָל ביי איר עטוואָס קויפן. רחל האָט רחמנות געהאַט אויף דער אַלטער פרוי און זי האָט אָנגענומען פון מיר אַ קליינעם פּיילכן־בוקעט.

האַלב ערנסט, האַלב קאָקעט האָט רחל צוגעשפּילעט די פּאָר פּיילכן צו איר ברוסט. און איך האָב ווידער פּרובירט אויפפרישן די דעראינערונגען פון אונדזערע

קינדער־יאָרן. רחל אָבער האָט מיר האַסטיק דערלאַנגט איר בלאַסע האַנט צום אָפשייד.

— וואָס עפּעס אַזוי גיך? — האָב איך פאַרוואונדערט געפרעגט.

— כ׳האָב קיין צייט ניט, — האָט רחל געענטפערט מיט אַ ציטערדיקן קול, — דער קאַמף איז גרויס, און ס׳איז אַ זינד איין מינוט צו פאַרלירן. דער נצחון איז נאָענט, אָבער מען מוז נאָך קרבנות ברענגען... נאָך אַ ביסל אָנשטרענגונג, נאָך אַ העפטיקן אָנשטורעם גיבן די טיראַנישע ביוראָקראַטן, און די פאָלקס־מאַסן זיינען באַפרייט...

ביי די לעצטע ווערטער האָבן אירע אויגן געפלאַקערט און איר פּנים האָט הייליק געשיינט. כמעט וואָלט איך זאָגן, אַז אַ מיסטיש פייער האָט אין איר גאַנצן וועזן געברענט. איך האָב איר געגעבן די האַנט „אויף ווידערזען״.

— אויף ווידערזען? ווער ווייס, פיליכט איז דאָס געווען אונדזער לעצטע באַגעגעניש!

ביי די לעצטע ווערטער האָט רחלס געזיכט אויסגעדריקט עטוואָס ערנסטעס און געהיימניספולעס. און שנעל איז זי פאַרשוואונדן געוואָרן אין אַ שמאָל געסל.

⁂

פאַרזונקען אין טרויעריקע געדאַנקען, בין איך מיר ווייטער געגאַנגען. די לופט איז געווען פייכט און נעפּלדיק. דער הימל גרוי און נידעריק. איך בין פאַר־בייגעגאַנגען אַ גאַס, וואו שטרייקנדע, יידישע אַרבעטער האָבן זיך פאַרזאַמלט. צווישן די רוישנדע, רויע, הייזעריקע, טרוקענע קולות האָט זיך געהערט דער ענערגישער, מעלאָדיש־ריינער און וויבלעך־באַפעלנדער קול פון רחל. און פּלוצלונג איז טויט שטיל געוואָרן. איך האָב געזען און געהערט נאָר רחלען. זי איז געשטאַנען אין מיטן דער מאַסע אויף אַ פּאַס און האָט געהאַלטן אַ פייערדיקע רעוואָלוציאָנערע רעדע. יעדעס וואָרט האָט געווירקט ווי אַ בליץ, און ווי אַ עלעקטרישער פונק איז דאָס דורכגעלאָפן אין די מאַסן...

פּלוצלונג האָט זיך דערהערט אַ שאָס... רחלס רעדע איז אין מיטן וואָרט אָפּגעהאַקט געוואָרן. אַ קויל האָט זי געטראָפן פונקט אין האַרצן.

די ליבע, בלויע פיילכן זיינען רויט געוואָרן פון איר נאָך יונג בלוט.

.1906

בלעטלעך פון ראובן בריינינס טאָגבוך

דינסטיק, 24טן סעפּטעמבער, 1907, בערלין.

די הימלען זיינען לויטער; אַן אָנגעגעמער האַרבסט; די לופט איז דורכ־זיכטיק און מילד און צערטלעך. פון מיין אַרבעטס־צימער זע איך אַ גרויסן פּלאַץ, די פענצטער פון מיין צימער זיינען הויכע און ברייטע און איך באָד זיך אין אַ ים פון ליכט. און דאָך פיל איך אַ מין מידקייט. און באַזונדערס פיל איך אין מיין לעבער אַ ווייטיק, וואָס לאָזט ניט אָפּ. איך שטיי איצט פאַר אַ שרעקלעכן קריזיס אין מיין לעבן. דער ווינטער הייבט זיך אָן, און דערווייל — קיין שום אויסזיכט פון וואָס צו לעבן. אין עטלעכע טעג אַרום באַדאַרף מען באַצאָלן דירה־געלט פאַראויס פאַר דריי חדשים, אויך רעגירונגס־שטייער און שטאָט־שטייער, און שכר־לימוד פאַר די פיר קינדער אין גימנאַזיע. דאָס איז אַ טייל פון די פאַרשיידענע נויטיקע געלטער, וואָס מען מוז גלייך קריגן, און דערווייל זע איך ניט קיין שום מעגלעכקייט, קיין אויסזיכט צו באַקומען. און איך וואונדער זיך, ווי איז עס מעג־לעך אין אַזאַ צייט, ווען איך בין קראַנק און בין פול מיט זאָרגן און יסורים, ווי קאָן איך אין אַזאַ צושטאַנד רואיק לייענען שעקספּירס דראַמעס און ווּיסנשאַפט־לעכע אָפּהאַנדלונגען וועגן די ענדערונגען, וואָס קאָנען געמאַכט ווערן אין דער קולטור פון בלומען און וועגן דער פּסיכאָלאָגיע פון בעלי־חיים און ווערעם, — דאָס וואָס פאַרנעמט מיך די לעצטע טעג, זינט איך בין צוריקגעקומען קיין בערלין, צו מיינע קינדער.

איך בין אין מיינע אייגענע אויגן אַ רעטעניש. עס איז ווי אַ גאַנצע כאָפּטע פון פאַרשיידענע נשמות געפינט זיך אין מיר, — אַמאָל טרעט אַרויס איינע אַ לעבעדיקע, אַן אַקטיווע, דענקענדיקע, און אַמאָל — אַ גאָר אַנדערע. אַמאָל לעבן זיי אין פרידן. איינע ווירקט דינאַמיש, און די אַנדערע — דרימלען, טרוימען, איינגעשרומפּן און צונויפגעקאַרטשעט. און אַמאָל וואַכן זיי אַלע מיטאַמאָל אויף, ראַנגלען זיך, שטויסן זיך און שטרייטן צווישן זיך. און יעדע איינע באַמיט זיך צו געוועלטיקן איבער מיר. אַמאָל הערשט איין נשמה אין מיר, און די איבעריקע קוקן זיך צו, באַאָבאַכטן, משפּטן, קריטיקירן, מאַטערן מיך, און אַזוי ווייטער.

דערקען זיך גופא! —

אַזוי זאָגן אונדז אָן די חכמים פון פאַרשיידענע דורות... און איך — איך האָב שוין אַ שטיק לעבן אַדורכגעלעבט, — און איך קען זיך גופא ניט. לחלוטין ניט! פאַראַן טיפקייטן אין מיר, טיפע אָפּגרונטן, פול מיט שרעק און פינצטערניש, און פאַראַן מאָמענטן, וואָס זונען און שטערן לייכטן אין מיר; פאַרבאַהאַלטענע האָפע־

נונגען און בענקשאַפטן און אויך מוראדיקער צווייפל, און געפילן און טראַכטענישן, וואָס איך ווייס זייער באַטייט ניט. — — —

איך בין אַ רעטעניש פאַר זיך גופא... איך ווייס ניט, וואָס פאַראַ אַנטוויקלונגס־מעגלעכקייטן זיינען באַהאַלטן אין מיר...

זונטיק, 17טן נאָוועמבער, 1907, לעמבערג.

בלויז דאָס, וואָס מיר שרייבן וועגן זיך גופא, אויב נאָר די ווערטער שטאַמען פון די נשמה־טיפקייטן, האָט אַ באַזונדערע ווערט און עס האָט דאָס רעכט געליי־ענט צו ווערן פון אַנדערע אויך נאָך אונדזער צייט. די ווערטער, וואָס מיר שרייבן וועגן זיך, וועגן אונדזער לעבן און אונדזערע אינערלעכע פּאַסירונגען, אויב נאָר מיר גיבן עס איבער אין אונדזער שפּראַך און סטיל, — אָט די זאַכן האָבן אַ באַ־דייטונג פון אַ „מענטשלעכן דאָקומענט”. סוף־כל־סוף קאָנען מיר איבערגעבן און שילדערן אָן שום פאַלשקייטן און אָן „אַנגענומענע ליגנס” בלויז אונדזערע אייגענע געפילן און טראַכטענישן. בלויז אין דעם איז קאָנטיק אונדזער באַזונדערע אייגנ־קייט, אָריגינעלקייט...

... אויב אַ מענטש קען ניט און ווייסט ניט זיך גופא און וואָס ס׳טוט זיך אין זיין אייגענער נשמה, אויב זיין אינווייניקסטער אויער קאָן ניט פאַרנעמען זיין אייגענע אינערלעכע שטימע, אויב ער האָט זיך ניט דערקליבן צו די טיפקייטן פון זיין אייגענער וועלט — ווי זאָל ער קאָנען דערציילן וועגן אַנדערע און זייערע וועלטן. און דעריבער זיינען קינסטלער און דיכטער שטענדיק מער אינטערעסאַנט ווי וויסנשאַפטלער. די ערשטע פאַרמאָגן זייער אייגענע וועלט. זיי קוקן אויף דער דרויסנדיקער וועלט מיט זייערע אייגענע אויגן און זיי גיבן אונדז שטענדיק אַ טייל פון זייערע אייגענע נשמות. אין דער צייט, וואָס די לעצטע, די וויסנשאַפט־לער, זיינען געצוואונגען לויט דער נאַטור פון זייער שאַפן צו זיין אָביעקטיוו און זיי אבסטראהירן זיך גופא. זיי גיבן אונדז ניט זייערע נשמה־טראַכטענישן, ניט זייערע וויזיעס און טרוימען, נאָר פאַקטן, ציפערן, געזעצן און אַלגעמיינע אויס־טייטשונגען.

אונדזערע חכמים האָבן געזאָגט: „חכם עדיף מנביא” (אַ דענקער איז מער, בעסער ווי אַ נביא), און איך זאָג אייך: אַ נביא, אַ דיכטער, אַ קינסטלער איז בע־סער, העכער פון אַ וויסנשאַפטסמאַן, פון אַ וויסנשאַפטלעכן בעל־מלאכה.

ווער עס שילדערט זיין נשמה־געשיכטע און זיינע גייסטיקע איבערלעבענישן, דער שרייבט פאַר זיינע מיטצייטלער און פאַר די דורות, וואָס וועלן קומען נאָך אים... ווער עס פאַרלייקנט זיין אייגענעם וועזן, איז ער אַ פאָטאָגראַף, אַן אויטאָ־מאַט אָן אַ לעבעדיקער נשמה, וואָס כאַפּט אויף פשוט די דערשיינונגען, דאָס לעבן, די מענטשן, וואָס אַרום אים.

... און דעריבער האָב איך אַלעמאָל ליב געהאַט דעם ווידוי פון שרייבער, אויב נאָר עס פאַרמאָגט אַ וואָרעם האַרץ, אין יעדן פאַלק און אין יעדער שפּראַך... אין יעדן ליטעראַרישן ווידוי, ווי אין אַ ווידוי בכלל, איז דאָ היילקייט, צויבער. פון אַ ווידוי קאָן מען פיל לערנען.

און ווי אַ ביאָגראַף האָב איך שטינדיק געפילט, אַז איך באַגיי אַן עוולה קעגן שרייבער און דיכטער, וואָס איך מאָל זיי און דערצייל וועגן זייער לעבן. אויב דער מענטש גופא האָט אונדז ניט דערציילט, אין וואָסער ס׳איז ניט פאָרם, וועגן זיין לעבן, — שילדער איך בלויז אַ טייל פון אים...

און איך זע עס פון זיך גופא.

קיין שום מענטש וואָלט ניט געקאָנט דערציילן מיין לעבנס־געשיכטע. און וואָס ער וואָלט דערציילט, וואָלט ניט געווען אמת... ווייל ער קאָן ניט וויסן גענוי וואָס איך האָב אַדורכגעמאַכט אין זיך, וואָס איך האָב אַלץ געטאָן און כ׳האָב געוואָלט טאָן, וואָס מיט מיר איז געשען און ווי דאָס געשעענע האָט אויף מיר געווירקט...

... דעריבער, איין וואָרט, וואָס אַ שרייבער דערציילט וועגן זיין אייגענעם וועזן, איז טייערער פון פיל דערציילונגען, וואָס אַנדערע גיבן איבער וועגן אים.

דעם 14טן נאָוועמבער, 1908, פּאַריז.

איך בין זיכער, אַז מיין סאַמע אינטערעסאַנט ווערק איז דאָס, וואָס איך וועל קיינמאָל ניט אָנשרייבן; דאָס ווערק, וואָס וועט מיט מיר אינאיינעם שטאַרבן.

דאָס איינציקע באַזונדערע ווערק, וואָס איך וואָלט געקאָנט אָנשרייבן — ליגט פאַרבאַהאַלטן אין מיר, אין מיין מוח, האַרץ און גייסט. אַ ווערק, וואָס כ׳וואָלט געקאָנט אָנשרייבן, און איך שרייב עס ניט. איך וואַנדער אַרום די לעצטע יאָרן, וואַנדער אַרום פיזיש און גייסטיק. און די רו, וואָס ס׳איז נויטיק כדי אָנצושרייבן מיין ווערק, מיין לעבנס־ווערק, דאָס ווערק פון אַלע ווערק — אַזאַ רו פעלט מיר לחלוטין. מיין עקזיסטענץ און די עקזיסטענץ פון מיין פאַמיליע הענגט אין דער לופטן. גאָט האָט מיך געשטראָפט: — ער האָט מיך געשטראָפט מיט אַ געזונטן קערפּער און גייסט. איך פיל מיך געזונט פיזיש און גייסטיק. איך פיל אין מיר אַ שטאַרקן ווילן צו אַרבעטן, צו שאַפן און צו קעמפן דעם גייסטיקן קאַמף פון מיין פאָלק. און דאָס איז מיין אומגליק איצט. ווען גאָט וואָלט זיך אויף מיר דערבאַ־רעמט און מיר געשיקט אַ קראַנקהייט, וואָס זאָל מיך אַוועקלייגן אין בעט, וואָלטן דאָך מיינע פריינט און חברים זיך דערוועקט און געקומען מיר צוהילף... אָבער איך לעב און בין געזונט, און כל־זמן אַ העברייאישער שרייבער ווערט ניט קראַנק, און דער דאָקטער האָט אים נאָך ניט אָפּגעזאָגט דאָס לעבן, אָדער כל־זמן אַ שריי־בער איז נאָך ניט געשטאָרבן — קוקט זיך קיינער ניט אום און טראַכט ניט וועגן זיין מצב. איין־און־צוואַנציק יאָר האָב איך אָן אויפהער געאַרבעט אין דער העב־רייאישער ליטעראַטור (און אויך אין דער רוסיש־יידישער) — איצט איז ניטאָ וואו זיך צו דרוקן, ניטאָ קיין אַרבעט, ניטאָ קיין האָנאָראַר, ניטאָ אויך קיין האָפענונג צו אַרבעטן פאַר דער העברייאישער ליטעראַטור, ווייל די ליטעראַטור גופא גע־פינט זיך אין אַ גסיסה־צושטאַנד.

איינער פון די אָנגעזעענסטע העברייאישע דיכטער, האָט מיר מיט אַ חודש צוריק געשריבן, אַז ער האָט באַשלאָסן צו ווערן אַ שערער, און ער לערנט זיך איצט אָט די מלאכה. און וואָס זאָל איך טאָן, זאָל איך גיין זיך לערנען צו ווערן

אַ שנײַדער? און וואָס זאָל איך גיין נייען? — ווייסע תכריכים פאַר די פּינצטערע טרוימען, וואָס איך האָב געחלומט וועגן מיין פאָלק און זיין ליטעראַטור? דאָס לעבן איז קעגן מיר, דעם שטאָלצן וויזיאָנער און טרוימער. באו מים עד נפש! ניטאָ קיין שום קוואַל אַפילו פאַר אַ גאָר באַשיידענעם לעבן. איך פיל זיך גוואַלדיק איינזאַם אין אונדזער העברייאישער וועלט. באמת: ניטאָ גאָר קיין העברייאישע וועלט... אפילו ווען איך שרייב די דאָזיקע ביטערע רייד, ווייס איך ניט, צוליב וועמען און צוליב וואָס איך שרייב עס. פאַר וועמען קלאָג איך זיך? איך צווייפל אפילו, צי מיינע דאָזיקע רייד וועלן ווען עס איז פאַרעפנטלעכט ווערן...

דעם 10טן אַפּריל, 1909, בערלין.

דער באַנקיר אסקאַר מאַרמאָרעק איז באַגאַנגען זעלבסטמאָרד. ער, דער גביר, וואָס האָט קיין קינד ניט, דער דערפאָלגרייכער מאַן, — ער האָט געזוכט דעם טויט און אים געפונען, און איך, וואָס מיין גאַנץ לעבן און דאָס לעבן פון מיין פאַמיליע הענגט אויף אַ האָר, איך, דער דערשלאָגענער, וואָס האָב קיין הויז ניט און קיין מעגלעכקייט ניט אויפצוהאַלטן מיין משפחה, איך, וואָס מיינע נערוון און פּיאַיקייטן ווערן געפּאַטערט, זינט איך בין געקומען צו מיין פאַרשטאַנד, אויף די טאָג־זאָרגן, אויף כסדרדיקע יסורים פון דעם שטענדיקן געלט־מאַנגל, — איך האָב ליב דאָס לעבן, און קלעפּ זיך אין אים... איך וויל ניט, איך קאָן ניט אַלט ווערן. איך האָב מורא פאַר דער אַלטקייט, פאַר דער אָפּשוואַכונג פון מיינע חושים, מער ווי פאַרן טויט. איך האָב ליב דאָס לעבן, הגם עס דערוועקט אין מיר אַ ווידערגעפיל...

מיינע מאַטעריעלע און גייסטיקע נויטן זיינען אַזוי גרויס, בבריט און פאַרשיידן, אַז איך לייד גיהינום־יסורים, וואָס איך האָב ניט קיין שום מעגלעכקייט אפילו טיילווייז זיי צו באַפרידיקן... מיין לעבן גייט איצט אַדורך אין אַ דערוואַרטונג אויף עפּעס אַ צופאַל, אַ נס, אויף אַ ראַדיקאַלער ענדערונג און דערוויל ווער איך שוואַכער, און אַזוי אויך — מיין גייסט. עס טרעפן זיך אמת אויך אין דער לעצטער צייט מאָמענטן פון דערהויבנקייט, פון אָפּטימיזם, ווען איך פיל מיך שטאַרקער, אָבער די ביטערע ווירקלעכקייט קומט יעדעס מאָל און ברענגט מיר נייע אַנטוישונגען. איך ווער באַרייכערט מיט אַלץ נייע פאַרשיידענע פאַרצווייפלונגען... אין אַזאַ שרעקלעכן מאַטעריעלן מצב ווי איצט, האָב איך זיך נאָך קיינמאָל ניט געפונען. און דאָך פאַרנעם איך זיך לעצטנס מיט פּראָגן און פּראָבלעבן פון דער אמונה. דאָס האָט מיך באַווירקט ענגלאַנד, און אָט באַלד לאָז איך זיך אויף אַ זיצונג, וואָס גרייט צו דעם קאָנגרעס פאַר דער העברייאישער קולטור. — — —

דעם 11טן פעברואַר 1914 (אסתר תענית, ערב פּורים, תרע"ד), מאָנטרעאָל.

ס'איז די נאַכט פון מיין געבוירנטאָג. איך גיב זיך אָפּ אַן אייגענעם דין־וחשבון. איך באַטראַכט מיין לעבנס־גאַנג, איך פּרוואו אונטערצופירן אַ סך־הכל פון מיינע אַרבעטן און מיינע באַשטרעבונגען, איך פאַרגלייך מיין ווילן צו מיינע מעגלעכ־

קײטן, איך קוק אויף צוריק און איך דרינג־אַרײן אין דער צוקונפט, און איך געפין, אַז עפּעס אַ געהײמע האַנט פירט אָן און געוועלטיקט איבער מײן גורל.

שוין צוויי יאָר ווי איך קאָנצענטריר מײן גאַנצע ליטעראַרישע טעטיקײט נאָר אין „קענעדער אַדלער״. איך שרײב יעדן טאָג אויף יידיש פאַרשײדענע אַר־טיקלען און צווישן זײ פיל, וואָס האָבן, לויט מײן מײנונג, אַ באמת ליטעראַרישן ווערט. און זינט איך רעדאַקטיר דעם „אַדלער״, האָב איך שוין פאַרעפנטלעכט אַ 700 ליטעראַרישע מאמרים, אין וועלכע איך האָב גערעדט וועגן פעלקער און מענטשן, באַהאַנדלט פאַרשײדענע לעבנס־און טאָג־פראַגן, און וועגן שרײבער און ליטעראַטור, וועגן פאַרשײדענע פּראָבלעמען פון יידן און יידישקײט, וועגן דער פרײהײט פון לעבן און אויך וועגן פאַרשײדענע פּראָבלעמען פון געזעלשאַפט און וויסנשאַפט... אָבער עס באַפרידיקט מיך ניט, ווײל כ׳האָב דאָס אַלץ געשריבן אין יידיש און ניט אין העברײאיש... געשריבן יידיש — אַ שפּראַך, וואָס מײן נשמה איז ניט פאַרבונדן מיט איר, — און דערצו — ווערט די צײטונג, וואָס איך רעדאַקטיר, ניט פאַרשפּרײט פיל, זי דערגײט ניט אין די פאַראײניקטע שטאַטן און בלויז געצײלטע עקזעמפּליאַרן קומען אָן קײן אײראָפּע... און דאָס איז מײן שטראָף פאַר באַגאַנגענע און ניט־באַגאַנגענע זינד.

פאַר די צוויי יאָר, וואָס איך וואוין מיט מײן פאַמיליע אין קאַנאַדע, האָב איך פיל מער געאַרבעט ווי אין משך פון צען יאָר אין אײראָפּע. און מײן אַרבעטס־פעיִקײטן האָבן זיך זײער געמערט און געשטאַרקט...

דעם 16טן אויגוסט 1914, צוויי בײנאַכט, מאָנטרעאַל.

זינט ס׳איז אויסגעבראָכן דער קריג אין אײראָפּע, זײנען מיר אָפּגעריסן פון אונדזערע ברידער און שוועסטער פון יענער זײט ים. מיר ווייסן גאָרניט, טאַקע לחלוטין גאָרניט, וואָס ס׳טוט זיך אין דער יידישער וועלט מחוץ אַמעריקע.

ס׳האָבן זיך איבערגעריסן אַלע פעדעם, אַלע אָדערן צווישן אונדז און זײ. מיר באַקומען ניט פון אײראָפּע קײן צײטונגען, קײן בריוו און אויך קײן טעלעגראַמעס, אויך ניט קײן דראָטלאָזע דעפּעשן, קײנער קומט ניט פון דאָרט צו אונדז. ס׳האָבן זיך אויפגעהערט צו באַווײזן רעדנער, מגידים און שרײבער, וואָס פלעגן אַהער קומען. קײנער פאָרט אויך נישט פון אַמעריקע קײן אײראָפּע, און קײנער באַווײזט זיך ניט פון דאָרטן.

און איצט איז אינטערעסאַנט צו זען און זיך איבערצײגן, וואָס פאַר אַ נײעם אָריגינעלן געדאַנק, וואָס פאַר אַ נײ וואָרט, וואָס פאַר אַ לאָזונג, וואָס פאַר אַ רוף צום פאָלק וועט די יידישע אַמעריקע אַרויסברענגען, — די אַמעריקע, וואָס איז איצט אָפּגעטײלט, אָפּגעריסן און איז געוואָרן זעלבסטשטענדיק, ניט קאָנענדיק באַ־קומען קײן השפּעה פון אײראָפּע און ניט קאָנענדיק זיך שפּײזן פון אירע גײסטיקע פּרוכטן.

מיר זײנען דאָ רואיק, מיר לעבן אָן שרעק און פּאַניק, מיר האָבן דאָ וואָס צו עסן און לעבן גוט — און אונדזערע ברידער דאָרטן זײנען אויף די קריגס־פראָנטן, און די, וואָס זײנען געבליבן אין זײערע הײמען, שרעקן זיך און פיל פון זײ הונגערן.

זײַערע הײזער זײַנען צעשטערט און די ברידער און שװעסטער זײַנען אַנגעװיזן אויף טויט און חורבן... און װאָס פאַר אַ הילף און רעטונג־געדאַנקען זײַנען בײַ אונדז געבוירן געװאָרן, אַז װי נאָר ס׳װעט זיך שאַפן אַ מעגלעכקייט, זאָלן מיר קאָנען קומען צו הילף אונדזערע ברידער.

צום באַדויערן, הערן מיר גאָרנישט אין דער־אַ ריכטונג... מ׳איז פאַרנומען מיט אײגענע דאגות און זאָרגן... — — — איך האָב ניט באַגעגנט קיין איין יידן, װאָס זאָל באַגרײַפן דעם גרויסן אומגליק פון אונדזערע ברידער אין אײראָפּע אין זײַן פולן פאַרנעם, און די אַלע רעזולטאַטן, װאָס דער קריג קאָן ברענגען. ניטאָ קיין איין ייד, װאָס זאָל פילן דעם פאָלקס־בראָך אין זײַן גאַרער טיפקייט און טראַגיזם...

און אין דער גאַנצער װעלט איז ניטאָ קיין איין גרויסער מענטש — װי ס׳איז אַמאָל געװען אין זײַן צײַט לעװ טאָלסטאָי, — װאָס זאָל קאָנען רעדן צו גאַנץ אײראָפּע און צו װעמען מ׳זאָל זיך װעלן צוהערן.

מען רופט אין קריג — גייט מען! מ׳פירט יונגעלײַט צו דער שחיטה — זאָל מען פירן! מ׳מאַכט חרוב לענדער, שטעט און דערפער, מען צעשטערט קולטור־אוצרות — זאָל מען! מען פאַרלעשט אַלע זונען פון קולטור און מען פאַרטונקלט אַלע ליכטנדיקע שטערן — זאָל מען פאַרלעשן!...

די קולטור באַגראָבט אירע שאַפער, און די שאַפער באַגראָבן די קולטור.

פון העברײאיש — נ. מ.



ראובן ברײנין אין 1893

לעבן און ליטעראַטור

.1

אַ רעטעניש!

וואָס איז פאַרגעקומען, וואָס האָט פּאַסירט? עס שטימט עפּעס ניט. עס רופט אַרויס, עס רייצט צום נאָכדענקען...

אָבער אָן פיל הקדמות.

איך גיי גלייך צום ענין.

איז דאָס ניט מערקווירדיק, איז דאָס ניט אויפפאַלנדיק, וואָס פון איין זייט ווערט אונדזער לעבן פון טאָג צו טאָג, פון שעה צו שעה אַלץ אינטערעסאַנטער, אַלץ דראַמאַטישער, אַלץ רייכער אין פאַרבן און טיפער אין אינהאַלט, אַלץ פאַר־וויקלטער, און די יידישע (זשאַרגאָן) שיינע ליטעראַטור, פון דער אַנדער זייט, ווערט אַלץ פאַנטאַסטישער, וואָלקנדיקער, בלאַסער, חלומדיקער און אַלץ ווייטער און ווייטער, פרעמדער און פרעמדער פון אונדזער לעבן. איך זוך ערלעך, רואיק דעם צוזאַמענהאַנג צווישן אונדזער ווירקלעכקייט (אונדזער טעגלעך לעבן און קאַמף, אונדזערע האָפענונגען ווי זיי זיינען באמת) און צווישן אונדזער נייסטער יידישער בעלעטריסטיק, און איך געפין ניט. עפּעס זיינען זיי איינער מיט דעם אַנדערן קידער־ווידער, להכעיסדיק. וואָס איז דאָס? איך לייען און לייען די לעצטע ווערק, נאָוועלן, דראַמען, שירים פון דער נייסטער יידישער ליטעראַטור, איך פרעג זיך: איז די דאָזיקע ליטעראַטור אַ שפּיגל פון אונדזער נייעם לעבן, אונדזער ווירקלעכן לעבן, מיט אַלע זיינע זיגזאַגן?

חלילה! ניין, מיט אַ גרויסן נון, טויזנט מאָל ניין.

דער, וואָס קען ניט אונדזער לעבן, און וועט דאָס וועלן קענען און שטודירן דורך דער גאָר־נייסטער יידישער ליטעראַטור, וועט ער פאַרבלאָנדזשען, און ניט קענען אַרויסקריכן. ער וועט גלויבן, דאָס די גרעסטע ראָל אין אונדזער איצטיקן לעבן שפּילט די לבנה מיט אירע זילבערנע שטראַלן, די שאָטנס מיט זייערע סודות, רבי נחמנס מעשיות, די בת־מלכה און דער בן־מלך פון די אַלטע בבא־מעשיות אויפסניי איבערגעניציוועט.

קיין שפּיגל איז די גאָר־נייסטע יידישע ליטעראַטור ניט.

וואָס דען איז זי? איך וויל זוכן.

אפשר וועל איך אין איר געפינען דעם אָפּקלאַנג פון אונדזער אַמאָליקן לעבן, פון די ערשטע דורות, פון די מיטעלערע דורות, פון אַלטע צרות, מלחמות, אידעאַלן, האָפענונגען און דענקען? ניין! קיין וואונדער איז דאָס ניט. דען

אונדזער נײַ לעבן, נײַע צרות, נײַע מלחמות, נײַע האָפֿענונגען, נײַע אידעאַלן, נײַ בענקען זײַנען פֿיל לעבעדיקער, פֿיל אינטערעסאַנטער, שטאַרקער און פּראָבלע־מאַטישער. אָבער פֿאַרוואָס געפֿין איך דאָס ניט אין בילדער, אין שילדערונגען, אין פֿאַרמען, אין פֿאַרבן, אין קלאַנגען, אין דיכטעריש באַשאַפֿענע פּערזאָנען?

נײן, איך געפֿין ניט. אומזיסט איז מײַן זוכן.

און ווי זוך איך!

איך נײג־צו מײַן אויער, איך פּרוּוו זײער אויפֿמערקזאַם דערהערן פֿון אונדזער נײַסטער ייִדישער שײן־ליטעראַטור די צוקונפֿט־מוזיק, דעם מאָרגנדיקן טאָג, די באַוועגונג פֿון דער שפּולקע אין דער וועב־שטול וואָס וועבט אונדז אַ נײַע שעה, אַ נײַע עפּאָכע, אַ נײַעם דור.

נײן, איך הער ניט, בין איך טויב, אָדער דאָרטן שפּילט ניט, באַוועגט זיך ניט?

איך שטעל־אָן מײַנע אויגן, איך באַנוץ זיך אויך מיט קריטישע שפּאַקולען און זוך אין דעם געוועבעכטס פֿון אונדזער נײַסטער ייִדישער ליטעראַטור די שאָטן־געשטאַלטן, די רמזים, כאָטש אַ קאָנטור, פֿון דעם קומענדיקן ייִד־מענטש, די בשורה פֿון אַ נײַעם ייִדישן טיפּ, פֿון נײַער שײנקײט, פֿון אַ נײַעם נצחון.

עס ווערט מיר אַזש טונקל אין די אויגן, און איך זע דאָס ניט. בין איך בלינד, אָדער עס איז טאַקע ניטאָ וואָס צו זען?

און דאָס וואָס איך געפֿין יאָ אין דער נײַסטער ייִדישער ליטעראַטור איז טאַ־לענט, עכטן קינסטלער־זין, ערלעכע באַציאונג, ליבע צום פֿאָלק, דורשט נאָך שײנקײט, — איז דאָ גענוג.

אָבער דער טאַלענט ווערט ניט אויסגענוצט. עפּעס איז מען פֿאַרקראָכן אויף אַ פֿאַלשן וועג. עפּעס קלעפּט זיך ניט. עפּעס שטײען די שרײַבער, די דיכטער, די דראַמאַטורגן צופֿיל אונטער דעם אײַנפֿלוס פֿון דער רוסישער ליטעראַטור, פֿון פֿרעמדע אָפּגעטער, פֿון פֿרעמדע מוסטערן.

איך ווענד זיך צו דיר, ייִנגסטע ייִדישע ליטעראַטור, אונדזער ייִנגסטע ייִדישע שאַפֿונג, און זאָג דיר אָן קונצן דאָס, וואָס איך דענק און פֿיל: דו שײנע יונגע פֿרײַלין, דו חנעוודיקע ייִדישע טאָכטער: איך וויל דיך ליב האָבן, איך וויל זיך אין דיר זאָגאַר פֿאַרליבן, אָבער, זײַ מיר מוחל פֿאַר אַן אמת, דיר פֿעלט די עכטע, רעכטע ייִדישע צניעות. דו פֿאַררײַסט מיר צופֿיל דײַן קעפּל, דו ווערסט צופֿיל נתפּעל, ווען אַ גוי גיט דיר אַ קניפּ אין בעקל.

נאָך וויל איך דיר וואָס זאָגן, דו שײנע יונגע פֿרײַלין ליטעראַטור:

דו ביסט אָרעם, אָבער דאָך שײן. דו ביסט בלאַס, אָבער דאָך אינטערעסאַנט. נאָר האָסט אײן חסרון, פֿון וועלכן דו מוזט זיך אָפּוואַנדן! דו פּודערסט זיך און פֿאַרבסט דײַנע בעקלעך, און דאָס שאַדט דײַן נאַטירלעכער שײנקײט, אויך דאָס: דו ווילסט נאָר קאָמפּלימענטן הערן, הלל זאָל מען דיר פֿון מאָרגן ביז אָוונט זאָגן, און דו פֿאַרטראָגסט ניט קײן קריטיק, קײן וואָר וואָרט. דו קענסט גאָרניט הערן, ווען מען ווײַזט דיר אַ פֿעלער.

און צווישן אונדז רעדנדיק: ביסטו אויך צו נערוועז, דו ווערסט גלײַך אויפֿ־געבראַכט, אָנגעצונדן, ווען מען זאָגט דיר, וואָס דײַן עלטערע שוועסטער, מאַדאַם

העברייאישע ליטעראַטור, איז שיין, האָט מעלות, און דו קאָנסט נאָך פון איר וואָס לערנען. איר זייט דאָך שוועסטער פון איין מוטער און אויף דעם שויס פון דיין עלטערער שוועסטער ביסטו דאָך געהאָדעוועט געוואָרן.

אפשר ניט?

איך וויל דיר קיין מוסר ניט זאָגן. איך ליב איבערהויפט ניט קיין מוסר. איך האָב נאָר געוואָלט זאָגן: מערק זיך דעם אַלטן אויסשפרוך: בעסער אַ ביס פון אַ פריינט, ווי אַ קוש פון אַ פיינט.

אויך דאָס וואָלט איך דיר זאָגן, דו חנעוודיקע יונגע פריילין, שוועב ניט אין דער לופטן; נאַש ניט צופיל פון פרעמדע טעלער, קלייב ניט קיין ברעקלעך פון פרעמדע טישן.

מעטערלינק איז דיר ניט אַ פּאָר. וועדעקינד איז פּאָר דיר קיין שידוך. קום צו אונדז אַ ביסל נעענטער, שעפּ אַ ביסל מער פון אונדזער אייגענעם, אַלטעגלעכן, ווירקלעכן לעבן. דאָס וועט דיר גאַנץ גוטס טאָן. דיינע בלאַסע באַקן וועלן רויטע פאַרב באַקומען. דיינע פאַרחלומטע אויגן וועלן מער לעבן, מער אויסדרוק באַקומען.

און וואָס ווילסטו נאָך, מיין ליבכען?

דאָס איז ניט אַלץ, איך האָב נאָך וואָס מיט דיר, מיין יונגע פריילין, צו רעדן. אָבער אַן אַנדערש מאָל.

2.

מען זיצט אין געזעלשאַפט און מען רעדט וועגן ליטעראַטור, וועגן קונסט, וועגן שרייבער, וועגן קינסטלער. און עס איז ניט פאַראַן, אַז דער קלענסטער, דער אומבאַדייטנסטער שרייבער, אָדער קינסטלער זאָל ניט האָבן זיינע חסידים אָדער חסידות, זיינע באַוואונדערער און אָנהענגער.

עס זיינען זייער ווייניק מבינים אין אַ שטאָט, וועלכע קענען ריכטיק אונטער־שיידן עכטע דימענטן, ברילִיאַנטן פון פאַלשן, נאָכגעמאַכטן; נאָך ווייניקער זיינען די מבינים אויף מענטשן, די מענטשן־קענער, אָבער אַמווייניקסטן זיינען די מבינים אויף פּאָעטן, דיכטער, שריפטשטעלער.

ווי עס גיט פאַלשע ברילִיאַנטן, וועלכע לייכטן, שיינען, שפּיגלען זיך אָפּ אין פיל פאַרבן און בלענדן די אויגן פון פיל מענטשן, וועלכע גלויבן, אַז זיי זעען עכטע גוטע שטיינער; ווי עס איז פאַראַן מענטשן פּוסטע און וויסטע, אָן אַ האַרץ און אָן אַ נשמה, אָן שכל און אָן געפיל, וועלכע בלענדן לייטן מיט אַ פּאָר אויס־געלערנטע, אויסגעלייענטע פראַזן, מיט אַ פּאָר ערנסטע אויסגעשטודירטע וויכ־טיקע מינעס, — אַזוי איז פאַראַן נאָך פיל מער פאַלשע, געמאַכטע, פאַבריצירטע פּאָעזיע. עס איז נאָר אין שאָלעכטס פון פּאָעזיע, אָן דעם קלענסטן לעבעדיקן קערנדל. דאָס זיינען נאָר „זייף־בלאָזן”, ניט מער.

— וואָס איז אייגנטלעך דער און דער שריפטשטעלער? — פרעגט מען אין דער געזעלשאַפט, וואו מען „דעבאַטירט” וועגן ליטעראַטור.

— דער און דער, — כאַפּט זיך אַרויס איינער, וועלכער האַלט זיך פאַר אַ גרויסן מבין און קענער — דער און דער איז אַ פּאָעט!

און ווען דער מבין איז נאָך אַ בעל התפעלות, באַנוגנט ער זיך ניט מיט דעם טיטל „פּאָעט" אַליין, ער לייגט נאָך וואָס צו: „אַ פּאָעט פון גאָטס גנאָד".

מיינע ליבע לעזער, באמת איז גאָט ניט אַזוי גנעדיק ווי מען מיינט.

ריכטיקע, עכטע פּאָעטן זיינען זייער ווייניק ביי יעדן פאָלק. זייער ווייניק ביי דער גאַנצער מענטשהייט.

ווי עס שיינט, קאַרגט גאָט מיט דעם אַרטיקל. ניט אַלע מאָנטיק און דאָנערשטיק באַשאַפט ער אַן אמתן פּאָעט. איין מאָל אין אַ יובל, ווען גאָט איז זייער גוט אויפגעלעבט, אָדער אפשר, ווען ער איז זייער צאָרנדיק, באַשאַפט ער אַ פּאָעט, צום גליק, אָדער אַלס אַ שטראָף פאַר די מענטשן. נאָכדעם ווערט ער כביכול, מיד און רוט ווידער אָפּ אַ האַלבן אָדער אַ גאַנצן יאָרהונדערט.

ער איז אַ פּאָעט! זאָגן די ליטעראַטור־נאַשער, און יעדערער מיינט, אַז ער האָט רעכט אויסצוטיילן דעם טיטל.

ער איז אַ פּאָעט!

דאָס איז זייער פיל געזאָגט, אָבער אויך: זייער ווייניק, גאָרנישט געזאָגט.

זייער פיל: דען דער טיטל „פּאָעט" באַדייט שאַפער, אָדלער־מענטש, נביא, הערשער אויף די מענטשלעכע הערצער און געמיטער, צויבערער, וועלכער פאַרענדערט, ווי מיט אַ כישוף, די גאַנצע וועלט און גיט איר אַ נייעם געשטאַלט.

אַ גאַנץ פאָלק, אַ גאַנצע עפּאָכע הייבן אָן צו לעבן, צו אָטעמען, דורך דער שאַפונג פון דעם ווירקלעכן פּאָעט. דער ווירקלעכער פּאָעט זאָגט אונדז אויס די באַהאַלטנסטע סודות אין דעם פרויען־האַרץ, די סודות און חלומות פון די בלומען, פון די שטערן אין הימל. דער ווירקלעכער פּאָעט איז פון דער נאַטור־אויס אַ קעמפער, ער פירט אונדז אין קאַמף, ער העלפט אונדז צו זיגן. דער ווירקלעכער פּאָעט איז אויך אַ מענטשן־טרייסטער, ער טריקנט אונדזערע טרערן, היילט אונדזערע האַרץ־וואונדן און עפנט אונדזערע אויגן צו זען, צו שעצן און צו ליבן די שיינקייט...

ער איז אַ פּאָעט!

דאָס איז אַלץ געזאָגט. אָבער עס קאָן זיין, אַז עס איז גאָרנישט געזאָגט.

„ער איז אַ פּאָעט!". דאָס קאָן אויך הייסן: אַ וואָרט־אַקראָבאַט, אַ קונצן־מאַכער, אַ גראַמען־שטעפער.

דאָס פאָלק אַליין מאַכט חוזק פון דער פאַלשער פּאָעזיע. עס הייסט אויף זיין לשון: „גראַם שטראַם מאַך מיר אַ לעטניק!" אָדער: „עק, מעק, שטרויענע זעק!"

קיין בעסערע סאַטירע אויף דער „פאַבריק־סחורה" פון דער פּאָעזיע קאָן עס גאָרניט געבן.

עס גיבן נאָך פילע מענטשן, באַזונדערס ביי אונדז יידן, וועלכע גלויבן, אַז איינער שרייבט קורצע שורות, קלינגנדע, קנאַקנדע ריטמען און בפרט ווען ער ווענדט זיך צום הימל, צום טיפל און צו די אַלדע רוחות, און ווער זאָגט נאָך, אַז ער געברויכט די מאָדערנסטע ווערטער, די טונקלסטע בילדער, — איז ער דאָך אוודאי און אוודאי אַ פּאָעט.

און דער הייליקער נאָמען הייבט־אָן וואָכעדיק, אָפּגענוצט צו ווערן.

ער איז אַ פּאָעט!

און ווען ער איז אפילו אַווירקלעכער פּאָעט, איז דאָס נאָך אויך זייער ווייניק. אַ גרויסער פּאָעט מוז אויך אַ גרויסער מענטש זיין, מוז אויך גרויסע אידעאַלן האָבן, גרויסע, נייע, ליכטיקע וועלטן אין זיין בוזעם טראָגן.

אַ גרויסער פּאָעט, און אַ קליינינק מענטשעלע, איז אַ טראַגי־קאָמיטע פיגור, אַן אומגליקלעכע בריאה.

און באמת: נאָר גרויסע מענטשן קאָנען גרויסע פּאָעטן זיין.

און נאָך עטוואָס: אויך דער, וואָס איז געבוירן אַ פּאָעט, וואָס גאָט אַליין האָט אים געקושט, מוז פיל לערנען, שטודירן, פאַרפּולקאָמענען זיך. ער איז דאָס נאָך מער מחויב צו טאָן, ווי אַלע אַנדערע געוויינלעכע מענטשן. דער פּאָעט האָט אויך מער פליכטן, חובות, מער אויפגאַבן אין לעבן, אַלס אַלע אַנדערע שטערב־לעכע מענטשן.

און דער גרעסטער פּאָעטישער טאַלענט, ווען מען אַרבעט ניט אויף אים שטענדיק, ווען מען באַרייכערט אים ניט שטענדיק דורך וויסן און קענטעניש, דורך קולטור און דענקען, ווערט ער דאַר, שוואַך, פאַרבליאַקעוועט און אָפּגעשטאָרבן.

זיין אַ פּאָעט הייסט — האָבן אַ גרויס און אַ וואַרעם האַרץ, אַ טיפע, גרויסע נשמה, וועלכע ווייטיקט, שמערצט, ליידט פון אַלע מענטשלעכע דומהייטן, שלעכ־טיקייטן, קליינלעכקייטן.

דיכטן, פּאָעזיע שרייבן, זאָגט איבסען, הייסט: זיך מתודה זיין, אויף זיך אַליין דעם יום־הדין האַלטן...

און דער רעכטער סימן פון דעם ווירקלעכן פּאָעט: ער איז קיין מאָל מיט זיך ניט צופרידן. ער האָט ליב דעם פּראָצעס פון שאַפן, דען אים דרינגט, אים צווינגט עפּעס אינווייניק צו שאַפן, אָבער ער האַסט זיין שאַפונג, דען זי קומט אַרויס שטענדיק בלאַסער, שוואַכער ווי ער האָט געוואָלט.

ער וויל שטענדיק העכער, ווייטער, בעסער, טיפער...

ניין, עס איז קיין פאַרגעניגן נישט צו זיין אַ פּאָעט.

די פּערלען, וועלכע ער שענקט אונדז, דאָס זיינען זיינע טרערן אין דער שטילקייט...

1906.

מענטשן און ביכער

איך האָב ליב מענטשן, אָבער נאָך מער די ביכער, די גוטע ביכער.

אין די ביכער גיבן די גייסטיקע שעפער דאָס בעסטע, איידלסטע און ליכ־טיקסטע וואָס זיי האָבן אין זיך.

ווייל מען קענען די גרויסע מענטשן, מוז מען קענען זייערע שריפטן. עס זיינען פאַראַן ביכער, וועלכע זיינען אַ סך מער ווי זייערע פאַרפאַסער.

אין אַ גוטן בוך ווערט דאָס מיסט פון לעבן — גאָלד: די טרערן — פערל; דאָס גראָבע, דאָס מאַטעריאַליסטישע ווערט פאַרגייסטיקט, געהייליקט; די קליי־ניקייטן פון לעבן ווערן אורזאַכן צו גרויסע געשעענישן.

אמת, ס'זיינען פאַראַן פאַרפאַסער, וואָס זיינען פיל מער, פיל אינטערעסאַנטער, טיפער און קאָמפּליצירטער ווי זייערע ביכער.

אמת, אָפּטמאָל זיינען גראָד יענע ביכער די בעסטע, וואָס זיינען נאָך ניט געשריבן געוואָרן, וועלכע זיינען געשטאָרבן מיט זייערע פאַרפאַסער — דאָך זיינען מיר די ביכער ליבער ווי די מענטשן, ווייל זיי גיבן מיר מער ווי די מענטשן.

איך האָב ליב די ביכער, איך האָב ליב פיל ביכער, פאַרשיידענע ביכער. איך פיל זיך אומבאַקוועם אין אַ הויז, וואו עס פעלן ספרים, עס איז מיר אוממעגלעך צו לעבן אין אַ שטאָט, וואו ס'זיינען ניטאָ קיין ביבליאָטעקן.

מיר איז טייער יעדעס בוך, אין וועלכן עס דריקט זיך אויס אַ טיפער געדאַנק, אין וועלכן עס שפּיגלט זיך אָפּ אַ ריינער מענטשלעכער געפיל, אין וועלכן עס שוועבט אַ נייע האָפענונג און פלאַטערט אַ שיינע פאַנטאַזיע. דער קאַליף אמאר, וואָס האָט פאַרברענט אַ גרויסע, רייכע ביבליאָטעק מיטן אויסרייד: געפינט זיך דען ניט אין אלקאראַן (אין דער איסלאַמיטישער תורה) דאָס, וואָס עס שטייט אין די אַלע ביכער, דאַן צו וואָס טויגן זיי? אלא וואָס דען, אין די ביכער געפינט זיך יאָ וואָס עס שטייט אין אלקאראַן — זיינען דאָך די פילע ביכער איבעריק!

דער דאָזיקער טרויעריקער באַרימטער קאַליף איז ניט דער איינציקער. אויך אין אונדזערע טעג געפינען זיך אַזעלכע קאַליפן: זיי האַלטן נאָר פון איין בוך, פון איין שרייבער — און אַלע איבעריקע שיקן זיי צום טייוול.

כאָטש די גרונט־אידייען פון דער מענטשהייט זיינען ניט פיל אין צאָל, איז

אַן אַרטיקל, וואָס ראובן בריינין האָט פאַרעפנטלעכט צו דער עפענונג פון דער „יידישער פאָלקס־ביבליאָטעק" אין מאָנטרעאָל.

דאָך אין יעדן גוטן בוך פאַראַן אַ באַזונדערע וועלט. מיט יעדן דיכטער, מיט יעדן גרויסן דענקער ווערט די וועלט אויפסניי באַשאַפן.

ווי לאַנגווייליק, ווי אומאינטערעסאַנט איז צו לעבן שטענדיק אין איין וועלט, אין איין ענגן געדאַנקען־קרייז.

די ביכער זיינען ווי אונדזערע בעסטע, אינטימסטע פריינט, אונדזערע לערער, אונדזערע וועגווייזער און ראַטגעבער. די איידלסטע ביכער לערנען אונדז זיך אַליין צו דערקענען: זיי לערנען אונדז צו ליבן, צו האַסן, צו קעמפן, צו ליידן און צו זיגן.

די ביכער טראָגן אונדז אַריבער אין אַנדערע, אין ווייטערע און העכערע קולטורן און אין אַנדערע ספערן. אָן ביכער, אָן דער ליטעראַטור זיינען מיר באַרבאַרן, עס איז ווי נאָך גאָרנישט איז געשען, גאָרנישט האָט אויפגעבליצט און אַלץ איז נאָך תהו־ובהו, אַ מיש־מאַש און אַ כאַאָס.

די ביכער, די ליטעראַטור, — דאָס איז די טייערסטע ירושה, וואָס די גרעסטע גייסטיקע שעפער, אַלע גייסטיקע רעוואָלוציאָנערן האָבן אונדז איבערגעלאָזן פון דורי־דורות. אין די ביכער איז געזאַמלט די דערפאַרונג פון דער מענטשהייט, די רעזולטאַטן פון אַלע פאַרשונגען, אַנטדעקונגען און דערפינדונגען. אין די ביב־ליאָטעקן לעבט די פאַרשטאַרבענע מענטשהייט ווייטער, און ס׳איז שוין אָנגעזאָגט געוואָרן די מענטשהייט וואָס איז נאָך ניט געבוירן געוואָרן. אין די ביבליאָטעקן איז אָנגעזאַמלט געוואָרן די מענטשלעכע קולטור. ערשט מיט די ביבליאָטעקן האָבן מיר די מעגלעכקייט צו פאַרברידערן זיך מיט די גרעסטע גייסטער פון אַלע דורות און פון אַלע לענדער.

אָן ביכער, אָן ביבליאָטעקן זיינען מיר אין גייסטיקן לעבן ווי מיר וואָלטן געווען אין פּראַקטישן לעבן אָן מיקראָסקאָפּן, אָן אייזנבאַנען, אָן דאַמפער, אָן לופט־שיפן, אָן טעלעגראַף און אָן טעלעפאָן. אָן ביכער הייסט, אָנהייבן אַלץ פון פאַרנט, פון אלף בית: פאָרן נאָך מיט בעלי־עגלות, שיקן בריוו דורך אַ שליח אאַז״וו.

דורך ביבליאָטעקן ווערן מיר אַלץ גייסטיק רייכער, מאָראַליש פיינער, אינ־טעלעקטועל שטאַרקער, ריינער, קלאָרער און העכער.

די ביכער זיינען דער טייערסטער אוצר, וואָס די מענטשהייט האָט דערוואָרבן אין לאַנגן שווערן קאַמף. ווען די ביבליאָטעקן זאָלן אין איין פרימאָרגן פאַרשווינדן, בלייבן מיר די אָרעמסטע, די אומגליקלעכסטע ברואים, מיר גייען דאַן צוריק צו אַ ווילדן צושטאַנד.

איך האָב ליב מענטשן, אָבער ביכער נאָך מער. מיט אַ בוך קאָן איך זיך אונטערהאַלטן ווען איך וויל. און קאָן אונטערברעכן, איבעררייסן די אונטערהאַלטונג ווען איך וויל. איך וואַרף אַוועק דאָס בוך און עס ווערט מיר נישט קיין שונא. איך נעם אַן אַנדער בוך, און דאָס ערשטע ווערט נישט אייפערזיכטיק. איך קאָן אויסקלייבן צווישן די פיל ביכער אין ביבליאָטעק וועלכעס איך וויל, נאָך מיין מאָמענטאַנער שטימונג, נאָך מיין גייסטיקער באַדערפעניש. די ביכער גיבן מיר אַ סך, דאָס בעסטע, און איך פיל זיך נישט פאַרשעמט אַלס אַ מקבל, אַלס שנאָרער.

די ביכער מאַכן מיך רײַך און גליקלעך און האָבן צו מיר קײנע טענות, קײנע פּרעטענזיעס, קײנע מאַנונגען.

איך נעם װיפֿל איך װיל פֿון די ביכער און עס װערט מײנס. איך קאָן דאָס אױעקשענקען דער גאַנצער װעלט ביד רחבה און נישט נאָר װער איך נישט אָרעמער, פֿאַרקערט: איך װער נאָך פֿיל רײַכער.

די ביכער, נישט נאָר זײ גיבן מיר זײערע, זײ לערנען מיך אױך צו געפֿינען מײַנע אײגענע אוצרות, װאָס עס געפֿינען זיך טיף פֿאַרבאָרגן אין מײַן נשמה. איך נעם אײן קערנדל און עס װאַקסט אין מיר אױף אַ גאַנצער גאָרטן און איך האָב מײַנע אײגענע פּירות.

דורך די ביבליאָטעקן האָב איך די מעגלעכקײט צו קאָנטראָלירן מײַן בילדונג, די מדרגה פֿון מײַן פּראָגראַם, פֿון מײַן גײַסטיקער אַנטװיקלונג.

איך האָב ליב די מענטשן, אָבער די ביכער נאָך מער.

דאָס בוך באַלײדיקט זיך נישט װען איך בין ניט מסכּים, ניט אײנשטימיק מיט די אידײען װאָס איך געפֿין אין אים. מיר קאָנען פֿיל לערנען אױך פֿון יענע ביכער, מיט װעלכע מיר קאָנען נישט אײנשטימען, אַמאָל לערנען מיר נאָך פֿיל מער פֿון אַזעלכע ביכער.

איך האָב ליב די מענטשן, די ביכער אָבער פֿיל מער.

ראובן ברײנין אין 1906 (פֿון אַ פּאָסט־קאַרטל)

דער ווילן צום לעבן

ווי אַ חלום זיינען מיר די יאָרן פאַרבייגעלאָפן, אַדורכגעשוועבט.

בין איך איצט וואַך?

פיליכט בין איך אויך איצט אין אַ חלום־צושטאַנד. פיליכט זע איך אין חלום אַ חלום.

פיליכט — באַשטימט ווייס איך גאָרנישט. אַלץ וואָס איך האָב איבערגעלעבט, דורכגעלעבט, אַלץ וואָס איך האָב געהאַלטן פאַר ווירקלעכקייט, פאַר ממשותדיק, אַלץ פון וואָס איך האָב שטאַרק געליטן, ווי אַלץ פון וואָס איך האָב פאַרגעניגן געהאַט, מיין פּיין און מיין גליק — דאָס אַלץ ערשיינט מיר איצט, אין דעם אויגנ־בליק, ווי אַ געזעענער חלום, ווי אַ חלום אין אַ חלום.

אַלץ וואָס האָט מיר אַמאָל אויסגעוויזן אַזוי וויכטיק, אַזוי ווערטפול, ערשיינט מיר היינט טרויממהאַפט, שטויב און רויך.

בין איך אַלט? פּיל מאָל שיינט מיר, אַז איך בין נאָך זייער יונג, אַז איך האָב נאָך גאָרניט געלעבט, אַז אַלץ איז אין מיר פריש און איך בין באַרייט אַלץ צו וואָגן. איך דענק ערשט וועגן נייע אַרבעטן. איך מאַך ערשט דעם אָנפאַנג. איך זע פאַר מיר נייע האָריזאָנטן, נייע מעגלעכקייטן און נייע ווענדונגען. ביז איצט איז אַלץ אין מיין לעבן געווען נאָר אַ פּראָבע, אַן עקספּערימענט. איך האָב נאָר געזוכט אַ וועג, באַרוישט געווען פון אַ וועלט מיט אידייען, מיט האָפענונגען און אילוזיאָנען. ערשט איצט איז געקומען די צייט ערנסט צו אַרבעטן, ביטער און האַרט צו קעמפן. אַלץ ערשיינט אין אַ רואיקערן ליכט, אין שאַרפערע קאָנ־טורן. די פאַרבערייטונגען זיינען געמאַכט, און ערשט איצט קומט דער עיקר, דער זין פון לעבן.

און מאַנכעס מאָל ערשיינט מיר, אַז איך בין אַלט, זייער אַלט, אַז איך האָב זייער פּיל איבערגעלעבט; אַז איך האָב אַלץ איבערגעלעבט מיט מיין פאָלק, אַז אַ לאַסט, אַ ירושה פון טויזנטער יאָרן דריקן מיינע פּלייצעס. מיר שיינט אַז איך בין קיינמאָל ניט יונג געווען, צו ערנסט גענומען, אַז נאָך אַלס ייִנגל האָב איך אין זיך געהערט די קולות, דעם רוף, די מאַנונג פון אַלטע דורות, פון אַמאָליקע צייטן.

געשריבן צום 60סטן געבוירנטאָג, אין מערץ 1922.

*
**

בין איך אַלט? מיר שיינט גאָר, אַז די היינטיקע יידישע יוגנט איז אַלט. יונג, פיליכט, אין קערפּער, אָבער אַלט און געבראָכן אין גייסט. פּריציפּיעל זיינען די הייניטקע יונגעלייט. מיד, פאַרצווייפלט איידער זיי האָבן געוואָגט, געהאָפט, געריזיקירט. זיי זיינען גלייכגילטיק, דערשלאָגן, איידער זיי זיינען געווען באַגייסטערט. אויסגערעכנט, פּראַקטיש קלוג אין קלייניקייטן איידער זיי האָבן געטרוימט, איידער זיי האָבן פאַרשווענדעט קראַפט און צייט. עס פעלט זיי טעמפּעראַמענט, שוואונג, אינערלעכער פייער, ראָמאַנטיק, פאַנטאַזיע.

בין איך אַלט? ניין. יאָרן מאַכן ניט אַלט. עס איז אַ צו גרויסער לוקסוס פילן זיך אַלט פאַר דער צייט. „פאַר דער צייט" — און ווען איז די צייט צו פילן זיך אַלט? ניין, עס איז קיין באַשטימטע צייט ניטאָ פאַר אַלעמען. עס איז אינדי־ווידועל. אַנדערע ווערן אַלט געבוירן. פאַר אַנדערע גיט אַ צווייטע יוגנט.

און ווי קאָן מען און ווי זאָל מען זיך פילן אַלט, ווען די וועלט וויל זיך פאַר־יונגערן? ווי זאָל מען זיך פילן אַלט, ווען דאָס לעבן הייבט ערשט אָן ווערן אַזוי אינטערעסאַנט, אַזוי פאַרבן־רייך, אַזוי קלאַנגפול?

ווי זאָל מען זיך פילן אַלט, ווען עס איז דאָ נאָך אַזוי פיל צו שאַפן פאַר יעדן, ווען די גרויסע אַרבעט דאַרף זיך ערשט אָנהייבן, ווען דאָס לעבן איז אַזוי צויבער־האַפט? די וויסנשאַפט האָט ערשט אָנגעהויבן צו קעמפן קעגן דער אַלטקייט; אויך די קונסט, די ליטעראַטור האָבן אָנגעהויבן באַקעמפן די אַמאַליקע באַגריפן פון אַלטקייט. עס ווערן שוין באַשטעלט נייע, פיל ווייטערע גרענעצן פאַרן מענטשלעכן לעבן. און די גרענעצן ווערן אַלץ ווייטער און ווייטער פאַררוקט. די ליניע איז וויסנשאַפטלעך נאָך ניט געשלאָסן. צוריק צו מתושלחן איז דער נייער רוף. שטרענגע וויסנשאַפטס־פאָרשער וואגן שוין צו זאָגן, אַז עס איז ניט אויסגעשלאָסן די מעגלעכקייט, די פיזיאָלאָגישע און פּסיכאָלאָגישע מעגלעכקייטן, דאָס דער טויט זעלבסט וועט נאָך באַזיגט ווערן. דאָס וואָס מענטשן זיינען ביז איצט געשטאָרבן, און קיינער האָט זיך ניט געקאָנט אויסדרייען פונעם טויט, איז דאָך ניט קיין באַוויז, אַז מענטשן מוזן שטאַרבן און דאָס דער טויט קאָן ניט באַזיגט ווערן. ווען מענטשן האָבן ביז מיט אַ קורצער צייט צוריק ניט געקאָנט זיך צונאָמענרעדן אָן דער הילף פון דראָטן, איז דאָס נאָך ניט געווען קיין באַוויז, אַז מענטשן וועלן זיך קיינמאָל ניט קאָנען צונאָמענרעדן אָן דראָט. ראַדיום איז ניט די לעצטע אַנטדעקונג. ווען איר ווילט, גיט גאָר קיין טויט ניט אין אוניווערזום. עס איז דאָ נאָר לעבן און פאַרוואַנדלונגען, פאַרשיידענע פאָרמען פון לעבן. טויט איז אויך נאָר אַ באַזונדערע לעבנס־פאָרם.

עס איז זייער מעגלעך, אַז די לעבעדיקסטע, די באַוועגלעכסטע פון אונדז קאָנען באַטראַכט ווערן, פון די העכערע וועזנס אויף די ווייטע פּלאַנעטן, אַלס טויטע. ווייל דאָס לעבן אויף די ווייטערע פּלאַנעטן, אויף די עלטערע, איז פיל לעבעדיקער, פיל פייערדיקער, פיל באַוועגלעכער און פיל אינטענסיווער, אַז אין

פאַרגלייך צו יענעם לעבן איז אונדזער מינימום פון לעבעדיקייט נאָר טויט, נאָר שטילשטאַנד.

דער שטראָם פון דער צייט, דער אימפּעט פון דער נייער וויסנשאַפט און נייער קונסט נייגן זיך צו דער ליניע פון לאַנג לעבן, פון אייביק לעבן. טאָ ווארום זאָלן מיר זיין קעגן דעם דאָזיקן שטראָם, קעגן דער נייער ליטעראַטור און קונסט־אַנטפּלעקונגען, און ערקלערן זיך אַלט צוליב באַקוועמלעכקייט. בעסער העלפן מיר מיט אונדזער שטאַרקן ווילן דער נייער וויסנשאַפט פון לעבן.

עלען קעי דריקט זיך אויס אין איינער פון אירע עסייען: „אַלט ווערן — דאָס איז גאָר אַ שלעכטע געוואוינהייט, אָבער ניט קיין נויטווענדיקייט".

יאָ, דערקלערן זיך אַלט, אַוועקלייגן די וואָפן, אונטערגעבן זיך — דאָס איז אַ זייער שלעכטע געוואוינהייט. דאָס איז אַלטמאָדיש.

עס איז נאָענט די שטונדע, ווען אַ נייער אַ ליכטיקערער מאָרגנשטערן וועט אויפגיין פאַר דער מענטשהייט. עס פילט זיך שוין אין דער לופט. עס שימערן שוין די ערשטע בלאַסע שטראַלן פון דעם אַזוי לאַנג ערוואַרטעטן מאָרגנשטערן — היינט ווי קאָן מען, ווי זאָל מען גיין שלאָפן, שלאָפן צוליב אַלטקייט, אין אַזאַ שיינער, אין דער שענסטער שטונדע.

שטאַרק איז דער ווילן צו באַגריסן דעם אַזוי הייס געגאַרטן מאָרגנשטערן — און ווער קאָן גיין אין אַזאַ וואונדערבאַרער שטונדע זיך אויסרוען און איינדרעמ־לען, ווייל מען וויל אונדז איינרעדן אַז מיר זיינען אַלט. עס הייבט זיך ניט אָן! וואו אַלט, ווען אַלט — ווען דער גייסט הייבט ערשט אָן צו ערוואַכן, ווען מען הייבט ערשט אָן צו באַגרייפן ווי שיין עס איז דאָס לעבן, ווען דער דורשט נאָכן לעבן איז נאָך אַזוי שטאַרק, ווען מען האָט ערשט אָנגעהויבן באַגרייפן דעם זין פון לעבן, פון שאַפן, פון ווירקן?

עס איז די גרעסטע שאַנדע, די גרעסטע נאַרישקייט זיך אונטערצוגעבן דעם מאַטער, פאַרבלאָזער, לאַנגווייליקער אַלטקייט — אונטערגעבן זיך אָן קאַמף. אויך דער אַלטקייט, דער עלטער־שוואַכקייט מוז ערקלערט ווערן אַ קאַמף.

דער האַרבסט האָט זיין שיינקייט, זיין פרישקייט, זיין רייכקייט אין פאַרבן. אויך דער ווינטער האָט זיין רייץ. פריש און קרעפטיק איז די ווינטער־לופט. אַלע צייטן פון יאָר, אַלע פּעריאָדן אין מענטשלעכן לעבן האָבן זייערע מעלות, זייערע שיינקייטן, זייער ספּאָרט. עס גיט אויך ווינטער־ספּאָרט.

עס ליגט אַ ייִנגל לעבן אַ בוים, ליגט פאַרטראַכט, רואיק, שטיל. עס גייט פאַרביי אַן עלטערער מאַן און פרעגט דעם אומבאַוועגלעך טרוימענדיקן ייִנגל: „וואָס טוסטו דאָ?" — „איך טו גאָרנישט", ענטפערט דער ייִנגל. „גאָרנישט?", פרעגט נאָך אַמאָל דער אַלטער. „טו גאָרנישט!", ענטפערט דער ייִנגל נאָך אַמאָל. „ניט אמת, זאָגט צו אים דער אַלטער, דו טוסט יאָ עטוואָס: דו ווערסט עלטער!"

אָן אונדזער ווילן ווערן מיר פון מינוט צו מינוט, פון סעקונדע צו סעקונדע עלטער. דאָס הייסט אָבער נאָר זאַטער אין טעג. זאַט זיין אין טעג הייסט אָבער

ניט אַלט זײן. אַלט זײן הײסט נאָך ניט פילן זיך אַלט, פילן די אַלטקײט אַלס אַ משא.

װען מען װערט זאַטער אין טעג, װען מען װערט נענטער צו די זיבעציקער, פילט מען נאָך מער דעם װערט פון דער צײט.

די יוגנט פאַרשװענדעט די צײט לײכטזיניק, צװעקלאָז, זיבלאָז — דאָס איז אפשר די מעלה, די געטלעכקײט פון דער יוגנט. זי היט ניט, זי שפּאָרט ניט אירע קרעפטן און אירע טעג. װען מען קומט אין רײפע יאָרן, פאַרשטײט מען דעם באַזונדערן װערט פון יעדער שעה: יש קונה עולמו בשעה אחת, דאָס הײסט מען קאָן אַ גאַנצע װעלט ערװערבן אין אײן שעה. מען קאָן איבערלעבן אַן אײביקײט אין אײן סעקונדע. מען דאַרף דאָס אָבער קאָנען.

און שליסלעך קומט מען אויף דעם געדאַנק, ניט װיפל מען לעבט, נאָר װי מען לעבט און צוליב װאָס מען לעבט.

ניט װי װײט איז דער שפּאַן פון לעבן, נאָר מיט װאָס מען פילט אויס דאָס לעבן, װאָס פאַר אַן אינהאַלט מען גיט דעם לעבן.

1922



ראובן ברײנין אין 1923

מײַנע ערשטע ליטעראַרישע שריט

מײַן ערשטע באַקאַנטשאַפט מיט די העברעיִשע שריפטשטעלער און געלערנטע האָט זייער ווייניק באַאײַנפלוסט מײַן יידישע וועלט־אַנשויאונג און וועלט־פּאַר־נעם, און נאָך ווייניקער — מײַן ליטעראַרישן גייסט.

אײַן זאַך, מוז איך אָבער צוגעבן, האָב איך ווירקלעך געלערנט פון דעם פריערדיקן דור, אייגנטלעך: דורות — און דאָס איז: דעם ערנסט און די פאַר־אַנטוואָרטלעכקייט בנוגע דעם געברויך פון דער שפּראַך און דער אָפּהיטונג פונעם ביבלישן גייסט.

אונטער זייער אײַנפלוס בין איך אויך געשטאַנען בנוגע אונדזער פאַרגאַנגענ־הייט. איך האָב פון זיי געלערנט ליב צו האָבן און אויך צו שעצן אונדזערע אַלטע קולטור־אוצרות.

וואָס עס געהערט אָבער דער קעגנוואַרט און די פּראָבלעמען פון דער צייט, אין וועלכער איך האָב געלעבט, האָב איך געפילט אַ טיפן תהום צווישן מיר און די זקני־הדור. זייער ליטעראַרישע טעכניק, פאָרמען, „אַרט־און־וויַיזע", ווי אויך זייער געדאַנקען־גאַנג און געדאַנקען־אינהאַלט האָבן מיך, דעם אמת־זאָגנדיק, שטאַרק אָפּגעשטויסן. אין דער הינזיכט איז געווען אוממעגלעך אַריבערצוואַרפן אַ בריק צווישן מיר און זיי.

דער אימפּעט פון דער לעבעדיקער צייט און די נײַע ווינטן האָבן מיר גע־וויזן אַן אַנדער ריכטונג און ווענדונג.

איך בין געשטאַנען אין אַ געוויסער מאָס אונטער דעם אײַנפלוס פון עמיל זאָלאַ און איפּאָליט טען. איך האָב אין מײַנע יונגע יאָרן בײַגעריק געשלונגען אַלץ, וואָס ס'איז אַרויסגעקומען פון זאָלאַס פעדער. ניט נאָר זײַנע ראָמאַנען, נאָר אויך זײַנע קריטישע אַרטיקלען און עסייען, וואָס האָבן זיך צו יענער צייט געדרוקט אין דעם אָנגעזעענסטן רוסישן זשורנאַל „וועסטניק יעווראָפּי".

אין יענער צייט איז עמיל זאָלאַ געווען פאַררעכנט אַלס דער קעניג צווישן די אייראָפּייִשע ראָמאַניסטן.

איפּאָליט טען האָט מיך אין דער יוגנט שטאַרק באַגײַסטערט מיט זײַן שטרענג־וויסנשאַפטלעכן צוגאַנג צו דער ליטעראַרישער קריטיק, און איך האָב שטענדיק באַוואונדערט די גענויקייט, די עקזאַקטקייט און באַזונדערס די קרישטאָלענע קלאָרקייט פון יעדן אויסדרוק זײַנעם. זײַן „געשיכטע פון דער ענגלישער ליטעראַטור", איז געווען אַ גרויס געשעעניש אין מײַן גײַסטיקער און ליטעראַרישער אַנטוויקלונג אין יענער צייט.

ניט קוקנדיק אויף דעם, וואָס איך בין נאָך דאַן געווען אויך אַ גרויסער

אַנהענגער פֿונעם רוסישן קריטיקער בעלינסקי, האָב איך דאָך ניט געקאָנט אַזוי לײַכט פֿאַרדײַען זײַן סלאַווישן מיסטיציזם און זײַן פֿאַרטונקלטן העגעליאַניזם.

טען, דער ליטעראַרישער קריטיקער, איז מיר געווען מענטשלעך פֿיל נעענטער און באַגרײַפֿלעכער.

איך דערלויב מיך צו מאַכן די פֿאָלגנדע באַמערקונג: דער באַזונדערער שטריך פֿון מײַן ליטעראַרישן לעבן, וואָס איז טיף פֿאַרבליבן אין מיר ביזן הײַנטיקן טאָג, איז די ליבע און די שטאַרקע נײַגונג צו קלאָרקייט, אײַנפֿאַכקייט און גענויקייט.

איך דענק, אַז יעדער מענטשלעכער געדאַנק, אָדער קאָמפּלעקס פֿון געדאַנקען, ווי טיף און פֿאַרצווייגט זיי זאָלן ניט זײַן, קאָנען קלאָר און אײַנפֿאַך אויסגעדריקט ווערן. מען קאָן גאַנץ קלאָר שרײַבן וועגן מיסטישע און מעטאַפֿיזישע ענינים (צום בײַשפּיל: אַנרי בערגסאָן), ווי געוויסע שרײַבער קאָנען שרײַבן אין אַ טונקל־מיסטישן סטיל וועגן גאַנץ קלאָרע און פּשוטע ענינים.

אַרטור שאָפּענהויער זאָגט: דער בעסטער סטיל איז דער, וואָס דריקט אויס אין גאַנץ געוויינלעכע ווערטער אומגעוויינלעכע זאַכן; דער אוממעגלעכסטער סטיל איז יענער, וואָס באַנוצט אומגעוויינלעכע ווערטער, כדי אַרויסצוזאָגן גאַנץ געוויינלעכע געדאַנקען.

זעלבסטפֿאַרשטענדלעך, אַז אויך בנוגע דעם דאָזיקן פּונקט, אין דער סטיליסטיק, קאָן מען הײַנט־צו־טאָג האָבן אַ גאַנץ אַנדער צוגאַנג, אָבער ניט דאָ איז דער פּלאַץ פֿאַר דעם.

אײנע פֿון מײַנע גאַנץ ערשטע ליטעראַרישע אַרבעטן איז געווען אַ גרויסע דערציילונג, אין וועלכער איך האָב געשילדערט די נאַקעטעווירקלעכקייט פֿון די בריטע ייִדישע מאַסן. די דאָזיקע דערציילונג, וועלכע איז געשריבן געוואָרן אונטערן אײַנפֿלוס פֿון דער רעאַליסטישער שול (רעאַליסטיש — אָבער ניט נאַטוראַליסטיש), איז קיינמאָל ניט פֿאַרעפֿנטלעכט געוואָרן.

נאָך דעם ווי איך האָב אויפֿמערקזאַם איבערגעלייענט טאָלסטאָיס „וואָינאַ אי מיר" (מלחמה און פֿרידן) און דאָסטאָיעווסקיס „בראַטיאַ קאַראַמאַזאָווי" (ברידער קאַראַמאַזאָוו), האָב איך ניט געהאַט קיין מוט צו קומען אין דער עפֿנטלעכקייט, ווען אויך אפֿילו נאָר פֿאַר די העברייִשע לייענער, מיט וואָסער ס'איז גרעסערער דערציילונג.

איך האָב איבערהויפּט דאַן ניט געקאָנט באַגרײַפֿן, וואו נעמען געוויסע בעלעטריסטן דעם מוט און דרייסטקייט צו פֿאַרעפֿנטלעכן זייערע אַזוי־גערופֿענע „שאַפֿונגען" נאָך דעם, ווי מיר האָבן שוין אַזעלכע ווערק ווי די אויבן־אָנגעוויזענע און „זשערמינאַל" פֿון עמיל זאָלאַ.

געטע זאָגט ערגעץ־וואו, אַז יעדער אָנפֿאַנגער וויל נאָכמאַכן שעקספּירן. די העברייִשע שרײַבער פֿון יענער צײַט האָבן געוואָלט נאָכמאַכן סמאָלענסקינען, וואָס האָט געשטרעבט אין זײַן ראָמאַן „התועה בדרכי החיים", נאָכצומאַכן טשאַרלס דיקענסן, אָדער בראַנדשטעטערן. מיך האָט אָבער די העברייִשע בעלעטריסטיק פֿון יענער צײַט, אויסער דער „אהבת ציון", אָפּגעשטויסן. זי איז געווען אין מײַנע אויגן נאָר אַ וואָרנונג, ווי מען דאַרף ניט שרײַבן.

טאָלסטאָי, דאָסטאָיעווסקי און זאָלאַ זיינען געווען ביי מיר פאַררעכנט פאַר שעפער פון אומדערגרייכבאַרער הויכקייט.

איך האָב געהאַלטן פאַר דער גרעסטער חוצפּה פון מיין זייט צו קריכן מיט מיין גרויסער דערציילונג אין דער עפנטלעכקייט. איך האָב זי אפילו ניט פאָרגעלייענט פאַר קיינעם פון מיינע אינטימסטע פריינט. ווען איך האָב געשריבן מיין ערשטע גרויסע דערציילונג, האָט מיך אינטערעסירט דער פּראָצעס פון שרייבן „אַן־און־פאַר־זיך", אָבער ניט דער פאַרלאַנג צו ווערן געדרוקט.

די דאָזיקע דערציילונג איז אינגאַנצן קיין מאָל ניט פאַרעפנטלעכט געוואָרן, אָבער איינצלנע פּרקים פון איר האָב איך מיט אַ פּאָר יאָר שפּעטער געדרוקט אַלס באַזונדערע סקיצן. מיינע סקיצן „בר־מינן קטן" (אין „המליץ" און נאָך דעם אין אַ פאַרבעסערטער פאָרם אין י. ח. ראַוואָניצקיס „הפרדס" אונטער דעם נאָמען „שתי מיתות"), „אבי זקני"*), „תנועה נצחית" (פערפּעטום מאָבילע) און „מגבורי ישראל" (די לעצטע איז געווען געדרוקט אַלס באַזונדערע דערציילונג אין בן־אביגדורס ערשטע אויסגאַבן) זיינען באַזונדערע קאַפּיטלעך אַרויסגענומען פון מיין ערשטער ניט־געדרוקטער דערציילונג.

מיין ערשטער בריוו אין „המליץ" איז געווען געדרוקט אין חודש מערץ, 1880. אין יאָר 1884 האָב איך געדרוקט אין „הצפירה" אַ פּאָר סקיצן, אין וועלכע איך האָב געשילדערט דאָס דאָרפישע לעבן פון אַ שענקער — אַ תלמיד־חכם. ביז 1887 איז געווען מיין ליטעראַרישע אַרבעט נאָר אַ צופעליקע, ניט קיין ערנסטע. ווען דער „היום" האָט אָנגעהויבן צו דערשיינען אין יאָר 1885, אין פּעטערבורג, אונטער דער רעדאַקציע פון דר. י. ל. קאַנטאָר, האָט מיך דער דעמאָלסדיקער הויפּט־מיט־אַרבעטער פון „היום", דוד פרישמאַן, איינגעלאַדן דורך אַ פריינטלעכן בריוו צו שיקן קליינע סקיצן אין דער אויבנדערמאָנטער ערשטער טעגלעכער העברייאישער צייטונג.

פרישמאַן האָט מיר געשטעלט אַלס מוסטער פאַר די דאָזיקע סקיצן דעם דיכטער ש. פרוג, וועלכער האָט צו יענער צייט געדרוקט אין „וואָסכאָד" האַלב־פעליעטאָניסטישע און האַלב־זשאַנר סקיצן.

איך האָב אָבער גאָרנישט געשיקט פאַר דעם „היום", הגם איך האָב אים געלייענט טעגלעך מיט גרויס אינטערעס.

איך האָב ניט אָנגענומען די איינלאַדונג פון פרישמאַנען, ווייל איך האָב דאַן געהאַט באַשלאָסן זיך ריכטיק און ערנסט צוצוגרייטן צו מיין קינפטיקער ליטע־ראַרישער אַרבעט.

מיין רעגלמעסיקע ליטעראַרישע אַרבעט הויבט זיך אָן אין יאָר 1887, אַפריער נאָר אין „המליץ", וואָס איז דאַן רעדאַקטירט געוואָרן פון דעם דיכטער און פּוב־

*) די דייטשע איבערזעצונג, וואָס הערצל האָט מיט באַגייסטערונג געדרוקט אין זיין „וועלט" האָט געבראַכט מאַקס נאָרדוין צו שרייבן וועגן דער דאָזיקער סקיצע, אַז געוויסע שטעלן אין איר, וועלכע ער האָט באַצייכנט, שטייגן איבער די שילדערונגען פון דער אַרט ביי דיקענסן און אַלפאָנס דאָדע.

ליציסט (וועלכער איז דאַן געווען פאַררעכנט פאַר דעם גרעסטן יידישן שריפט־שטעלער) יהודה־ליב גאָרדאָן.

דאָס איז געווען אין דער צייט, ווען איך האָב שוין געלעבט אין מאָסקווע און געווען אַ מיטגליד פון דעם סטודענטן־קרייז „בני־ציון".

די חברשאַפט פון די „בני־ציון", באַזונדערס פון יעקב בן ישעיהו מזא"ה, אברהם אידלסאָן, יחיאל לעוואָנטין און פסח מאַרעק (וועלכע האָבן נאָך דעם אַליין פאַרנומען אַ חשובן פּלאַץ — די ערשטע דריי אין דער העברייאישער ליטעראַטור און מאַרעק אין דער רוסיש־יידישער אויף דעם געביט פון היסטאָרישע פאַרשונגען און יידישן פאָלקלאָר) איז געווען זייער אָנרעגנדיק און דערמוטיקנדיק.

אין דעם קרייז פון די „בני ציון" האָב איך זיך דאַן געקאָנט גייסטיק אויסלעבן.

גלייך נאָך פרץ סמאָלענסקינס טויט אין יאָר 1885, האָב איך געהאַט אויפגעשריבן מיין „גסיסת הסופר", וואו איך האָב געשילדערט אין אַ האַלב־בעלעטריסטישער פאָרם און אין אַ האַלב־ביאָגראַפיש־עסייאיסטישער פאָרם סמאָלענסקינס קינדערישע יאָרן, ווי אויך זיין גסיסה. דער „גסיסת הסופר" איז געלעגן ביי מיר אַ צוויי יאָר אין מאַנוסקריפּט. ווען דאָס יאָרבוך פון „כנסת ישראל" פון שפ"ר (שלום פנחס ראַבינאָוויטש) האָט אָנגעהויבן צו דערשיינען, האָב איך אים צוגעשיקט דעם דאָזיקן כתב־יד. דער „כנסת" איז דערשינען, מיין „גסיסת הסופר" איז אָבער ניט געווען געדרוקט דאָרטן. דער רעדאַקטאָר האָט מיין מאַנוסקריפּט געוואָרפן אין קאָרב, מיך ניט באַערט מיט קיין ענטפער אויף מיין בריוו צו אים און פולשטענדיק איגנאָרירט מיין „שרייבעכץ".

איך בין געווען איבערצייגט, אַז מיין ליטעראַרישע אַרבעט טויג טאַקע ניט, און איך האָב צו שפ"רן קיין טענות ניט געהאַט, פאַרוואָס ער האָט זי ניט געדרוקט. איך האָב געגלויבט, אַז ער האָט געלייענט מיין מאַנוסקריפּט און אים פאַרבראַקירט. מיר האָט גאָרניט געקאָנט איינפאַלן, אַז דער רעדאַקטאָר זאָל האָבן אַריינגעוואָרפן מיין כתב־יד אין קאָרב, ניט אַריינשמעקנדיק אין אים, נאָר דערפאַר, ווייל דער אונטערשריפט איז אים געווען אומבאַקאַנט, ד. ה. פון אַן אָנפאַנגער. איך האָב אויך ניט געקאָנט אַרויפלאָזן אויפן גערדאַנק, אַז דער רעדאַקטאָר, ד. ה. שפ"ר, זאָל ניט האָבן קיין חוש און קיין פאַרשטענדעניש פאַר בעלעטריסטיק, פאַר דער פאָרם, אין וועלכער איך האָב געשילדערט דאָס אָפּשטאַרבן, די גסיסה פונעם שרייבער.

ווען אויף איינעם פון די אָוונטן פון די „בני־ציון" האָט אידלסאָן געלייענט אַ רעפעראַט וועגן פרץ סמאָלענסקין, האָב איך זיך דערמאָנט פון מיין „גסיסת הסופר", וואָס וואַלגערט זיך ביי מיר צווישן די פּאַפּירן, און איך האָב באַשלאָסן צו בעטן מיין פריינט, דעם אינזשיניער יחיאל לעוואָנטען (דעם שפּעטערדיקן העברייאישן בעלעטריסט אונטער דעם ליטעראַרישן נאָמען חושי הארכי), וואָס איך האָב געגלויבט אין זיין ליטעראַרישן געשמאַק, ער זאָל איבערלייענען מיין כתב־יד. ווען ער האָט אויפמערקזאַם איבערגעלייענט, איז געווען זיין גזר־דין: „דו האָסט אָנגעשריבן אַן אומזין! עס טויג ניט!" איך האָב אָנגענומען זיין אורטייל, ווי אַ גערעכטן משפט.

אין יאָר 1887 האָט גאָרדאָן געדרוקט מיינע פּובליציסטישע אַרטיקלען אויפן ערשטן פּלאַץ אין „המליץ". אייניקע זיינען געווען געדרוקט אַלס לייט־אַרטיקלען. שוין מיינע ערשטע פּובליציסטישע אַרטיקלען האָבן געצויגן די אויפמערקזאַמקייט פון דער דעמאָלסדיקער העברייאישער אינטעליגענץ. צעדערבוים און גאָרדאָן האָבן מיר נאָך יעדן אַרטיקל געשיקט בריוו מיט לויב־געזאַנגען.

דאָס האָט מיר דערמוטיקט צוצושיקן גאָרדאָנען מיין פאַרוואַלגערטן „גסיסת הסופר". די ערשטע צוויי גרעסערע קאַפּיטלעך. גאָרדאָן האָט זיי אויפגענומען מיט באַגייסטערונג, אָבער ער האָט זיך אָפּגעהאַלטן פון דרוקן זיי גלייך. עס האָט זיך אָנגעהויבן אַ שטאַרקע קאָרעספּאָנדענץ צווישן מיר און גאָרדאָנען וועגן סמאָלענסקינען **). גאָרדאָן האָט זייער געלויבט דעם אופן פון מיין שרייבן און האָט מיר פאָראויסגעזאָגט אַ גוטע צוקונפט אין דער העברייאישער ליטעראַטור. ער האָט מיר אָבער אויפמערקזאַם געמאַכט, אַז איך אידעאַליזיר צופיל די פּערזאָן פון סמאָלענסקינען, הגם איך האָב אין גאַנצן אַרטיקל קיין איין מאָל ניט דערמאָנט בפירוש דעם נאָמען פון סמאָלענסקינען, ווי „ס'ווערט ניט דערמאָנט דער שם־הויה אין דער מגילת אסתר" (גאָרדאָנס אויסדרוק אין זיינע בריוו).

גאָרדאָן האָט שווער געקאָנט פאַרטראָגן מיין באַגייסטערונג בנוגע סמאָלענסקינען אַלס שריפטשטעלער. ער האָט געהערט אין דער דאָזיקער באַגייסטערונג דעם אָפּקלאַנג פון די געפילן, מיט וועלכע עס איז געווען דורכגעדרונגען די נאַציאָנאַלע יוגנט, אין דער צייט, ווען די זעלבע יוגנט האָט זיך צו אים, גאָרדאָנען, פאַרהאַלטן קאַלט, אויב ניט אַנטיפּאַטיש. פון גאָרדאָנס בריוו צו מיר האָב איך אַרויסגעלייענט, אַז ער האָט געטראָגן אין האַרץ אַ באַהאַלטענעם כעס אויפן פאַרשטאָרבענעם שרייבער און אַ געוויסע „גרינגשעצונג" צו זיין פּערזאָן.

נאָך דעם ווי גאָרדאָן האָט אָפּגעדרוקט די ערשטע צוויי קאַפּיטלעך פון „גסיסת הסופר", האָט ער מיך געבעטן צושיקן דעם סוף. איך האָב אים געענטפערט, אַז ס'זיינען נאָך פאַראַן דריי קאַפּיטלעך, גאָרדאָן האָט מיך דרינגענדיק געבעטן, איך זאָל פאַרענדיקן מיין אַרטיקל, נאָר אין איין אָפּגעקירצטן קאַפּיטל. איך האָב אויף דעם געענטפערט, אַז איך וויל ניט לייגן מיין כתב־יד אין זיין סדום־בעטל. איך האָב אויך גאָרדאָנען ניט דערלויבט צו מאַכן די קלענסטע ענדערונג אין מיין מאַנוסקריפּט. ווען ער האָט מיר געהאַט צוגעשיקט פון פּעטערבורג קיין מאָסקווע די קאָרעקטורן פון מיין „גסיסת הסופר" און איך האָב דאָרטן געפונען, אַז ער האָט אַריינגעשטעלט אַ ציטאַטע פון זיינעם אַ שיר, האָב איך דאָס אָן רחמנות אויסגעשטראָכן. דאָס זיינען געווען מיינע ערשטע דערפאַרונגען אויף דעם געביט פון ליטעראַרישער עטיק.

**) אַ גרויסער טייל פון די דאָזיקע גאָרדאָנס בריוו איז אָפּגעדרוקט אין „מכתבי יל"ג", אַרויסגעגעבן דורך י. י. ווייסבערג.

גערשאַנקען וועגן זיך אַליין

(צום 75סטן געבוירנטאָג)

טראַגנדיק אויף זיך אַ פּעקל פון פינף־און־זיבעציק אָפּגעשטאַרבענע יאָרן, ציט עס מיך צו באַטראַכטן דעם מאַרשרוט פון מיין ביז־איצטיקן לעבנס־וועג.

איך בלעטער דורך מיין לעבנס־בוך, — איך וויל זיך אָבער אָפּשטעלן אויף אַלטעגלעכקייטן.

דורכלויפנדיק אין געדאַנק מיינע איבערלעבונגען, זוך איך אין זיי די הויפּט־ליניע, און איך געפין, אַז דאָס וויכטיקסטע אין מיין לעבן איז געווען, און עס איז געבליבן ביז אויף היינטיקן טאָג, דער פאַקט, וואָס איך בין געוואָרן אַ העברייאיש־יידישער שרייבער.

בין איך עס געוואָרן דורך אַ צופאַל, אָדער עס איז געווען די באַשטימונג פון מיין געבורט? איז די שריפטשטעלעריי געווען מיין שיקזאַל, לויט מיין אינער־לעכער נאַטור, לויט מיין באַזונדערער פּסיכאָלאָגיע, און אַנדערש האָט עס גאָרניט געקאָנט זיין?

ווי מיר שיינט היינט צו טאָג, קאָן דער פאַקט פון מיין שריפטשטעלעריי דער־קלערט ווערן בשום אופן ניט דורך אַ צופאַל. זינט איך געדענק זיך, איז געווען מיין איינציקע שטרעבונג צו ווערן אַ שריפטשטעלער.

נאָך אַלס יינגל, וועלכער האָט קיין אַנונג ניט געהאַט, אַז עס איז דאָ אויף דער וועלט אַזאַ זאַך ווי ליטעראַטור, האָב איך שוין דאַן געהאַט געשטרעבט צו ווערן אַ שרייבער פון הייליקע ספרים, למשל: „שאלות ותשובות", „ספר מוסר" אד"ג, און האָב איך געזען אָדער געהערט וועגן עפּעס אויסערגעוויינלעכס, אָדער ווען אין מיין קאָפּ האָט אויפגעבליצט אַ געדאַנק, וואָס ער האָט מיר אויסגעזען צו זיין ניי, האָט עס מיך גערופן און געוועקט צו פאַרשרייבן עס שוואַרץ־אויף־וויס, עס זאָל חלילה ניט פאַרלוירן גיין.

ס'איז פאַר מיר געווען אַן אמתע איבעררעשונג, ווען איך האָב דערזען אויף מיינע פּאַטאָגראַפיעס, וואָס דער העברייאישער פאַרלאַג „אחיאסף" האָט געהאַט געדרוקט, צום פאַרקויף, מיט לערך פופציק יאָר צוריק, מיינעם אַ זאָץ פון אַ פּע־ליעטאָן: „ביט דער מענטש וואָס שרייבט אויף אַ פּאָר ביכער, האָט דאָס רעכט צו טיטולירן זיך מיטן ביי־נאָמען 'סופר'", ווייל צו זיין עס מוז מען געבוירן ווערן אַ שריפטשטעלער. („לא כל איש הכותב ספרים אחדים ראוי להקרא בשם סופר. הסופר יולד").

דער ציטירטער זאַץ, וואָס די רעדאַקציע פונעם „אחיאסף" האָט געהאַט אַרויס־געפונען פון מיינע שריפטן, איז געווען כאַראַקטעריסטיש פאַר מיינע באַציאונגען צום העברייאישן שרייבער.

***

ביז מיין זעכצנטן לעבנס־יאָר האָב איך ניט געזען מיט מיינע אייגענע אויגן אַ ביכל פון דער ניי־העברייאישער ליטעראַטור.

ווען איך בין אַלט געוואָרן זעכצן יאָר, האָט מיר מיין פאָטער, עליו־השלום, געבראַכט אַ מתנה, פון אַ רייזע, וואָס ער האָט געמאַכט קיין מינסק, דאָס ביכל „יסודי חכמת השעור" פון חיים זעליג סלאָנימסקי.

מיין פאָטער איז געווען אַ געבוירענער מאַטעמאַטיקער. ניט אָנזעענדיק קיין מאָל אין זיין לעבן אַ רעכן־ביכל, פלעגט ער דאָך מאַכן אין זיין קאָפּ זייער שנעל און ריכטיק די קאָמפּליצירטסטע תשבורת־רעכענונגען.

מיין פאָטער האָט באַמערקט מיינע נאַטירלעכע מאַטעמאַטישע פייאיקייטן, ווען איך בין געווען אַ קינד פון פינף יאָר. אויך איך פלעג מאַכן אין קאָפּ שווערע רעכענונגען, האָט ער געוואָלט מיר פאַרלייכטערן מיין קאָפּ־אַרבעט דורך אַ לערן־בוך, וואָס קאָן מיך ברענגען פיל ווייטער אין חכמת־החשבון.

ווען מיין זיידע, עזריאל, האָט מיך אַמאָל געפונען זיצנדיק מיט אַ פּאָר־קנייטשטן שטערן איבער סלאָנימסקיס ביכל, האָט ער מיך מיט כעס אַ פרעג געטאָן:

— ווי קומט צו דיר אַן אפיקורסיש ביכל?

— דער טאַטע האָט עס מיר אַ מתנה געבראַכט, — איז געווען מיין ענטפער מיט אַ ציטערנדיקער שטימע.

דער זיידע האָט אַריבערגעטראָגן זיין כעס פון מיר אויף מיין פאָטער, זיין זון, וועלכן ער איז באַפאַלן מיט די ווערטער:

— אַזוי גאָר, דאָס האָסטו אַליין געבראַכט דעם אומשולדיקן קינד דעם טריף־פסול פון סלאָנימסקין, דעם אפיקורס, ימח שמו וזכרו!...

עס איז דאַן אַנטשטאַנען אַ היציקער וויכוח צווישן מיין טאַטן און זיידן. אַריינ־מישנדיק זיך אין דעם דאָזיקן וויכוח, האָב איך געטענהט:

— וואָס איז שייך צו זאָגן אפיקורסות אויף אַ בוך פון מאַטעמאַטיקע, וואָס רירט ניט אָן מיט איין וואָרט די אמונה.

מיט אַ קול פון נצחון האָט מיר דער זיידע געענטפערט אויף מיין באַמערקונג:

— ווען אַזאַ אפיקורס ווי סלאָנימסקי גיט אַ זאָג מיט אַן אומשולדיקער מינע, אַז צוויי מאָל צוויי איז פיר, ליגט דאָך אין דעם פאַרשטעקט אַ שטיק כפירה!

די דאָזיקע קלאַסישע באַהויפּטונג פונעם זיידן האָט אין מיר אַרויסגערופן, מיט זיין אַבסורדיטעט, אַ ווידערווילן קעגן דעם ווילדן פאַנאַטיזם.

איך האָב דאַן געהאַט באַשלאָסן טיף אין האַרצן, אַז מיין זיידע, ווי אויך די אַנדערע זיידעס, זיינען אומגערעכט אין זייער שאַרפן און זינלאָזן אורטייל וועגן ספרי־חכמה, און אַז איך וועל גיין אין לעבן מיט מיין אייגענעם דרך.

איך מוז הײנט צוגעבן, אַז מיר איז ניט לײַכט אָנגעקומען דאָס לערנען זיך אַלגעברע פונעם „יסודי חכמת השעור". די דעמאָלטדיקע אָרעמע און ניט גאַנץ דײַטלעכע העברײיִשע טערמינאָלאָגיע פאַר דער „חכמת־האַלגעבראַ", האָט מיר אויסגעקוקט גאַנץ פֿרעמד און משונהדיק. איך האָב אָבער מיט אַן עכט קינדיש־ײדישער עקשנותדיקײט בײַגעקומען די אַלע שװעריקײטן. דאָס האָט מיך אױפֿגע־הױבן אין מײַנע אײגענע אױגן, און איך האָב באַקומען אַ שטאַרקן חשק צו פּאָזי־טיװע װיסנשאַפֿטן.

היות, װי איך האָב דאַן קײן אַנדער שפּראַך, אױסער העברײיִש, ניט פֿאַר־שטאַנען, האָב איך בײַ זיך אָפּגעמאַכט צו דערװערבן די װיסנשאַפֿטלעכע העברײ־יִשע ביכער, װען אַזעלכע איבערהױפּט געפֿינען זיך.

און דער גאָט, װאָס שיקט צו דעם שפּינער זײַן לײַן און דעם שענקער זײַן װײַן, האָט מיר אױך צוגעשיקט דורך אַ זעלטענעם צופֿאַל, אַן אױסגעריסן בלעטל פֿון אַ העברײיִשן ביכל, װאו עס זײַנען געװען אָנגעגעבן די װיסנשאַפֿטלעכע ביכער, „אבן השואבת" און „המנוחה והתנועה" פֿון צבי הירש ראַבינאָװיץ.

האָב איך זיך געװענדט מיט אַ לשון־קודשדיקן בריװ, געשריבן אין אַ רבנישן נוסח, צו אברהם צוקערמאַן אין װאַרשע, מיט אַן אָנפֿראַגע אויב ער האָט אין זײַן בוכהאַנדלונג די ספֿרי־חכמה פֿונעם מחבר צבי הירש ראַבינאָװיץ, און װאָס איז דער פּרײַז פֿון יעדן ביכל עקסטראַ.

עס זײַנען אַריבער אַ פּאָר װאָכן, און קײן ענטפֿער אױף מײַן בריװ איז פֿון װאַרשע ניט געקומען.

אין מײַן געבורט־שטעטל איז דאַן קײן בריװ־טרעגער ניט געװען. אַ מײדל, די טאָכטער פֿונעם פֿעלדשער, פֿלעגט פֿאַנאַנדערטראָגן די פּאָסט צװײ מאָל אַ װאָך. אין יענע טעג פֿלעג איך זי אָפּװאַרטן בײַ דער פּאָסט מיט דער פֿראַגע: האָט זי ניט אַ בריװ פֿון װאַרשע, פֿון צוקערמאַנס בוכהאַנדלונג, פֿאַר מיר?

װען זי פֿלעגט מיר ענטפֿערן: „ניטאָ!" פֿלעג איך פֿאַלן אין מײַנע אױגן און פֿלעג װערן אױסער זיך.

און אומדערװאַרטעטערהײט איז די בריװ־טרעגערין אַרײַנגעקומען אין אונדזער הױז, און מיר דערלאַנגט אַ פּאָסט־קאַרטל פֿון צוקערמאַנען. מיט אַ שמײכל האָט זי מיך אַ פֿרעג געטאָן:

— נו, װאָס שרײַבט ער אײַך, דער דאָזיקער צוקערמאַן, איז כדאי געװען אײַער װאַרטעניש?

איבערלײענענדיק דאָס פּאָסט־קאַרטל, האָב איך זיך פֿאַנאַנדערגעלאַכט. עס איז מיר קלאָר געװאָרן, אַז דער משכּיל און העברײיִשער שרײַבער אברהם צוקער־מאַן, האָט אַ טעות געמאַכט, אָננעמענדיק מיך פֿאַר אַן עלטערן ײדן. דערױף האָט שױן עדות געזאָגט די טיטול־שורה פֿונעם פּאָסט־קאַרטל: „לחכם הנכבד רבי ראובן בריינין, נרו יאיר!"

דער רבנישער נוסח פֿון מײַן בריװ און מײַן דעמאָלטדיקער כּתב האָבן, װי עס שײַנט, געמאַכט אױף אים דעם אײַנדרוק, אַז דער בריװ־שרײַבער איז אַ זקן.

און ווען אַ זקן, וועלכער לעבט אין אַ פאַרוואָרפן חסידישן שטעטל, וויל קויפן די ספרי־מדע פון צבי ראַבינאָוויץ, מסתמא איז ער אַ „חכם נכבד".

אים, צוקערמאַנען, האָט גאָר ניט געקאָנט איינפאַלן דער געדאַנק, אַז דער שרייבער פונעם בריוו איז גאָר אַ זעכצן־יאָריק יינגל.

אינעם זעלבן טאָג האָב איך אָנגעשריבן אַ גרעסערן בריוו צו צוקערמאַנען. אינעם בריוו האָב איך איינגעוויקלט אַ פּאָר רובל — מיין גאַנצן אָנגעזאַמלטן קאַ־פּיטאַל — און געבעטן אים ער זאָל זיין אַזוי גוט און מיר צושיקן גלייך דעם ספר „אבן השואבת".

מיט אַ באַזונדערער כוונה האָב איך אָנגעהאַלטן דעם נוסח פון אַ זקן אין דעם דאָזיקן בריוו. עס האָט מיר פאַרשאַפט שפּאַס צו פאַרשטעלן זיך ווי אַן אַלטער מאַן.

מיט ציטערנדיקע הענט, מיט אַ קלאַפּנדיק האַרץ און שווער אָטעמנדיק, האָב איך אויפגעעפנט דעם „אבן השואבת" און גענומען בלעטערן אין אים. די געדרוקטע צייכענונגען פון דעם, ווי אַ מאַגנעט ציט צו זיך צו שטיקלעך אייזן; די צייכענונגען פון ספּעקטראַ־אַנאַליז מיט די זיבן פאַרבן פון רעגנבויגן, און אויך די אָפּצייכע־נונגען פון עלעקטרישע מאַשינען, האָבן מיך באַגייסטערט. מיר איז ליכטיק גע־וואָרן אין די אויגן.

און איך האָב אָנגעהויבן שטודירן דעם „אבן השואבת". ביינאַכט, ווען איך פלעג קומען פון בית־מדרש, פלעג איך זיך פאַרשפּאַרן אין מיין קעמערל און צו־כאַפּן זיך צום מאַגנעטישן בוך. יעדער זאַץ, יעדעס וואָרט, האָט געעפנט פאַר מיר אַ נייע וועלט, אַ וועלט פול וואונדער.

כ'האָב אָנגעהויבן פילן, אַז מיר פעלט אַן אינטימער חבר, פאַר וועמען איך זאָל קאָנען אַנטפּלעקן מיין וויסן, וואָס איך האָב געשעפּט פונעם „אבן השואבת", — אַ חבר, וועמען איך זאָל קאָנען דערציילן וועגן די גרויסע וואונדער, וואָס עס קומט פאַר אומאונטערבראָכן אין דער נאַטור.

צו יענער צייט האָב איך אויך געהאַט צוויי חברים אינעם בית־המדרש הגדול, וואו איך האָב געלערנט. איין חבר איז געווען דער ברודער פונעם ראש־הישיבה, שלמה אַראָנסאָן *) (דער דאָזיקער חבר אַראָנסאָן איז דאָס דער זעלביקער, וועלכער איז נאָך דעם געווען יאָרנלאַנג דער רב אין קיעוו, ביז ער איז אויפגענומען גע־וואָרן אַלס רב אין תל־אביב, וואו ער איז מיט אַ קורצער צייט צוריק נפטר געוואָרן). ער איז געווען מיט מיר אין איינע יאָרן. ער האָט זיך געהאַט אויסגעצייכנט מיט זיין קלאָרן און אָנגענעמען חיתוך־הדיבור און מיטן כוח־הסברה. ער פלעגט זיך קליידן זייער ריין און זויבער. דער צווייטער חבר איז געווען מיט אַ יאָר אָדער צוויי עלטער פון אונדז. ער איז געווען אַ הויך־געוואוקסיקער און אַ ברייט־פּליי־ציקער, מיט אַ באַס־שטימע. ער איז געווען פון דער נאַטור אַ שווייגער.

מיר דרייען פלעגן צוזאַמען לערנען: צוויי מאָל אין דער וואָך, מאָנטיק און דאָנערשטיק, זיינען מיר אויף געווען די גאַנצע נאַכט. מיר פלעגן לערנען ביז

*) שלמה הכהן אַראָנסאָן איז דער פאָטער פונעם באַוואוסטן יידישן מאָלער ברוך אַראָנסאָן, און דער שווער פון נחמן מייזיל. — רעד.

דער עולם פלעגט קומען דאַווענען ותיקין. צוזאַמען פלעגן מיר גײן שפּאַצירן שבת בײַ־נאַכט. מיר זײַנען געהאַנגען אײנער אין דעם אַנדערן. און דאָך האָב איך ניט גע־וואָגט צו אַנטדעקן זײ מײַן סוד, אַז איך לײען און לערן ספרים חיצונים, ווי דעם „אבן השואבת". ווי שטאַרק מיר זײַנען געווען באַפרײַנדעט, האָט אונדז דאָך גע־פעלט די אינטימע אָפנהאַרציקײט.

ווען מיר איז אָבער געוואָרן שווער צו פאַרשטיקן אין זיך מײַן התפעלות פונעם „אבן השואבת", האָב איך אָנגעהויבן פאַרזיכטיק אַנטפּלעקן זײ דעם סוד מײַנעם. אַראָנסאָן איז פאַרבליבן גלײַכגילטיק צו מײַן באַגײַסטערונג פון די עלעק־טרישע וואונדער. אין זײַנע אויגן איז געווען דער רמב״ם דאָס לעצטע וואָרט פון וויסנשאַפט. דער אַנדערער חבר אָבער, דער שטענדיקער שווײַגער, איז געוואָרן מיט אַמאָל רעדעוודיק. ער האָט אַרויסגעצויגן פון זײַן בוזים־קעשענע אַ געשרי־בענע מגילה, און ער האָט געגומען לײענען מיט זײַן באַסאָווער שטימע, דאָס וואָס ער האָט אָנגעשריבן מיט קרופּנע אותיות. עס איז געווען אַ ווידוי פון אײנעם, וואָס האָט חרטה אויף דעם, וואָס ער האָט פאַרבראַכט זײַן יוגנט אין לערנען זאַכן, וואָס האָבן קײן ממשות ניט. ער האָט זיך ניט באַנוגנט מיט דעם געשריבענעם ווידוי — אַ קוואַל פון ווערטער האָט זיך בײַ אים געעפנט. ער האָט געגומען דערקלערן די נוצלאָזיקײט פון אונדזער לערנען, און די נויטווענדיקײט פון צו לערנען די רוסישע שפּראַך. זײַנע ווערטער האָבן מיר אויסגעזען צו זײַן זײער לאָגיש. עס האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז דער בחור האָט זיך באַהאַלטענערהײט טאַקע אויסגע־לערנט רוסיש. אונטער דעם אײַנדרוק פון דעם דאָזיקן אָפענעם ווידוי, האָב איך זיך אויך געגומען לערנען די רוסישע שפּראַך. אין אַ משך פון צווײ חדשים האָב איך אויסגעלערנט די רוסישע גראַמאַטיק פון קירפּיטשניקאָוון אויף אויסווייניק, און די זעלביקע זאַך האָב איך געמאַכט מיט דעם רוסיש־העברייִשן ווערטער־בוך פון לעאָן מאַנדלשטאַם.

צו יענער צײַט בין איך געהאַט צוגעשטאַנען צו אַ קלײנער גרופּע פון פיר געוועזענע בית־מדרש בחורים, וועלכע האָבן אָנגעהויבן פלײסיק צו שטודירן דעם רוסישן לשון און די רוסישע ליטעראַטור.

דער גײַסט פון יענער צײַט, די השכלה, איז אַרײַנגעדרונגען אין אונדזער קלײנער גרופּע. מיר האָבן אָנגעהויבן לײענען צוזאַמען דעם „אָטצי אי דיעטי" (פאָטער און קינדער) פון טורגעניעוו. באַזאַראָוו, דער העלד פון דער דאָזיקער דערצײלונג, האָט אונדז שטאַרק פאַראינטערעסירט מיט זײַן ניכטערן רעאַליזם. באַזאַראָוו איז געוואָרן דער אידעאַל פון מײַנע נײַע חברים, צווישן וועלכע איך בין געווען דער אײנציקער, וועלכער האָט אָנגעהויבן צו גלײַכער צײַט מיט זײ לערנען זיך רוסיש, אויך צו לײענען די נײַ־העברייִשע ליטעראַטור. איבער־לײענענדיק דעם „עיט צבוע", פון אברהם מאַפּו, איז געוואָרן אײנער פון די העלדן אין דעם דאָזיקן פינף־טײליקן ראָמאַן, נעמען, אַן אַגראָנאָם, מײַן יינגלשער אידעאַל.

די הייסע ליבע פון אברהם מאַפּו צו ערד־אַרבעט, צום שטילן נאַטור־לעבן און גאַנץ באַזונדערס צו בלומען, האָט ער איבערגעגעבן צום יונגן משכיל, נעמן.

און לייענענדיק דאָס חלומען פון נעמנען וועגן פעלד־אַרבעט און וועגן גערטנערייִ, האָב איך באַשלאָסן צו שטודירן אַליין אַגראָנאָמיע.

אין עלטער פון זעכצן־מיט־אַ־האַלבן יאָר, בין איך אָפּגעפאָרן פון לאָדי קיין האַרקע, וואו עס האָט זיך דאַן געפונען אַ באַרימטע אַגריקולטור שולע.

אין האַרקע האָב איך דאַן פאַרבראַכט ניין חדשים, אין וועלכע איך האָב זיך צוגעגרייט, כדי אויפגענומען צו ווערן אין דער דאָזיקער שולע. ווען איך בין געקומען צו די עקזאַמענס, איז דער דעמאָלטדיקער דירעקטאָר, אַ פאַרפעסטעטער און ביטערער אַנטיסעמיט, וועלכער האָט זיך אויפגעפירט ווי אַ האַלב־משוגענער, מיך באַפאַלן מיט אַ זידלערייִ, וועלכע איך האָב אים ניט פאַרשוויגן.

איינזעענדיק די אוממעגלעכקייט צו לערנען זיך אויף אַגראָנאָם, בין איך אָפּגעפאָרן קיין סמאָלענסק. די צייט וואָס איך האָב פאַרבראַכט אין האַרקע האָב איך, קערפּערלעך און גייסטיק, געבליט און געוואָקסן. צום ערשטן מאָל האָב איך אַליין פאַרדינט אויף אַלע מיינע באַדערפעניש. אַ פּאָר שעה אין טאָג פלעג איך לערנען מיט אַ בחורל אין מיינע יאָרן, תלמוד. מיין תלמיד איז געווען דער בן־יחיד פונעם אייזנבאַן־אונטערנעמער (פּאָדריאַטשיק), שטיינמאַן.

מיינע באַקאַנטשאַפטן און פריינטשאַפטן, וואָס איך האָב געהאַט אָנגעקניפּט אין האַרקע זיינען געווען פון איין זייט, דער רב און די עלטערע לומדים, און פון דער אַנדערער זייט, משכילים און די פאָרגעשריטענע יוגנט. מיט די לעצטע פלעג איך זיך טרעפן אין דער ביבליאָטעק, וואו עס האָבן זיך געפונען די אַלע ביכער פון צבי הכהן ראַבינאָוויץ, וואָס די חברה „מפיצי ההשכלה" אין פּעטער־בורג האָט זיי אַרויסגעשיקט אַלס אַ מתנה, כדי צו פאַרשפּרייטן בילדונג, עטלעכע יאָר „השחר" פון פּרץ סמאָלענסקין, די „דברי הימים" פון קלמן שולמאַן, „חטאת נעורים" פון משה ליב ליליענבלום, וואָס איז נאָר וואָס אַרויס פון דרוק. אין רוסיש האָבן זיך געפונען די ביכער פון פּושקינען, די דראַמעס פון אָסטראָווסקין, דערציי־לונגען פון דאָסטאָיעווסקין, פון גראַף לעוו טאָלסטאָי, פון איוואַן טורגעניעוו און אַ רוסישע איבערזעצונג פון דער ענגלישער שפּראַך, דעם דעמאָלט פּאָפּולערן בוך „די געשיכטע פון דער ציוויליזאַציע אין ענגלאַנד", פון באָקל, און אויך עטלעכע בענדער פון די דערציילונגען פון טשאַרלס דיקענס.

אויף די שפּאַצירן, אין דעם שיין־געפּלאַנצטן גאָרטן פון דער אַגריקולטור־שולע, מיט די מערסט־געבילדעטע יונגע מענטשן, האָבן מיר היציק דעבאַטירט וועגן די אויבן־אָנגערופענע רוסישע שרייבער (צו יענער צייט בין איך געווען דער איינציקער לייענער פון די העברייאישע ביכער — און דעריבער איז מיר געווען אוממעגלעך צו פירן אַ וויכוח מיט די דאָזיקע בחורים וועגן זיי), און די דאָזיקע דעבאַטעס האָבן ביי מיר דערוועקט דעם געדאַנק צו ווערן אַליין אַ שריפט־שטעלער, אַ שריפטשטעלער אין דעם מאָדערנעם זין. און שוין דער געדאַנק אַליין וועגן דעם, האָט מיר געגעבן פליגלען צו פליען אין די הויכע ספערן. שוין די האָפענונג אַליין צו ווערן אַ שרייבער פון ביכער, וואָס די יוגנט וועט זיי לייענען און פירן וועגן זיי פלאַם־פייערדיקע וויכוחים, האָט מיך גליקלעך געמאַכט. מיינע

באַגעגענישן מיט פאַרשײדענע מענטשן פונעם אַלטן דור, װי אױך פונעם נײַעם, האָבן אין מיר דערװעקט דעם חשק צו שילדערן זײ.

אין געװיסע אָװנטן פלעג איך זיך פאַרשפאַרן אין מײַן צימער און פלעג זיצן בײַ דעם קעראָסין־לאָמפּ אַ גאַנצע זומער־נאַכט און שרײַבן.

בײַם שרײַבן פלעג איך דאַן פילן גרויס פאַרגעניגן, שאַפערישן פאַרגעניגן. בײַם שרײַבן האָבן זיך מײַנע געדאַנקען אײַנגעשטעלט. כאַאָטישע געפילן האָבן אָנגענומען האַרמאָנישע געשטאַלטן. באַשרײַבנדיק מענטשן און זאַכן, זײַנען זײ פאַר מיר אַלײן קלאָרער געװאָרן, דאָס אומפאַרשטענדלעכע אין זײ איז מיר געװאָרן פאַרשטענדלעך. מיך האָט דאַן געצויגן צו באַשרײַבן אָרעמע, אומגליקלעכע מענטשן. מיט אַ באַזונדערן ציטער האָב איך געהאַט געשילדערט קראַנקע און לײַדנדיקע קינדער. איך האָב דערבײַ אַלײן געליטן פון דער פראַגע: פאַרװאָס זאָלן אומשולדיקע קינדער לײַדן? װוּ איז די געטלעכע גערעכטיקײט?

איך האָב אױך דאַן באַשריבן, מיט אַן אינערלעכן ברען און לײַדנשאַפטלעך, שײנע יונגע פרויען, װעלכע װערן באַלײדיקט און געטראָטן אונטער די פיס פון גראָבע העסלעכע מענער. איך בין געװען פאַראינטערעסירט צו שילדערן מענטשן, װאָס לײַדן פון פאַרשײדענע אײַנבילדונגען, מענטשן מיט אַן „אידײע פיקס", מענטשן, װאָס רעדן זיך אײַן, אַז זײ האָבן אַנטדעקט אָדער דערפונדן זאַכן, װאָס װעלן אױסלײזן די מענטשהײט פון אַלע אירע צרות.

פון דעם איז צו זען, אַז איך בין געװען פאַראינטערעסירט מיט אַלגעמײן־מענטשלעכע פּראָבלעמען, ניט קוקנדיק אױף דעם, װאָס איך האָב דאַן געקענט און געװוּסט נאָר ײדישע מענטשן.

דאָס אױפגעשריבענע פלעג איך אָװעקלײגן אין אַ זײַט. איך האָב עס קײנעם ניט, אַפילו ניט מײַנע אינטימסטע פרײַנט, ניט פאַרגעלײענט און ניט באַװיזן. האָב איך עס אַלײן געלײענט אין אַ צײַט אַרום, איז עס מיר ניט געפעלן געװען. איך האָב געװוּסט, אַז מײַן שרײַבעכץ איז ניט רײַף. איך האָב עס אַלײן זײער שטרענג, אומברחמנותדיק קריטיקירט, ניט קוקנדיק אױף דעם, װאָס איך האָב עס געשריבן מיט באַגײַסטערונג און אין אַ באַרױשטן צושטאַנד.

***

אין סמאָלענסק האָב איך דאַן פאַרבראַכט אַ פּאָר יאָר. אין דער דאָזיקער צײַט האָב איך זיך צוגעגרײט אַלס עקסטערנער ניט נאָר אין די אַלגעמײנע גימנאַזיע־לימודים, נאָר אױך, און איבערהױפּט, אין די געגנשטאַנדן, װאָס זײַנען נױטיק צו װיסן און צו קענען פאַר אַ העברעאישן שרײַבער. איך װיל דאָ גלײַך באַמערקן, אַז װען איך האָב נאָך אין יענע ייִנגלשע יאָרן באַשלאָסן צו װערן אַ שרײַבער, האָב איך גאָר אַנדערש ניט געדענקט, װי נאָר אַ העברײַאישער שרײַבער.

דער קרײַז פון מײַנע באַקאַנטע און פון מײַנע פרײַנט אין סמאָלענסק איז געװען זײער אַ װײַטער און אַ ברײטער. צו דעם דאָזיקן קרײַז האָבן געהערט דער אַזױ־גערופענער אָרטאָדאָקסישער רב, צוקערמאַן, און װען ער איז געשטאָרבן, בין

איך געוואָרן שטאַרק באַפריינדעט מיט דעם דעמאָלט ניי־אויפגענומענעם רב, סאָלאָווייטשיק, אַ זון פונעם דעמאָלט נאָך לעבעדיקן גאון ר׳ יאָשע בער פון בריסק, און אַ ברודער פון דעם מערקווירדיקן גאון רבי חיים סאָלאָוויטשיק. אַ געוויסע צייט האָב איך געוואוינט ביי דעם דאָזיקן רב, מיט וועלכן איך האָב טעגלעך, שטונדן־לאַנג פאַרבראַכט אין דברי־תורה. ער איז געווען אַ זייער טאַלעראַנטער מענטש, אַ ייד אַ פיקח.

איך בין געווען אויך שטאַרק באַפריינדעט, די גאַנצע צייט וואָס איך האָב געלעבט אין סמאָלענסק, מיט משה גראַד, וועלכער האָט מיך שטאַרק מקרב געווען. גראַד איז געווען אַן ערשט־קלאַסיקער אַדוואָקאַט, וואָס האָט געהאַט די רייכסטע און אַריסטאָקראַטישסטע קליענטעל. אַ געוועזענער ישיבה־בחור, אַן עילוי, האָט ער פון זיך אַליין אויסגעשטודירט דעם רוסישן „סוואָד זאַקאָנאָוו״ (געזעץ־בוך), און איז געוואָרן אַ פריוואַטער אַדוואָקאַט, וואָס האָט זיך ספּעציאַליזירט אין ציוויל־געזעץ, אין דיני־ממונות. זיין יערלעכער איינקונפט איז געווען געשאַצט מער ווי הונדערט טויזנט רובל אַ יאָר. ניט קוקנדיק אויף דעם וואָס ער האָט געלייענט אין פיר שפּראַכן די וויכטיקסטע ביכער, האָט ער דאָך געפונען צייט צו לייענען אַלצדינג, וואָס איז דערשינען אין העברייאיש.

גראַד איז געווען פון די ערשטע „חובבי־ציון״ אין רוסלאַנד, און פון די גאַנצע ערשטע טוער אויף דעם העברייאישן קולטור־געביט. ער האָט נאָך קאָרעספּאָנדירט מיט פּרץ סמאָלענסקין און מיט דר. לעאָ פּינסקער. די פריינטשאַפט, וואָס גראַד האָט מיר עפנטלעך אַרויסגעוויזן, האָט מיך אויפגעהויבן אין די אויגן פון דער יידישער אינטעליגענץ אין סמאָלענסק. איך בין געווען אַן אינטימער פריינט פון דעם יידישן פאָלקאָוואָי דאָקטער, אייזנבערג, און פון דער פּיל־פאַרצווייגטער זעלקין פאַמיליע, וואו איך האָב זיך באַקענט מיט דעם גאון מלבי״ם, דעם שווער פון הושע זעלקין.

אין סמאָלענסק האָב איך געלערנט די פראַנצויזישע שפּראַך. מיין לערער איז געווען אַ געבוירענער פראַנצויז, טיבאָ דע־בריגאַל, אַ מחבר פון אַ פּאָר ביכער אין פראַנצויזיש (אין איינעם פון מיינע העברייאישע אַרטיקלען האָב איך מיט צענדליקער יאָרן צוריק, באַשריבן די מערקווירדיקע פּערזענלעכקייט פון דעם דאָזיקן פראַנצויז).

די דייטשע שפּראַך און ליטעראַטור האָב איך אָנגעהויבן אַליין צו שטודירן. גראַדס רייכע פריוואַטע ביבליאָטעק איז געווען פאַר מיר אָפן צו יעדער צייט. איך האָב דאָרט געפונען די אַלע ביכער אין די פאַרשיידענע שפּראַכן, אויך די העברייאישע ליטעראַטור וואָס איך האָב געברויכט.

אין סמאָלענסק האָב איך אויך פלייסיק שטודירט די רוסישע ליטעראַטור, גאַנץ באַזונדערס די קריטישע ביכער פון בעלינסקי, דאָבראָליובאָוו, פּיסאַרעוו און סקאַביטשעווסקי.

פון מיין סמאָלענסקער עפּאָכע געפינט זיך ביי מיר אַ כאַראַקטעריסטיק, וואָס איך האָב געשריבן אין העברייאיש פון אַ שריפטשטעלער און אַ קינסטלער. אין

מיינע דרייסיקער יאָרן האָב איך אין איינעם פון מיינע העברייאישע אַרטיקלען באַנוצט די דאָזיקע כאַראַקטעריסטיק, וועלכע איך זעץ דאָ איבער אין יידיש:

„די אינערלעכע וועלט פונעם שרייבער איז רייך און פילפאַרביק, ער איז פול מיט אינערלעכע ווידערשפרעכונגען און מיט טיפע קעגנזאַצן. אין זיין נשמה קעמפט גאָט מיטן שטן.

„יעדער ריכטיקער שרייבער און קינסטלער געפינט זיך שטענדיק אין דער מדרגה פון אַן עולה ויורד, פון אַן אויפשטייגנדיקן און אַן אַראָפּשטייגנדיקן. ער פאַלט און ער הייבט זיך אויף, ער ווערט באַזיגט אָבער צו גלייכער צייט בלייבט ער אויך דער זיגער. ער האַלט שטענדיק אין איין שטערבן און בענקען נאָך העכערס און שענערס, אין איין האָפן און אַנטוישן זיך. צו גלייכער צייט שטויסט ער די מענטשן פאָראויס, און ער ווערט אַליין אויך געשטויסן. טויזנטער אַנטוויקלונגס־מעגלעכקייטן, ווי אויך וועלטן, וועלכע זיינען נאָך ניט געבוירן געוואָרן, דרעמלען אין אים. אומצאָליק זיינען די באַציאונגען צו דער נאַטור און צו מענטשן...״

דער גרויסער רעספּעקט פאַרן עכטן שרייבער, לעבט אין מיר ביז אויפן היינטיקן טאָג.

23טן מאַי, 1937.

פריינטלעכער זשאַרזש פון סאול ראַסקין

וועגן מיינע זכרונות

מיין לעבן אין די אייראָפּייאישע שטעט איז געווען צו רייך אין פּאַסירונגען און איבערלעבונגען. עס איז צו ענג פאַרקניפּט מיט דער קולטור־געשיכטע פון אונדזער פאָלק פאַר די לעצטע פערציק יאָר. ניט קוקנדיק אויף דעם, וואָס איך האָב זיך אין די דאָזיקע פאַרלאָפענע פערציק יאָר שטרענג און פעסט געהאַלטן אין איין ליניע: די ליניע פון דעם יידישן רענעסאַנס, די אויפלעבונג פונעם יידישן פאָלק, פונעם יידישן לאַנד און פון דער העברייאישער ליטעראַטור. ניט קוקנדיק אויף מיין קלאָרער און זיכערער שטעלונג זינט איך האָב אָנגעהויבן דענקען און שרייבן פאַר דער עפנטלעכקייט, האָב איך פערזענלעך שטענדיק פאַרקערט מיט פאַרשטייער פון פאַרשיידענע פאַרטייען און ריכטונגען אינעם יידנטום, מיט שרייבער, געלערנטע און קינסטלער פון אַלערליי שטרעמונגען און פון פאַרשיידענע לענדער.

איך האָב זיך קיינמאָל ניט געוואָלט, און אויך לויט מיין טעמפּעראַמענט און וועזן ניט געקאָנט, איינשליסן אין אַן ענגן קרייז. אַלץ וואָס לעבט, וואָס דענקט, וואָס שאַפט און קעמפט, האָט מיך שטענדיק אינטערעסירט און שטאַרק צוגעצויגן. גראָד אין די קרייזן פון אידייען־קעגנער, אין קרייזן פון אַנטקעגנגעזעצטע אַנ־זיכטן. גראָד אין אַ גייסטיקער אַטמאָספערע, וואו די אַסימילאַציע איז געווען הערשנדיק; גראָד אין קרייזן, וואו מען איז געווען פיינטלעך צום יידנטום און זיינע האָפענונגען — גראָד דאָרט האָב איך געשעפּט מיין באַגייסטערונג פאַר דעם יידישן רענעסאַנס, פאַר דער אויפלעבונג פונעם יידישן פאָלק און פאַר דער אויפ־לעבונג פון זיין קולטור.

איך בין שטענדיק געווען איבערצייגט, און אַזוי ביז אויף היינטיקן טאָג, אַז מ׳קאָן לערנען נוצלעכס פון יעדער פאַרטיי, פון יעדער ריכטונג, אפילו פון יעדן איינצלנעם מענטשן (ווען אפילו נאָר דאָס, וואָס מען זאָל ניט טאָן, ניט אַזוי דענקען, אָדער גראָד פאַרקערט האַנדלען). איך בין שטענדיק געווען אַ קעגנער פון יעדער איינזייטיקייט, פון יעדער עקשנות און איינגעשפּאַרטקייט, וואָס מאַכט בלינד און טויב און וואָס מאַכט אומפייאיק זעלבסטשטענדיק צו דענקען און צו אַנטוויקלען אַן אידייע, וואָס מאַכט אומפייאיק צו דערווייטערן און צו העכערן דעם האָריזאָנט פון דער אייגענער גייסטיקער וועלט.

די דאָזיקע אייגשאַפטן האָבן מיך געבראַכט צו האָבן לעבעדיקע באַציאונגען מיט די עקסטרעמסטע ריכטונגען אין דער יידישער וועלט.

איך בין שטענדיק געווען הונגעריק און דורשטיק נאָך לעבעדיקע, דענקענדע

מענטשן, צו וואָס פֿאַר אַ שול אָדער צו וואָס פֿאַר אַ פּאַרטײ אָדער קרײַז זײ זאָלן ניט געהערן. איך האָב דעם דאָזיקן דורשט קײנמאָל ניט געקאָנט שטילן.

אין די ייִנגערע יאָרן בין איך געווען אַ היציקער און לײדנשאַפֿטלעכער דע־באַטאַנט. איך האָב בײַ יעדער געלעגנהײט געזוכט צו האָבן אַ שאַרפֿן װיכּוח מיט קעגנער פֿון מײַנע אײגענע אָנזיכטן װעגן ייִדישע פּראָבלעמען, װעגן פֿאַרשײדענע ריכטונגען אין דער פֿילאָזאָפֿיע, ליטעראַטור און קונסט װי װעגן אַלגעמײנע װעלט און לעבנס־פּראָבלעמען. און איך מוז צוגעבן, אַז איך האָב אױך פֿון מײַנע אידײען־קעגנער פֿיל געלערנט.

אַדאַנק דעם האָב איך געקענט געלערנט פֿון דער נאָענט די מײסטע שאַפֿנדיקע כּוחות, די אינטערעסאַנטסטע מענטשן פֿון אונדזער דור, ריכטיקער: פֿונעם דור, װאָס פֿאַרשװינדט און לאָזט פּלאַץ פֿאַר אַ נײַעם דור.

זעענדיק װי מײַן דור, װי מײַנע צײַט־גענאָסן שטאַרבן אָפּ און בלױז זײער װײניק זײַנען נאָך איבערגעבליבן, און אױך די שארית הפּליטה זײַנען מיד און שװאַך, נעמט מיך אָפּט אָן אַ חשק צו שרײַבן מײַנע זכרונות, דעראינערונגען, װעלכע קאָנען זײַן נוצלעך פֿאַרן שרײַבער פֿון דער קולטור־געשיכטע.

איך װיל גלױבן, אַז מײַנע זכרונות, מײַנע איבערלעבונגען, מײַנע באַגעגענישן מיט אַלערלײ מינים מענטשן, מײַנע דערפֿאַרונגען אױף דעם ליטעראַרישן געביט, מײַנע שילדערונגען פֿון פֿאַרשײדענע טיפּן, פֿאַרשײדענע מערקװירדיקע מענטשן און סיטואַציעס קאָנען אינטערעסירן יעדן לעזער. מײַנע זכרונות פֿאַרמאָגן אַ שטיק פֿון אונדזער לעבן.

איבעריקנס, װער װײסט געננױ מיט װאָס דער ייִדישער לעזער אינטערע־סירט זיך. איך װײס דאָס זיכער ניט. װעגן דעם העברעיִאישן לעזער, אין פֿאַר־שײדענע װעלט־טײלן און אין פֿאַרשײדענע לענדער, גלױבט זיך מיר, האָב איך אַ געװיסע פֿאָרשטעלונג, אַ געװיסן באַגריף. עס איז זײער מעגלעך, אַז אױך דאָס דאָזיקע גלױבן איז ניט באַגרינדעט, און איך האָב אַ טעות.

דער ייִדישער לעזער אָבער, באַזונדערס אין אַמעריקע, איז פֿאַר מיר אַ רע־טעניש, ער איז פֿאַר מיר אומבאַגרײַפֿלעך, מיר פֿולשטענדיק פֿרעמד און אומ־באַקאַנט. איך װײס קײנמאָל ניט, פֿאַר װעמען איך שרײַב, אױב עמעצער האָט אַ שטיקל אינטערעס פֿאַר דעם, װאָס איך שרײַב, װען זײ זײַנען גלײַכצײַטיק אױך העברעיִאישע לעזער.

נאָר דער רײנער אמת איז, אַז איך האָב קײנמאָל ניט געשריבן, ניט אין העב־רעיִאיש און ניט אין ייִדיש, כּדי צו געפֿינען חן אין די אױגן פֿון מײַנע לעזער. איך האָב זיך קײנמאָל ניט געפֿרעגט: מיט װאָס און װי אַזױ קאָן איך פֿאַראינטערע־סירן מײַנע לעזער?

איך שרײַב דאָס, װאָס איך געפֿין פֿאַר נױטיק, ניט רעכענענדיק זיך מיט דעם, װאָס די לעזער פֿאַרלאַנגען, אָדער דאָס, אין װאָס זײ געפֿינען געשמאַק. און איך גלױב, אַז אַזױ טוט יעדער שרײַבער, װאָס נעמט זיך ערנסט און דינט אַ געװיסן אידעאַל. אַז אָך און װײ װאָלט געװען צו דער ליטעראַטור, װאָס אירע שרײַבער

רעכענען זיך נאָר מיט דעם פאַרלאַנג און מיטן געשמאַק פון די מייסטע לעזער.
איך מוז זיך מודה זיין, אַז פיל מאָל שרייב איך זאַכן, וואָס זיינען אַ פּראָדוקט פון
אַ געוויסער שטימונג, פון אַ צייטווייליקער שטימונג, וואָס האָט ניט צו טאָן מיט
פאַראויסגערעכנטע כוונות. די צייטווייליקע שטימונג פון אַ שרייבער איז די
שטימונג פונעם מאָמענט, פון דער צייט. אין איר שפּיגלט זיך אָפּ אַ געוויסע
שטימונג, אָפטמאָל אַן אונטערערדישע פונעם צייט־גייסט. דער שרייבער, וואָס
איז פאַרבונדן מיט דעם לעבן פון זיין פאָלק און פון זיין צייט, ווערט פיל מאָל
אומבאַוואוסט זייער שפּראַך־ אָרגאַן.

איך רעכן פאַר נויטיק צו מאַכן דאָ אַ קליינע באַמערקונג: ווען איך האָב
געזאָגט, אַז דער שרייבער, וואָס נעמט זיך ערנסט, דאַרף זיך ניט רעכענען מיט
די לעזער, איז מיין כוונה געווען נאָר, אַז ער דאַרף זיך ניט רעכענען מיט דעם
פאַרלאַנג פון די לעזער בנוגע דער זאַך וועגן וואָס ער זאָל שרייבן, בנוגע די אָנ־
זיכטן און מיינונגען, וואָס ער זאָל אויסדריקן, אויך בנוגע דעם טאָן און געשמאַק.
אין אָט די זאַכן איז דער שרייבער דער פאָלקס־לערער, דער געזעצגעבער, דער
וויטזעענדיקער, דער וועקער און רופער, דאָס געוויסן פון פאָלק, דער מוח פון
די מאַסן, דער גייסטיקער פירער, דער אָנזאָגער, דער שטראָפער א. אז. וו. און
דערייבער מוז ער וועגן און איבערוועגן יעדעס וואָרט, יעדן אויסדרוק, מוז זיך
אָפּהיטן פון אַ צווייטייטיקן אויסדרוק, פון אַ גראָבן וואָרט, פון אַ צו־ביליקן וויץ
אָדער משל, ווי פון אַ ניט צניעותדיקן קיצל מיט דער פעדער. ער דאַרף אַכטן
זיין כבוד און דעם כבוד פון זיינע לעזער, ווען ער וויל אַז זיינען ווערטער זאָלן
געפינען אַ וויטן אָפּקלאַנג און זאָלן ווירקן דערציעריש.

דער שרייבער מוז זיך אָבער רעכענען מיט זיינע לעזער, מיט דעם וואָס איז
נוגע צו דער קלאָרקייט און איינפאַכקייט פון זיין שפּראַך, אַז מ׳זאָל אים ריכטיק
און אַן מי פאַרשטיין. מ׳קאָן און מען זאָל שרייבן אפילו איבער די העכסטע ענינים
אויף אַזאַ אופן, אַז עס זאָל זיך לייכט לייענען, אַז עס זאָל זיך אָנגענעם לייענען
און אַז עס זאָל ווירקן. ווייל דער תכלית פון יעדער שרייבכץ איז דאָך, סוף־כל־סוף,
אַז מ׳זאָל דאָס לעזן און לעזן מיט פאַרגעניגן, כדי מען זאָל די לעזער פאַרכאַפּן
אין אַ העכערער, אין אַ ריינער ספערע פון געדאַנקען און געפילן.

עס איז מיר געווען שווער צו באַשליסן זיך דרוקן מיינע זכרונות אין יידיש,
פאַר לעזער, וואָס איך האָב ניט וועגן זיי קיין קלאָרע פאַרשטעלונג.

נאָך אַ לענגערער איבערלעבונג האָב איך באַשלאָסן צו פּרובירן פאַרעפנטלעכן
פּרקים פון מיינע זכרונות. כל־זמן דער זכרון דינט, כל־זמן די פעדער באַוועגט
זיך אָן מי, ווילט זיך שילדערן און דערציילן וועגן פּערזאָנען און פּערזענלעכקייטן
איידער זיי זיינען געוואָרן אַ לעגענדע; עס ווילט זיך איבערלאָזן אין דער ליטע־
ראַטור אַ שפּור פון מענטשן, וואָס האָבן פיל אויפגעטאָן פאַרן יידישן פאָלק און
די לייענער־וועלט ווייסט גאָר ניט וועגן זיי. עס ווילט זיך דערציילן וועגן וואונ־
דערבאַרע מענטשן, וואָס איך האָב געהאַט דאָס גליק זיי קענען צו לערנען. עס
ווילט זיך דערציילן וועגן פּאַסירונגען און געשעענישן וואָס זיינען אומבאַקאַנט

דעם גרויסן עולם, און דער ייִנגערער דור האָט וועגן זיי קיין אַנונג. דאָס יידישע לעבן איז זייער רייך געווען אין דעם דור, וואָס גייט אַוועק, און עס ווילט זיך ראַטעווען פון אָט דער רייכקייט פאַר דער ליטעראַטור.

איך וויל זיך באַמיען אָביעקטיוו צו זיין ווי ווייט עס איז נאָר מענטשלעך מעגלעך. איך וויל גערעכט זיין אויך צו עקסטרעמסטע קעגנער.

איך וויל זיך נעמען די פרייהייט ניט סיסטעמאַטיש צו זיין אין איבערגעבן מיינע זכרונות, ווייל איך וויל דאָ ניט שרייבן מיין אויטאָביאָגראַפיע.

איך וויל פּרוּאוון צו געבן יעדעס מאָל אַן אָפּגעשלאָסענעם פּרק וועגן געוויסע פּערזאָנען אָדער געשעענישן, האַלטנדיק זיך ביי דעם כלל: אין מוקדם ומאוחר, ניטאָ קיין פריער און שפּעטער, אפילו אין מעמוארן. איך וויל ניט זיין כראָנאָלאָגיש און שריט ביי שריט דערציילן און שילדערן די זאַכן און פּאַסירונגען.

איך וויל ניט אַפּריער זאָרגן פאַר דעם גאַנצן פּלאַן פון מיינע מעמואַרן. די זכרונות אַליין וועלן שוין פאַר דעם זאָרגן.

מערץ 18, 1923.



ראובן ברײנין אין 1927

שריפטשטעלער — אין זייער שרייבן און אין זייער רעדן

(אייזיק מאיר דיק, מענדעלע מוכר ספרים און י. ל. פרץ)

גרויסע שריפטשטעלער, וועלכע זיינען אויך גרויסע מענטשן, אַנטפּלעקן זיך ניט בלויז אין זייערע שריפטן, נאָר אויך אין זייערע טאָג־טעגלעכע געשפּרעכן מיט פאַרשיידענע מענטשן. אין זייערע מינדלעכע אורטיילן, מיינונגען, אונטער־האַנדלונגען, פאַרבייגייענדיקע באַמערקונגען (דאָס וואָס מען רופט „תורה שבעל־פה"), זיינען זיי פיל מאָל נאַטירלעכער, אָפנהאַרציקער און אוממיטלבאַרער ווי אין זייערע ביכער און אַרטיקלען.

אָסקאַר וואַילד, דער ענגלישער דיכטער, זאָגט אויף זיך אַליין עדות (און דאָס באַשטעטיקן אַלע זיינע געוועזענע פריינט) אַז זיינע ביכער האָט ער אַוועק־געגעבן נאָר זיין טאַלאַנט; אין זיינע געשפּרעכן און אונטערהאַלטונג האָט ער אַנטפּלעקט זיין זשעני. זיינע געוויינלעכע געשפּרעכן מיט פריינט האָבן זיך פיל מאָל אויסגעצייכנט מיט מער שאַרפזין, מיט מער גייסטרייכקייט, טיפקייט און אינטואיציע, ווי זיינע בעסטע געדרוקטע ווערק.

ווען מען וואָלט אויף אָרט און שטעל געוועזן פאַרשריבן די מינדלעכע גע־שפּרעכן, באַמערקונגען א. ד. גל. פון גרויסע פערזענלעכקייטן, וואָלט מען באַ־רייכערט און פאַרטיפט די מענטשלעכע קולטור־אוצרות; מיר וואָלטן געקאָנט האָבן ריכטיקערע, ווירקלעכערע אָפּשאַצונגען פון יענע גדולים.

ווען די צייט־גענאָסן, למשל, פון ישעיה הנביא, פון אַריסטאָטעל, פּלאַטאָ, פון רמב"ם, שפּינאָזע, וואָלטן געווען פאַרצייכנט נאָר אַ פּאָר פון זייערע געוויינ־לעכע אומאַבזיטלעכע געשפּרעכן, וואָלטן מיר געהאַט אַ פיל לעבעדיקערע, זאַכ־לעכע פאַרשטעלונג פון זייער פערזענלעכקייט און זייער מהות.

דער דייטשער שריפטשטעלער אַקערמאַן האָט געמאַכט אַ פּראָבע אויף דעם געביט. ער פלעגט פאַרצייכענען זיינע אָפטע געשפּרעכן מיט געטע, און האָט זיי נאָכדעם פאַרעפנטלעכט אין צוויי בענדער. און די ביכער זיינען פון די אינ־טערעסאַנטסטע אין דער וועלט־ליטעראַטור.

פון די געשפּרעכן, טעגלעכע אינטימע באַמערקונגען פון נאַפּאָלעאָן דעם ערשטן זיינען פאַרהעלטניסמעסיק זייער ווייניק פאַרעפנטלעכט געוואָרן. דאָך, ווי ווינציק זיי זיינען, וואַרפן זיי מער ליכט אויף נאַפּאָלעאָנס כאַראַקטער, אויף

זײן װעזן, אויף זײן אינערלעכן מעכאַניזם װי די טויזנטער ביכער, װאָס זײנען װעגן אים געשריבן געװאָרן פון מענטשן, װאָס האָבן אים ניט געזען און קײנמאָל מיט אים פּערזענלעך ניט גערעדט אין אַ געװײנלעכער סיטואַציע.

אפילו פון ניטשעס געשפּרעכן (װעלכער האָט געלעבט אין אונדזער צײט) איז זײער װײניק פאַרבליבן אין זײער גאַנצקײט און אוממיטלבאַרקײט. װען זײנע פרײנט, װאָס האָבן זיך אָפט מיט אים באַגעגנט, װאָלטן גענוי פאַרצײכנט כאָטש אַ קלײנעם טײל פון זײנע אַלטעגלעכע באַמערקונגען, אורטײלן א. ד. גל. װאָלטן מיר פיל טיפער און ריכטיקער באַגריפן אָט די פּראָבלעמאַטישע, רעטזעלהאַפטע נאַטור.

די אונטערהאַלטונגען פון די מײסטע היסטאָרישע גדולים מיט זײערע צײט־גענאָסן איז אינגאַנצן פאַרלוירן געגאַנגען, און דער שאָדן איז ניט אָפּצושאַצן.

דען װאָס װאָלטן מיר הײנט ניט געגעבן, װען מיר װאָלטן געקאָנט באַקומען אַ היסטאָריש באַגלויביקטן דאָקומענט פון אַ צײט־גענאָסע, למשל, פון ירמיה הנביא, װי און װאָס ער האָט גערעדט אין שטוב, מיט אַ פרײנט, מיט אַ פרעמדן; װי איז געװען זײן שטײגער אויסצודריקן זיך אין װיכטיקע מאָמענטן.

אָדער װאָס װאָלטן מיר הײנט־צו־טאָג ניט געגעבן, כדי צו קאָנען לײענען אַ געשפּרעך פון רבי יהודה הלוי, פון איבן גבירול, א. ד. גל. מיט זײערע פרײנט!

ניט נאָר אָסקאַר װאַילד. עס זײנען בכלל דאָ גדולים, װאָס פאַרשװענדן מער גײסטיקע ענערגיע, מער שאַרפזין און געניאַליטעט אין זײערע טעגלעכע מינדלעכע געשפּרעכן, אין זײערע װיכוחים אין אַן ענגן קרײז, אין אוממיטלבאַרע, ספּאָנטאַנע באַמערקונגען בײ װיכטיקע אָדער געװײנלעכע אָנגעלעגנהײטן, װי אין זײערע ביכער.

דאָס טעגלעכע געשפּרעך איז בײ אַזעלכע פּערזענלעכקײטן אַן אומהויפּהער־לעכער אינערלעכער שאַפונגס־פּראָצעס, אַן אָפענער נשמה־קװאַל, װאָס קװעלט און פליסט אָן אַן אויפהער. זײער מויל שיט פּערל, בעת זײערע פעדערס שפּריצן אָפט נאָר טינט.

אָפט איז דאָס געשפּרעך, אין זײנע פאַרשײדענע פאָרמען, נאָר אַ ציללאָזע פאַרשװענדונג פון גײסטיקע כוחות; דאָס שרײבן איז די קאָנצענטרירונג, די זאַמלונג, די אָרדענונג פון כוחות.

דאָס לעבעדיקע װאָרט, אַרויסגערופן אוממיטלבאַר פון לעבן און זײנע טעג־לעכע געראַנגלענישן, איז דער פליסנדיקער גײסט פון דעם מענטשן, זײן אומ־מיטלבאַרער װעזן. דאָס געשריבענע װאָרט איז סטיליזאַציע, פאַרגליװערטקײט, אויסקריסטאַליזירט לעבן.

װען מען קען אַ שריפטשטעלער, אַ קינסטלער, נאָר לויט זײנע געדרוקטע װערק, קען מען אים ניט אינגאַנצן, אָדער מען קען אים נאָר פון דער ניט־װעזנט־לעכער זײט. די ריכטיקע, די כאַראַקטעריסטישע אָפּשאַצונג איז ניט פול, ניט גאַנץ.

אַן אײן־שטונדיקער געשפּרעך מיט געװיסע שריפטשטעלער און דיכטער (איך קען ניט זאָגן מיט יעדן פון זײ) האָט מיר אָפט געגעבן דעם שליסל צו זײער

געהיימען מהות און צו דעם פאַרבאָרגענעם שטייגער פון זייער שאַפן, פיל מער ווי אַלע זייערע געדרוקטע ווערק.

אַלס ביאָגראַף, ווען מיר איז אויסגעקומען צו שרייבן די לעבנס־געשיכטע פון מענטשן, וועלכע האָבן געלעבט אין די פריערדיקע דורות, אָדער פון מיינע צייט־גענאָסן וואָס איך האָב פּערזענלעך ניט געקענט, האָב איך שטענדיק געפילט און באַדויערט דעם מאַנגל פון ריכטיק פאַרצייכנטע געשפּרעכן „קאָנווערזאַציע־שטאָף", פון יענע באַדייטנדיקע פּערזענלעכקייטן.

ביי דער נעענטערער באַקאַנטשאַפט מיט פאַרשיידענע שריפטשטעלער (פון רעכטס צו לינקס און פון לינקס צו רעכטס) און דיכטער, געלערנטע און קינסט־לער, האָב איך געהאַט די געוואוינהייט צו פאַרצייכענען, אין מיינע נאָטיץ־ביכלעך פאַר זיך זעלבסט, דעם אוממיטלבאַרן איינדרוק, וואָס זייער אופן רעדן פון מענטש־צו־מענטש האָט אויף מיר געמאַכט.

אייניקע פון אָט די נאָטיצן, ניט רעכענענדיק זיך מיט „פריער צי שפּעטער", וויל איך דאָ איבערגעבן.

***

אין יאָר 1884 האָב איך באַזוכט, אין דער באַגלייטונג פון דעם העברייאישן שריפטשטעלער קלמן שולמאַן, דעם יידישן שריפטשטעלער אייזיק מאיר דיק, אין זיין הויז אין ווילנע. ער איז דאַן געווען זייער באַקאַנט צווישן דעם „המון עם", ווי אויך צווישן די משכילים פון דעם אַלטן דור. דיק איז דאַן אַלט געווען 77 יאָר, און טראָץ זיין עלטער, איז ער געווען מונטער, געזונט און באַרעדעוודיק. דעם איינדרוק, וואָס ער האָט אויף מיר געמאַכט, האָב איך שוין לאַנג באַשריבן אין מיינע שריפטן. דאָ וויל איך נאָר איבערגעבן דעם אופן פון זיין רעדן.

גערעדט האָט ער צו מיר דייטש, פאַפירענעם דייטש, ד. ה. ווי אין בוך שטייט געשריבן, דייטש מיט אַ ליטווישן, ווילנער אַקצענט. וועגן זיינע יכלעך, מעשיות אין דער יידישער שפּראַך, וואָס זייער צאָל האָט דערגרייכט אין די הונדערטער, האָט ער ניט גערעדט, ווי ער וואָלט זיך געשעמט, וואָס ער שרייבט אין זשאַרגאָן. נאָר די ביטערע פרנסה (2 רובל פאַר אַ געדרוקטן בויגן פלעגט ער באַקומען אין ראָמס דרוקעריי) האָט אים געבראַכט דערצו. אגב, פלעגט זיין פרוי, אַ ייִנגערע פון אים, געבן געלט אויף פּראָצענט צו אָרעמעלייט אויף משכנות, קליידער, לייכטער, א. ד. גל., אַלץ די ביטערע פרנסה.

גלייך ביים ערשטן באַזוך איז ער אַריינגעפאַרן, אין זיין געשפּרעך מיט מיר, אין די ווילדערנישן פון די פליאותדיקע מדרשים. ער האָט אַרויסגעוויזן זיין בקיאות און לומדות אין די שווער־באַגרייפנדע שטעלן פון געוויסע מדרשים און אגדות. ער האָט גערעדט מיט באַגייסטערונג, טשמאָקענדיק געשמאַק, מיט גרויס הנאה, געוויסע כאַראַקטעריסטישע אויסדרוקן פון מדרש, געוויסע געלונגענע ווענדונגען פון שילער און פון מענדעלסאָנס פילאָסאָפישע ווערק. ווען ער האָט

אָנגעהויבן רעדן װעגן מענדעלסאָן, איז דיק אַרײנגעקומען אין גרױס התפּעלות, װי אַ חסיד, װען ער רעדט פון בעל־שם־טוב. דיק האָט ניט געקאָנט מוחל זײַן פּרץ סמאָלענסקינען, װאָס ער האָט שטאַרק קריטיקירט, אין זײַן „השחר“, משה מענדעלסאָן.

בײַ דעם געשפּרעך איז אַרײנגעקומען דער באַקאַנטער העברײאישער מדקדק משה רײכערסאָן. דאָ האָט דער אַלטער אײַזיק מאיר דיק אָנגעהויבן גוטמוטיק און װיציק צו פּיקן, מיט זײַער געלונגענע שטעכװערטלעך דעם מדקדק, װאָס איז שוין אויך געװען אַ זקן. דיק האָט אָנגערופן זײַן דקדוק מיטן נאָמען „דקדוקי עניות“ (גײַסט־אָרעמקײט) און אין אַ האַלב־ערנסטן און האַלב־װיציקן טאָן האָט ער אָפּגעלאַכט פון די פּעדאַנטן, די מדקדקים, װאָס פאַרקוקן דאָס לעבן, דאָס װירקלעכע לעבן, פאַרקוקן די ליטעראַטור און די פילאָסאָפיע און גריבלען זיך אין טויטע נקודות, אין אַלטע אָפּגעשטאָרבענע כללים פון דער שפּראַך. משה רײכערסאָן האָט אים צוריק געגעבן: זשאַרגאָן איז גאָר קײן לשון ניט. מען קאָן זאָגן און שרײַבן: צעפּאַטשקעט, אָבער אויך: צעקאַטשקעט און צעדראַטש־קעט א. ד. גל.

אײַזיק מאיר דיק, װאָס האָט פריער גערעדט צו מיר נאָר דײַטש, און דערבײַ פאַר מיר אויסגעדריקט זײַן טיפן באַדויערן, און אַז ער איז מקנא די העברײאישע שרײַבער װאָס שרײַבן אין אַ שײנער שפּראַך װאָס לעבט אײביק, און שרײַבן פאַר אַ העכערן, געלערנטערן און געבילדעטערן עולם *), — דער זעלבער דיק האָט מיטאַמאָל אָװעקגעװאָרפן זײַן דײַטש, װאָס סוף־כּל־סוף איז אים אָנגעקומען מיט גרױס מאַטערניש און װאָס האָט געקלונגען אין זײַן מויל אומנאַטירלעך, און ער האָט אָנגעהויבן רעדן פּראָסט ליטװישן ייִדיש. ער האָט אָנגעהויבן באַ־װײַזן, װי כאַראַקטעריסטיש, װי צוטרעפנד, װי עכט־ייִדישלעך, זאַפטיק און בליצאַרטיק זײַנען געװיסע „זשאַרגאָנישע“ (דיק אַלײן האָט אָנגערופן די ייִדישע שפּראַך מיטן נאָמען „זשאַרגאָן“) אויסדרוקן, בײַ־װערטער און אויסרופן. זײַן ייִדיש איז געװען געזאַלצן און שטאַרק באַפּעפערט מיט „מלין דרבנן“, תּלמודישע און רבנישע אויסדרוקן, מיט אַלטע, סקאַרבאָװע, קראַפּטפּולע װערטער, װאָס מען געברויכט זײ הײַנט שוין ניט, ניט אין רעדן און ניט אין שרײַבן. הערנדיק פון דיקס מויל די דאָזיקע ייִדישע „אַלטפרענקישע“ אויסדרוקן האָב איך זיך דער־מאָנט, אַז איך האָב זײ געהערט, װען איך בין געװען אַ קינד, אות באות, פון מײַן באָבען. מײַן מוטער האָט זײ שוין ניט געברויכט אין איר ייִדיש.

דיק האָט אָנגעהויבן באַװײַזן היציק, אַז ער האָט זיך אָפּט פאַרכלינעט, די נויטיקײט צו שרײַבן זשאַרגאָן פאַרן המון עם, פאַר די ייִדישע פרויען, אום „צו עפענען זײַערע אויגן און אויפקלערן זײַערע מוחות“, דען װאָס זאָל מען טאָן, „אַז דער פּראָסטער עולם פאַרשטײט ניט קײן לשון קודש“.

*) אײַזיק מאיר דיק זעלבסט האָט געדרוקט זעקס װערקלעך אין העברײאיש אײדער ער האָט אָנגעהויבן שרײַבן ייִדיש.

קלמן שולמאַן (דאַן אויך שוין אַ זקן), דער מייסטער פון העברייאישער מליצה, וואָס איז געווען דירעקט פאַרליבט אין דער ריין־ביבלישער שפּראַך און האָט אויסגעמיטן יעדן תלמודישן וואָרט און אויסדרוק, איז געזעסן טרויע־ריק און האָט איראָניש צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ, ווי אייבער זאָגט: זעט נאָר אָן דיקן, אַ ייד, דאַכט זיך, אַ למדן, אַ משכיל, אַ קענער, און ווערט אַזוי באַגייסטערט פון זשאַרגאָן!

⁂

מיט מענדעלע מוכר ספרים האָב איך זיך צום ערשטן מאָל באַקענט אין יאָר 1905, אין זשענעווע, אין דער שווייץ. ער איז דאַן געווען אַ זקן פון זיבעציק**). ער האָט גערעדט יידיש געמישט מיט דייטשע ווערטער, וואָס זיינען אַרויסגעקומען פון זיין מויל עפּעס משונהדיק.

עס איז מעגלעך, אַז ער איז אַריינגעפאַלן, רעדנדיק יידיש, אין דייטשמעריש נאָר דאַן, ווען ער האָט גערעדט צו מיר.

מיט אַנדערע האָב איך אים געהערט רעדן מיט דער „תחינה"־און „צאינה וראינה"־שפּראַך. ער האָט אויסגעטאָקט, אויסגעשליפן יעדעס וואָרט, וואָס ער האָט אַרויסגעזאָגט, די זעלבע זאַך ווי ער האָט דאָס געטאָן שרייבנדיק. בשעתן רעדן פלעגט ער שאַפן אייגנטימלעכע יידישע ווערטער און אויסדרוקן. ער האָט צונויפגעפּאָרט יידישע ווערטער מיט העברייאישע און תלמודישע ווערטער, און דער זיווג איז אַרויסגעקומען געראָטן.

דער „זיידע" האָט זייער ליב געהאַט צו רעדן, צו דערציילן, צו שילדערן און צו חקירהן זיך. ער איז געווען אָנגעזאָפּט מיט אַלטע יידישע קולטור־אוצרות און מיט זכרונות פון די אַמאָליקע יאָרן. דאָס רעדן איז ביי אים געווען (אין דער צייט וואָס איך האָב מיט אים וואָכן פאַרבראַכט אין גענף) אַ דירעקטע נאָ־טירלעכע באַדערפעניש, אום צו דערלייכטערן זיין אינערלעכע משא. געוויסע ווערטער האָט ער גאַנץ באַזונדערס באַטאָנט. זיין געשפּרעך האָט געהאַט אַ גע־וויסן נוסח, ווי ער וואָלט דאָס פריער געהאַט איינגעחזרט, איינגעשטודירט. ווען ער האָט אַרויסגעזאָגט אַ שאַרף וואָרט, אַן אייגנאַרטיקע שפּראַך־ווענדונג, אַ צוטרעפנדן צונעמעניש, פלעגט ער זיך אויפשטעלן, שוויגן אַ מאָמענט, אַריינ־קוקן מיט זיינע שטעכעדיקע אויגן און דורכדרינגנדן בליק אין פּנים פון זיין צוהערער, ווי ער וואָלט וועלן זען דעם איינדרוק פון זיין וואָרט און אָפּוואַרטן די ווירקונג.

אין רעדן פלעגט ער שיטן מיט משלים, מיט מעשהלעך, מיט פּסוקים. מיט

**) די געגנויע יאָרן פונעם „זיידן" האָט קיינער ניט געוואוסט. ער אַליין, אויך ניט. אין יאָר 1905 האָב איך און דער רוסיש־יידישער שריפטשטעלער בן־עמי, וואָס האָט דאַן געלעבט אין זשענעווע, געמאַכט דאָרט אַ יום־טוב צום 70סטן געבוירנטאָג. לויט דער השערה (וואָר־שיינלעך איז ער דאַן געווען עלטער), פון מענדעלע, צו וועלכן איך האָב איינגעלאַדן די סטו־דענטן פון די שווייצאַרישע אוניווערסיטעטן.

מאמרי חז״ל, מיט מדרשים און אגדות. פּאַרטײטשנדיק און אויפשטעלנדיק זיי אַזוי קונציק, אַז זיי האָבן זיך פּונקט צוגעפּאַסט צום ענין, וועגן וועלכן ער האָט גערעדט. ער פלעגט זיך, אין פלוג, דערוויטערן פון עצם ענין, פאַרקריכן אָפט אין אַ זײט, דאָך האָט ער זיך צוריקגעקערט צום ריכטיקן פּונקט, צום ברײטן שליאַך.

די פּסוקים און מאמרי חז״ל האָט דער זײדע אָפט אַרויסגעזונגען מיטן ניגון פון מעביר סדרה זײן, מיטן סקאַרבאָוון ניגון פון הפטורה, פון דער גמרא, פון סליחות און פּיוט.

דער געשפּרעך פון מענדעלען האָט ניט געבליצט מיט געדאַנקען, מיט אײנ־פאַלן. אים האָט געפעלט די פײנע איראָניע, די איבערראַשנדע אינטואיטיווע באַ־מערקונג. קײן פײערווערק, קײן אימפּראָוויזאַציע. זײנע מײנונגען וואָס ער האָט אַרויסגעזאָגט אין געשפּרעך זײנען געווען, — אויב מען קאָן זיך אַזוי אויסדריקן, — מאַסיוו, פיל־גאַרענדיק, געבויט אַ שטאָק אויף אַ שטאָק. מײנונגען דורכגעלעבטע, דורכגעטראַכטע און „אויסגעוויטיקטע״.

אָפט פלעגט מיר זײנער אַ געשפּרעך אויסקומען, ווי איך וואָלט הערן אַ דרשה, האַלב אַלט, האַלב מאָדערניזירט.

אָן אַ מעשה, און ניט קײן קורצע, האָט ער קײן געשפּרעך ניט געפירט. ער איז געווען אַ גרויסער מײסטער צו דערצײלן אַ מעשה פון די „אַלטע גוטע צײטן״ — כאַטש נעם און פאַרשרײב פון זײן מויל וואָרט און וואָרט, אות באות. און דער זײדע מענדעלע האָט גערעדט נאָר וועגן ײדן און ײדישקײט, וועגן ײדישע דורות, אַלטע און נײע, וועגן דער העברײאישער און דער ײדישער ליטעראַטור. ער האָט גערעדט נאָר וועגן דעם, וואָס האָט אים אינערלעך און ווירקלעך אינטערעסירט; דאָס, וואָס האָט אויסגעפילט זײן וועזן.

***

י. ל. פּרצעס געשפּרעכן האָבן אָפט געשפּריצט מיט פונקען און געבליצט מיט אײגנאַרטיקע אײנפאַלן; אָפט זײנען זיי געווען צעריסן, צעשפּליטערט, אָן אָן אָנ־פאַנג און אָן אַ ענד, ווי אַרויסגעכאַפּט פונעם מיטן פון אַן אינערלעכן געדאַנקען־פּראָצעס, פון אַן אינערלעכן נשמה־קאַמף. זײן אופן פון רעדן האָט אין געוויסע מאָמענטן געהאַט דעם זעלביקן כאַראַקטער ווי זײן שרײבן, די זעלביקע מעלות און די זעלביקע חסרונות.

אין גאַנץ באַזונדערע ענטוזיאַסטישע מאָמענטן האָט מיר זיך אויסגעוויזן, אַז פּערל שיטן זיך פון זײן מויל, אָבער זיי פאַרקײקלען זיך ערגעץ, יעדע פּערל באַזונדער. ער האָט זיי קײנמאָל ניט אויפגעשנירלט רײענווײז.

צומאָל האָט פּרץ באַנוצט אין זײנע געשפּרעכן מיט מיר נעפּלדיקע ווערטער, אומדײטלעכע אויסדרוקן, וואָלקנדיקע פראַזן — פּונקט ווי ער וואָלט וועלן איבער־געבן אַ שטיקל קבלה אין זוהר־לשון און דערצו נאָך אַ ביסל פאַרדעקט, פאַרגרײזט.

אים האָט פיל מאָל געפעלט דער ריכטיקער, דער קלאָרער אויסדרוק פאַר זיינע געדאַנקען, אפילו פאַר גאַנץ געוויינלעכע געדאַנקען.

אָפטמאָל איז זיין געשפּרעך געווען זייער לעבעדיק, גייסטרייך און טעמפּע־ראַמענטפול — עס איז געווען אַ גייסטיקער געניס אים צו הערן. זיין אופן פון רעדן, און דער געשפּרעך־שטאָף זעלבסט, איז ביי פּרצן געווען שטענדיק אָפּהענגיק פון זיין מאָמענטאַרער שטימונג, און פון דער אויפמערקזאַמקייט פון זיין צוהערער.

פּרץ האָט זייער ליב געהאַט צו רעדן און צו דעבאַטירן וועגן ליטעראַטור און ליטעראַרישע ענינים. זיין אורטייל וועגן שרייבער און זייערע ווערק האָט זיך אָפט געביטן און זיך ווידערגעשפּראָכן. ווען מען איז געווען אין אַן אַנדער מיינונג פון אים, פלעגט ער זיך צעהיצן און אויפפלאַקערן. און גראָד אין אַזאַ אויפגערעגטן צושטאַנד איז פּרץ אין זיינע אורטיילן און געשפּרעכן געווען אַם־אינטערעסאַנטסטן.



מענדעלע מוכר ספרים

מיין לעצטע באַגעגעניש מיט פּרצן

דאָס לעצטע מאָל האָב איך זיך געטראָפן מיט י. ל. פּרצן אין מאַריענבאַד. דאָס איז געווען לערך פינף יאָר פאַר זיין טויט. ער איז נאָך דאַן געווען אין זיין פולער פרישקייט און לעבעדיקייט. ניט קוקנדיק אויף דעם, וואָס געוויסע קראַנק־הייטן האָבן זיך שוין אָנגעדייט אין זיין קערפּער, און דאָקטוירים האָבן אים שוין געשיקט אין פאַרשיידענע באָד־ערטער צו זוכן היילונג. אויף זיין געזיכט, אין זיין האַלטונג און אין זיינע באַוועגונגען האָט מען נאָך ניט געקאָנט מערקן זיין באַהאַלטענעם האַרץ־פעלער. נאָר מאַנכעס מאָל האָט די אויסערלעכע רויטקייט פון זיין פּנים, און די צו־אָפטע אויפרעגונגען, כמעט אָן יעדער אויסערלעכער סיבה, עדות געזאָגט, אַז זיין האַרץ איז ניט אין אָרדענונג.

פּרץ איז שוין דאַן געווען קרוב צו זעכציק, אָבער ער האָט נאָך אַרויסגע־צייגט פיל יוגנטלעכקייט און באַוועגלעכקייט. פאַר אַ שאַרף אויג איז געווען לייכט צו דערקענען, אַז די דאָזיקע יוגנטלעכקייט, כמעט אַ שטיפערישע און שפּילערישע יוגנטלעכקייט, איז געווען מער אַ געמאַכטע, אַ פאַרסירטע, אַ גע־וואָלטע, איידער אַ נאַטירלעכע.

פינף וואָכן האָבן מיר זיך טעגלעך באַגעגנט, לאַנגע שפּאַצירגאַנגען געמאַכט אין די בעמישע וועלדער. דאָס איז געווען סוף זומער, אלול־טעג. די קור־געסט אין מאַריענבאַד זיינען טעגלעך ווייניקער געוואָרן; די וועטערן זיינען געווען וואונדערבאַרע; בלויער, הויכער הימל, קלאָרע, דורכזיכטיקע, ווייך־צאַרטע לופט. דער ווירטואָז־אָרקעסטער האָט צוויי מאָל טעגלעך געשפּילט זיס־טרויעריקע מע־לאָדיעס אויף דער פּראָמענאַדע, וואו די געסט טרינקען דאָס הייל־וואַסער לאַנגזאַם און מיט כוונה.

פּרץ פלעגט מיך טעגלעך אויפזוכן; פלעגט מיך זייער אָפט איבעררייסן מיט זיין באַזוך אין מיין ליטעראַרישער אַרבעט; פלעגט פון מיר שפּאַס מאַכן: ווי קאָן מען אין אַזעלכע שיינע טעג, אין אַזאַ רייצפול־פאַרצויבערטן פּלאַץ, ווי מאַריענבאַד, זיצן און טינטלען איינגעבויגענערהייט איבערן טיש? ער פלעגט מיך אַרויסשלעפּן פון צימער אין דער פריי, אויף דער שיינער גאָטס וועלט. די וועלט איז אָבער געווען באַזונדערס שיין אין מיינע אויגן, ווייל פּרץ האָט מיט מיר אַרומגעשפּאַצירט אין די וועלדער.

וואָס מער מיר האָבן איינער דעם אַנדערן דערציילט, וואָס לענגער מיר האָבן דיספּוטירט, וואָס רייכער, שפּאַנענדער און פּילזייטיקער עס זיינען געווען אונדזערע אינטימערע געשפּרעכן און די ברענענדיקע עקספּלאָדירנדיקע וויכוחים, וועגן אַלץ מעגלעכע און אויך אוממעגלעכע ענינים — אַלץ מער איז פאַר אונדז

ביידן קלאָרער און דייטלעכער געוואָרן ווי פאַרשיידן מיר זיינען אין אונדזער אַנזיכטן און מיינונגען וועגן יידנטום, וועגן ליטעראַטור, פּאָעזיע, לעבנס־פּראָב־לעמען א. ד. גל. אַ תהום האָט אונדז אויך פאַנאַנדערגעטיילט אין דעם אופן ווי מיר שאַצן אָפּ מענטשן און ווערק. און דאָך האָט אונדז געצויגן איינער צום צווייטן ווי מיט מאַגנעט. האָב איך אים ניט אָנגעטראָפן ביים „קרייץ־ברונעם", אָדער לעבן זיין וואוינונג, פלעג איך אים אומגיין זוכן, און פלעג ניט מיד ווערן, ביז איך פלעג אים אויסגעפינען. און דאָס זעלביקע איז געווען מיט אים. ער פלעגט מיך אויס־געפינען, וואו איך בין ניט געווען.

פּרץ האָט כמעט די גאַנצע צייט, וואָס ער איז געווען אין מאַריענבאַד, די פעדער אין האַנט ניט גענומען. זיין געדאַנק האָט אָבער אויף אַ ווילע ניט אויפ־געהערט צו אַרבעטן, צו זוכן, צו פרעגן, צו צווייפלען, צו פילאָסאָפירן אויף זיין חסידיש־פּאָעטישן אופן. זיינע אינערלעכע גייסטיק־שעפערישע קוואַלן זיינען שטענדיק געווען אָפן. אַן אמתער „מעין הנובע, שאינו פוסק" (אַ קוואַל, וואָס הערט ניט אויף). עס איז אים אין יענע טעג געווען אַ פסיכאָ־פיזיאָלאָגישע באַ־דערפעניש, אַ נויטווענדיקייט זיך אוסרעדן, אויסשעפן, אויסקוועלן.

דער ברען־מאַטעריאַל אין זיין גייסט, וואָס פלעגט זיך אָנקלייבן, זיין התלהבות, איבערטריבענער ענטוזיאַזם, האָט געמוזט אַ פּאָר מאָל אין טאָג עקספּלאָדירן. ער פלעגט דאַן רעגענען מיט גייסטיקע ראַקעטן אין אַלע מעגלעכע קאָלירן.

אין דער וואונדער־שיינער, פאַרבנרייכער אומגעבונג פון מאַריענבאַד, אין דער ווירציקער לופט, אין פולער פרייהייט פון אַלע טעגלעכע פליכטן און אַרבעטן, האָט פּרץ אויפגעלעבט. אַלע קליינלעכע זאָרגן, אַלע וואָכעדיקייטן פאַרגעסן און אָפּגעמעקט, ער איז געווען כולו יום־טוב. די נשמה־יתרה האָט אים אויף איין מאָמענט ניט פאַרלאָזן. אַ געשטייגערטער, אַ דערהויבענער און גערייניקטער פּרץ.

ביים שפּאַצירן אין וואַלד פלעגט פּרץ אַרומלויפן, שפּרינגען, זינגען (מיט אַ האַלב־הייזעריקער, ווייניק־מוזיקאַלישער שטים) לידער און פזמונים; פלעגט אַלע ווילע אַנטדעקן אין דער נאַטור נייע וואונדער, נייע שיינקייטן, נייע ביוואַנסן (זיין פאַרבן־חוש האָט זיך זייער ווייניק אויסגעצייכנט און זיינע ידיעות אין דער נאַטור־וויסנשאַפט זיינען אָרעם און בלייך געווען) און נייע ליכט־עפעקטן. ער האָט אַלץ געזען ווי ער האָט געוואָלט זען, אין אַ געוויסער שטימונג און געשפּאַנט־קייט. ער האָט אַלץ אידעאַליזירט, איבערגעטריבן; ער האָט אַריינגעוועבט, אַריינ־געשפּונען פאַנטאַסטישע פעדים אין דער זיכטבאַרער לאַנדשאַפט. ווען ער פלעגט מיד ווערן, פלעגט ער זיך אַריינוואַרפן אין דעם גראָז און נעמען דעבאַטירן. איך בין געווען דער רואיקער טייל. (די אויסערלעכע רו און זעלבסט־הערשונג האָב איך געלערנט מיט די יאָרן, דורך זעלבסט־דערציאונג און אין פאַרקער מיט די אייראָפּייאישע שריפטשטעלער). פּרץ פלעגט זיך קאָכן, זידן, שרייען, אין כעס ווערן, זיך אויפרעגן און פאַרלירן יעדע מאָס. ער האָט זיך ניט געקאָנט קאָנטראָ־לירן, זיך באַהערשן. עס האָט געשפּרודלט. פּרצעס אופן צו רעדן, צו דעבאַטירן איז געווען גאַנץ אייגנאַרטיק.

ער פלעגט שפרינגענדיק, אָן אַן איבערגאַנג, באַרירן אויף איין מאָל פאַר־שיידענע פונקטן, פאַרשיידענע אַנגעלעגנהייטן און פּראָבלעמען. קײן זאַך האָט ער ניט פאַרענדיקט, ניט אויסגעפירט. זײַן דרך איז געווען: אַ זאָג, אַ פראַגע, אַ קורצע באַמערקונג, אַ ווערטל, אַ פּסוק, אַן אײנפאַל א. ד. גל. אַלץ אין זײַן רעדן האָט געטראָגן דעם כאַראַקטער פון עטוואָס ניט־דערזאָגטס, פון אימפּראָוויזאַציע, פון אַ פּאַראַדאָקס, אַן איפּכא מסתברא, פון פּלוצלעכקײט, פון אַ רמז, אַן אָנדײַטונג, אָדער פון אַ נאָך־ניט פאַרטיקן, ניט־אויסגערײַפטן, ניט־אויסגעטראָטענעם האַלב־געדאַנק.

אַלץ צוזאַמען האָט געפינקלט און געבליצט. עס איז געווען די אַנטפּלעקונג פון אַן אָריגינעלן און שאַפערישן גײַסט, וואָס האָט ווייניק געלערנט, און וואָס איז ווייניק געקומען אין באַרירונג מיט העכערע, טיפערע גײַסטער פון זײַן צײַט.

פיל מאָל האָט זײַן געשפּרעך איבער ליטעראַטור און לעבן געקלונגען ווי אַ פאַרשלײערטער ווידוי פון אַ לײַדנדיקער נשמה, אַ גרויסע נשמה, וואָס איז אָבער פול מיט סתירות, מיט ווידערשפּרוכן. אין די אומצײַליקע געשפּרעכן און וויכוחים, וואָס איך האָב געהאַט מיט פּרצן, איז ער קײנמאָל ניט געווען באַנאַל אָדער גלײַכ־גילטיק. אין געוויסע מאָמענטן, איז פּרץ געווען מיסטיש, רעליגיעז, פּאָעטיש־געשטימט. עס האָט זיך געפילט, אַז ער האָט קאָסמישע באַציאונגען, קאָסמישע זעענזוכט (ווען מען קאָן זיך אַזוי אויסדריקן) און וועלט־אומשפּאַנענדיקע פאַנ־טאַזיעס.

דאָס מערקווירדיקע אין אים איז געווען, וואָס ער פלעגט אָפטמאָל מיט אײן שפּרונג זיך אַרונטערלאָזן פון די הימלען, פון די העכסטע ספערן, אין וועלכע זײַן גײַסט האָט אַרומגעשוועבט, אויף דער פּראָזאַאישער ערד, אין די טאָלן פון אַל־טעגלעכן לעבן. אָבער לאַנג האָט ער זיך אין די נידעריקע טאָלן ניט געקאָנט אויפ־האַלטן. עס האָט אים געצויגן אין אַ פאַרכישופטער, לעגענדאַרער וועלט.

פּרץ איז קײן פאַרטײ־מענטש ניט געווען. אין גרונט איז ער געווען אַ גײַס־טיקער אַריסטאָקראַט. ער האָט אָבער ליב געהאַט די ייִדישע מאַסן. דעם אַרבע־טער־קלאַס. אין מאַריענבאַד פלעגט ער אויסווײַכן די רײַכע ייִדן און זײער געזעל־שאַפט. ער האָט אויך אויסגעווײַכט די בורזשואַזע מיט זיך צופרידענע ציוניסטן. דאָך איז מיר געלונגען צו ברענגען אים צו אַ גרופּע רײַכע העברײַער און ציוניסטן, וואָס האָט זיך צו יענער צײַט געפונען אין מאַריענבאַד. און פּרץ האָט געהאַלטן אַ רעפעראַט אין העברייאיש וועגן אונדזערע קולטור־אויפגאַבן. דער רעפעראַט איז געווען רײַך אין געדאַנקען־בליצן און געלונגענע באַמערקונגען פון אַ ווײַט־זעענדיקן און פון אַ טיף־פילנדיקן. די פאָרם, די שפּראַך אָבער, פון זײַן רעפעראַט איז געווען אָרעם און ניט גאַנץ קאָרעקט. נאָכן רעפעראַט זײַנען געווען דיסקוסיעס אין העברייאיש. די ענטפערס פון פּרצן אויף די פראַגן, וואָס מ׳האָט אים געשטעלט, זײַנען געווען קורץ און זײער גײַסטרײַך.

אײן מאָל האָב איך געמאַכט אַ שפּאַצירגאַנג מיט פּרצן פון מאַריענבאַד קײן קעניגסוואַרט. דאָס איז שײנע עטלעכע מײַל. אין קעניגסוואַרט האָבן מיר באַזוכט

דעם פּאַלאַץ פון פירשט מעטערניך, און אָנגעזען דאָרט די אַנטיקן און די זעלטנ־הייטן, היסטאָרישע, קינסטלערישע און נאַטור־וויסנשאַפטלעכע. אַ היפּשע און אינטערעסאַנטע זאַמלונג. פּרץ האָט זיך וויניק אינטערעסירט מיט די זעלטענע קאָלעקציעס, עס איז אים געבליבן פרעמד אפילו דער שרייב־טיש פון דיקענס, די געוויסע כלים פון נאַפּאָלעאָן אויף דעם אינדזל סט. העלענע, די שרייב־געצייגן פון באַלזאַק. ער איז געבליבן צו די אַלע זאַכן קאַלט און גלייכגילטיק. פון מעטער־ניכס פּאַלאַץ זיינען מיר געגאַנגען אָנקוקן אַ חורבה פון אַן אַלטער שול, וואו דער ארון־קודש, אַן אַלטע ספר־תורה, אַן עמוד און נאָך עטלעכע כלי־קודש זיינען נאָך גאַנץ געבליבן. און דאָ האָט זיך פּרץ שטאַרק פאַראינטערעסירט מיט יעדער קלייניקייט. ער האָט געפונען אין דעם פאַל ראָמאַנטיק, זיינע באַמערקונגען זיינען געווען פול מיט ליבע און פאַרשטענדיקונג בנוגע דער חורבה פון דעם בית־הכנסת. אין קעניגסוואַרט האָט זיך צו יענער צייט ניט געפונען קיין איין איינציקע יידישע פאַמיליע. אויפן צוריקוועג איז פּרצעס געשפּרעך געווען טרויעריק, טיף־יידישלעך און רעליגיעז־ראָמאַנטיש.

.1923



י. ל. פּרץ

דער דיכטער פון טרויער און האָפענונג

(שמעון פרוג)

די יידישע פּאָעזיע אין אונדזער מאַמע־לשון האָט זיך איר גאַנץ באַזונדערע וועלט, איר אייגענעם הימל, איר ערד, אירע גרענעצן פון שיינקייט.

די יידישע פּאָעזיע האָט איר אייגן פידעלע, אירע גאַנץ באַזונדערע בלומען, אפילו אירע אייגענע מלאכים.

אין איר וועלטל איז אפילו דאָס לאַכן אַ מין וויינען, קלאָגן און קרעכצן; אירע בלומען זיינען אַ ביסל גיפטיק און טויט־בלאַס; איר הימל איז שטענדיק אַ ביסל בלייערדיק־שווער, פאַרכמאַרעט, פאַרוואָלקנט; אירע שטערן — פאַר־שלייערט און כמעט פינצטער, אירע מלאכים — שווערע, אַלטע, אומעטיקע און ערבנסטע גייסטער.

די יידישע פּאָעזיע האָט באַקומען איר קראַפט און זאַפט, איר טיפן זינען און איר מענטשלעכע צורה ערשט אין אונדזער צייט. אַזעלכע דיכטער ווי מיר האָבן איצט, אין אונדזער מאַמע־לשון, האָבן מיר נאָך קיינמאָל ניט פאַרמאָגט.

און איינער פון אונדזערע גרעסטע און בעסטע פאָלקס־דיכטער איז שמעון שמואל פרוג...

שמעון שמואל פרוג איז געבוירן געוואָרן אין יאָר 1860 אין דער יידישער קאָלאָניע באָבראָווי־קוט (אין כערסאָנער געבורניע), זיין פאָטער, משה צבי, איז געווען אַ פּראָסטער, ערלעכער, אָרעמער קאָלאָניסט.

דעם פרישן ערד־געדוך, דעם געזונטן פעלד־ריח און די שטאַרקע אַנהענג־לעכקייט, צוגעצויגנקייט צו דער ליבער מוטער־נאַטור, אין וועמעס שויס, ער, דער פּאָעט, האָט פאַרבראַכט זיין יוגנט, — דאָס אַלץ פילן מיר אין פיל פון זיינע לידער.

פרוג איז ביז היינט געבליבן, אין אַ געוויסער מדרגה, אַ פריי קינד פון דער פעלד־און וואַלד־נאַטור, כאָטש דאָס לעבן, דאָס שווערע לעבן פון אַ יידישן דיכטער, האָט אָן אַ צייט צעקנייטשט, צערונצלט זיין דיכטער־שטערן, געבויגן זיינע שולטערן און געבראָכן זיין גאַנצן גוף. פרוג איז יונג און אַלט ווי זיין פאָלק אַליין.

דער קליינער פרוג האָט, ווי אַלע יידישע קינדער אין דער קאָלאָניע, געלערנט אין חדר, וועלכן ער האָט דערנאָך אין פאַרשיידענע פון זיינע שירים אַזוי מייס־טערהאַפט געשילדערט.

און אין חדר האָט דער קליינער קאָלאָניסטן־קינד געלערנט תנ״ך *), און דער

---

*) אין די קינדער־יאָרן האָט פרוג נאָר תנ״ך געלערנט, שפּעטער האָט ער זיך פאַרטיפט אויך אין מדרש און אין דער אַלטער תלמודישער אגדה.

תנ"ך איז געווען, אויך געבליבן זיין לעבן. פרוג דערציילט אין אַ פריוואַטן בריוו, אַז די נביאים ישעיה און יחזקאל האָבן אויף אים, נאָך אַלס קינד, געמאַכט זייער אַ שטאַרקן, ניט פאַרגעסלעכן איינדרוק.

אין יאָר 1869 איז פרוג אַלס 9־יאָריקער קינד אָנגעקומען אין דער דאָרף־שולע, וואו ער האָט דריי יאָר געלערנט לעזן און שרייבן רוסיש און דערמיט האָט זיך געענדיקט זיין שול־בילדונג. זיין וויטערע בילדונג איז ער זיך אַליין שולדיק. ווי די מייסטע יידישע פּאָעטן, וואָס האָבן וואָס געלערנט מער אָדער ווייניקער, האָט ער אַלץ אַליין געלערנט אָן לערער, אָן סיסטעם און פּראָגראַם.

דער חדר מיט זיינע מלמדים האָט אויף פרוגס טאַלענט, אויף זיין גייסט, אויף זיינע לידער און געדאַנקען געמאַכט פיל מער איינדרוק ווי די „דאָרף־שולע" מיט איר לערע און אירע לערער **).

ווען פרוג איז אַלט געוואָרן 16 יאָר האָט ער זיך אַ „לאָז געטאָן" קיין כערסאָן צו זוכן מיטלען צום לעבן. ווי עס שיינט, איז אין עלטערנס הויז ניט געווען צופיל ברויט. וואַרשיינלעך האָט דער יונגער פרוג זיך געלאָזט קיין כערסאָן ניט נאָר ברויט צו זוכן, נאָר אויך בילדונג און אַ תכלית אין לעבן.

דער קאַזיאָנער רב אין כערסאָן האָט אים צוגענומען פאַר אַ שרייבער אין זיין קאַנצעלאַריע. פרוג האָט דאָרט געפירט דאָס מעטריקל־בוך. דער צוקונפטי־קער דיכטער האָט זיך נאָך אין זיין פריער יוגנט, אַלס 14־15־יאָריקער יינגל, באַשעפטיקט מיט קאַנצעלאַריע־אַרבעטן ביי דעם אויפזעער פון זיין קאָלאָניע.

אין כערסאָן, אין דער קאַנצעלאַריע פון דעם קאַזיאָנעם רב, האָט זיך פרוג באַגעגנט מיט דעם יידישן לעבן פון אַלע זייטן. ער האָט דאָרט געזען יידישע טרערן, יידישע אָרעמקייט און ביטערקייט. דאָרט איז אים באַקאַנט געוואָרן פיל פון יידיש־שטאָטישן פאַמיליען־לעבן, די גוטע און שלעכטע זייטן.

עס איז אָפט זייער נויטיק פאַר אַ דיכטער, פאַר אַ טרוימער לערנען אויך די ניט־פּאָעטישע זייטן פון לעבן, די האַרטע, פּראָזאַאישעווירקלעכקייט.

אין כערסאָן האָט זיך פרוג באַקענט מיט אַ נידעריקן קריסטלעכן באַאַמטן, וועלכער איז געווען דער קאָרעקטאָר פון די „גובערנסקיאַ וויעדאָמאָסטי" און קאָרעספּאָנדענט פון די אָדעסער רוסישע צייטונגען. און דער דאָזיקער זייער ווייניק געבילדעטער טינטלער האָט געוועקט אין פרוגן זיין דיכטער־טאַלאַנט. ער האָט אים געלערנט ווי מען „מאַכט" לידער.

*
**

דאָס ערשטע געדיכט פון ש. פרוג איז געדרוקט געוואָרן אין יאָר 1880 אין דער דעמאָלטדיקער יידיש־רוסישער וואָכנשריפט „ראַזסוועט".

פרוגס דיכטער־טאַלאַנט האָט זיך אַנטפּלעקט, האָט אויפגעבליצט פונקט אין

**) איך ווייס קיין איין איינציק געדיכט ביי פרוגן, ניט אין רוסיש און ניט אין יידיש, אין וועלכע ער זאָל שילדערן אָדער באַזינגען די „דאָרף־שולע" ווי ער האָט דאָס אָפט געטאָן מיט דעם יידישן חדר.

דער צייט, ווען צווישן די רוסישע יידן האָט דערוואַכט, אויפגעלעבט דאָס נאַציאָ־נאַלע געפיל. דאָס איז געווען אַ בליץ פאַר דעם גרויסן דונער, וועלכער האָט פּלוצלונג צעקלאַפּט, צעמישט פיל רואיקע יידישע קעפּ.

דאָס איז געווען אַ יאָר פאַר די ערשטע פּאָגראָמען אין דרום־רוסלאַנד.

דאָס ערשטע געדיכט פון ש. פרוג האָט אין דער יידיש־רוסישער אינטעלי־גענטער וועלט געמאַכט גרויס אויפזען, מ'האָט גלייך דערקענט, אַז דער לאַנג־דערוואַרטעטער יידישער פּאָעט איז געקומען.

און ער איז געקומען אַ פרישער, שטאַרקער און עכטער.

די רוסיש־יידישע ליטעראַטור איז דאַן געשטאַנען אין איר בלי־צייט. דעם ערשטן פּלאַץ אין איר האָבן פאַרנומען די דערציילער יוסף ראַבינאָוויטש, לייב לעוואַנדאַ און ג. באָגראָוו. קיין יידיש־רוסישער פּאָעט פון וואָסער ס'איז באַדיי־טונג איז אָבער ביז פרוגן ניט געווען. דער איינציקער רוסיש־יידישער דיכטער פון ווערט איז געווען מינסקי (ווילענסקי); אָבער ער האָט זיך נאָך דאַן אינגאַנצן, אַלס מענטש און אַלס פּאָעט, אָפּגעזאָגט פון זיין פאָלק.

נו, איז געקומען אָנהייב די 80ער יאָרן אונדזער פרוג מיט דעם תנ"ך אין דער האַנט, מיט דער יידישער האַרפע, מיט אונדזערע זמירות און אונדזערע קינות, מיט אַלטע מאָטיוון אין אַ נייער פאָרם. אונדזער פרוג אין גייסט, ווען אפילו ניט אין אונדזער לשון.

און דער נייער פּאָעט איז גלייך געוואָרן באַקאַנט און באַליבט צווישן דער יידישער יוגנט.

אין אָנהייב פון יאָר 1881 האָט די יידישע אינטעליגענץ אַראָפּגעבראַכט פרוגן קיין פּעטערבורג.

פרוג האָט לעבעדיק געמאַכט מיט זיין פּאָעטישן כישוף פּאַרמעט־געלע אויסגעטרוקנטע לעגענדעס און מעשיות פון אַמאָליקע דורות. באַלזאַם האָט ער אַריינגעגאָסן אין אונדזערע ברענענדיקע וואונדן; מוט, האָפענונג און אמונה אויף בעסערע צייטן האָט ער אַריינגעהויכט אין די הערצער פון זיינע שוואַכע אומגליקלעך־פאַרצווייפלטע ברידער. מיט גיפטיקער איראָניע, מיט אַן אַשמדאַי־געלעכטער האָט ער חוזק געמאַכט פון אונדזערע פיינט...

אין יענער צייט פון זיין גלאַנץ האָט פרוג געשאַפן אויך די בעסטע געדיכטן, — און דאָס זיינען די, וועלכע האָבן אַ ביבלישן אינהאַלט, אָדער וועלכע זיינען געבויט אויף יידישע לעגענדעס. זיין „בעכער"*) איז געוואָרן אַ פאָלקס־ליד; אַ דימענט אין דער קרוין פון דער יידישער פּאָעזיע.

***

אין די ניינציקער יאָרן, פון דעם פאַריקן יאָרהונדערט, האָט דער דיכטער ווי פאַרלוירן אַ שטיק פון זיין קראַפט און גלאַנץ. פרוג איז געוואָרן אַ צייטונגס־

*) דער „בעכער", אָנגעשריבן דורך פרוג אין רוסיש, איז איבערגעזעצט געוואָרן אויף יידיש דורך י. ל. פרץ. עס זיינען פאַרפאַסט געוואָרן מעלאָדיעס צום ליד. — רעד.

אַרבעטער. און שווערע צייטן האָט ער געמוזט דורכמאַכן. זייער אָפט האָט אים די פּאָליציי געוואָלט אַרויסטרייבן פון פּעטערבורג אַלס ייד, וועלכער איז ניט קיין בעל־מלאכה און ניט קיין גרויסער סוחר, און דערצו — דער שווערער קאַמף פאַר דער עקזיסטענץ.

איך וויל פרוגן ניט פאַרכאַפּן דעם וועג, פיליכט וועט ער אונדז נאָך אַליין דערציילן די זכרונות פון יענע שווערע צייטן.

מיט צען יאָר צוריק, אָדער עטוואָס פריער, האָט פרוג אָנגעהויבן שרייבן יידיש. און ער איז מיט זיינע „לידער און געדאַנקען" געוואָרן דער ליבלינג פון דעם יידישן המון, פון די ברייטע יידישע מאַסן.

פרוג, דער דיכטער אין יידיש, טראָגט אויף זיין קאָפּ אַ גאַנץ אייגנאַרטיקע קרוין און גאַנץ אייגנאַרטיק (אָבער זייער געזונט און געשיקט) שפּילט ער אויף זיין נייעם געדאַנקען־ און געפילן־אינסטרומענט: — די יידישע שפּראַך.

און וואָס פאַר אַ קינסטלער איז פרוג אין יידיש! ווי מייסטערהאַפט ער באַהערשט די יידישע שפּראַך, אויף וועלכער ער קלאָגט זיך שטענדיק, אַז זי איז אָרעם, האַרט און, אַן און פאַר זיך, זייער ווייניק פּאָעטיש.

דער אַלטער יידישער שמערץ קלינגט אין אַלע פרוגס לידער, און דאַרום האָבן זיי אַזאַ שטאַרקע ווירקונג אויף דעם לעזער.

פרוג קינסטלט ניט זיינע לידער; ער קוועטשט זיי ניט אַרויס מיט גוואַלד פון פעדער. זיי פליסן ביי אים ווי פון זיך אַליין, זיין שמערץ איז ניט קיין געמאַכטער, זיין שמערץ איז דער אייביקער שמערץ פון דעם געפייניקטן, געדריקטן, צעטראָטענעם פאָלק. אויך זיין האָפענונג, זיין גלויבן אין בעסערע צייטן זיינען עכט.

און דאַרום ווערט לייכטער אויפן האַרצן, ווען מ'זאָגט מיט פרוגן אַ ביסל קינות. דורך די טרערן, וועלכע פאַרשלייערן אונדזערע אויגן, זעען מיר דאָך דעם רעגנבויגן פון האָפענונג.

ניו־יאָרק, 1910.

פון דער פאָררעדע צו „אַלע שריפטן פון ש. פרוג", דערשינען אין ניו־יאָרק אין סוף 1910 אין 3 בענד דורך דער „היברו פּאָבלישינג קאָמפּאַני", מיט פאַרקירצונגען.—רעד.

מיין באַגעגעניש מיט מאָריס ראָזענפעלד

.1

דעם אמת געזאָגט, בין איך ניט קיין גרויסער למדן אין דער זשאַרגאָן־ליטע־ראַטור. איך זאָג דאָס און שעם זיך דערמיט, ווייל איך רעכן, דאָס יעדער העבריי־אישער שריפטשטעלער, יעדער פריינט פון אונדזער המון־עם איז מחויב צו וויסן און צו לעזן אַלץ, וואָס ווערט געשריבן פאַר אונדזער פאָלק אין זיין גלות־שפּראַך. אונדזער מיינונג איבער דער זשאַרגאָן־ליטעראַטור קאָן זיין וועלכע זי איז, אָבער צומאַכן די אויגן און ניט וויסן, וואָס דאָרט קומט פאָר, ווי און וואָס עס ווערט דאָרטן געאַרבעט, געשאַפן, געזונגען, געקלאָגט, געלאַכט און דערציילט איז דאָך אַ גרויסע זינד.

צו מיין פאַרענטפערונג קאָן איך נאָך זאָגן, אַז איך בין מער ווי 10 יאָר פון רוסלאַנד, און עס איז מיר אוממעגלעך צו באַקומען יידישע ביכלעך. דאָ איז דאָס אַ יקר־המציאות. די ביכלעך אין זשאַרגאָן, וועלכע מען שיקט מיר צו פון אַמעריקע און פון דער שווייץ, זיינען גאָר פון אַ גאַנץ אַנדער סאָרט. דעם יידישן גייסט, דאָס יידישע לעבן, די יידישע וועלט, די יידישע צרות און יסורים, יידישע ווערטלעך און בילדער קאָן מען אין זיי ניט געפינען. און אַזוי ווערט מען ביסלעכוויז, לייד, דערווייטערט פון מאַמע־לשון. אונדזער מאַמע־לשון איז אפילו זייער אָרעם, האָט אפילו פיל חסרונות און איז אונדז צו ענג פאַר אונדזערע נייע געדאַנקען און נייע געפילן, אָבער דאָך מאַמע־לשון, און דער לשון פון מיליאָנען אָרעמע, אומגליקלעכע ברידער.

און ווי שטאַרק האָב איך זיך געשעמט, ווען ישראל זאַנגוויל, דער גרויסער דערציילער פון יידישן לעבן אין דער ענגלישער שפּראַך, האָט מיך, מיט אַ פּאָר יאָר צוריק, אויפמערקזאַם געמאַכט אויף מאָריס ראָזענפעלדן, און איך האָב ניט געוואוסט ווער ער איז. אין אַ קורצער צייט נאָך דעם געשפּרעך מיט זאַנגווילן איז דערשינען אַן ענגלישע איבערזעצונג פון ראָזענפעלדס לידער. די ענגלישע צייטונגען האָבן פיל אַרטיקלען דעריבער געשריבן און זיי זייער שטאַרק געלויבט. די אַמעריקאַנישע צייטונגען האָבן ראָזענפעלדס נאָמען געהויבן ביז אין הימל. איך האָב אויך זיך דערוואוסט, אַז בערטהאָלד פייוועל, דער רעדאַקטאָר פון דער „וועלט”, גרייט־צו אַ דייטשע איבערזעצונג פון ראָזענפעלדס לידער, דאַן האָב איך מיר איינגעשאַפט ראָזענפעלדס שירים אין אָריגינאַל, אין זשאַרגאָן, איך זאָל

געשריבן אין 1902, מיר גיבן עס מיט אייניקע פאַרקירצונגען. — רעד.

קענען אַליין באַאורטיילן זייער ווערט, און ניט גלויבן וואָס אַנדערע זאָגן מיר; איך זאָל הערן דעם דיכטער אין זיין שפּראַך, און ניט ווי זיינע איבערזעצער ריכטן אים צו.

איך האָב דורכגעלעזן ראָזענפעלדס זשאַרגאָן־לידער און בין געווען אַנט־ציקט. איך האָב געפונען אין זיי הייסע געפילן, אַ יידישע, טיף־פּאָעטישע נשמה, געזונטע געדאַנקען, אַ רייכע שפּראַך, גלענצנדע בילדער, און אַ ברידערלעכע ריינע ליבע צו אַלע אָרעמע און אומגליקלעכע, צו אַלע דערנידעריקטע און פאַרפאָלגטע. וויפל פאַרשטענדעניש האָט אונדזער פּאָעט פאַר אַלע ביטערקייטן פון גלות. ער באַקלאָגט די גערעכטיקייט, וואָס ווערט צעטראָטן אונטער די פיס. ער באַקלאָגט די שיינקייט, וואָס ווערט דערשטיקט, די יוגנט, וועלכע ווערט פאַרוועלקט. אַך, ווי ער האָט ליב די פרייהייט, מענטשן־ערע, דעם בלויען הימל, די שיינע בלומען, דעם שטרייט פאַר דעם אמת! אַך, ווי ער האַסט די מאַשין אין אַמעריקע, וועלכע האָט געמאַכט זיינע אָרעמע ברידער פון רוסלאַנד פאַר קנעכט; די מאַשין, וועלכע זויגט אונדזער בלוט, אונדזער מאַרך און וועלכע מאַכט מענטשן פאַר סקעלעטן, פאַר ציפער, פאַר אירע דינער, אויך פאַר מאַשינען.

וואָס מער איך האָב געלעזן זיינע לידער, האָב איך מער באַוואונדערט זיין קונסט. אַלץ קלינגט און זינגט; עס גייט טיף אין האַרצן. יעדעס ליד ציט. צופּט און רייסט־אויף אונדזערע אַלטע וואונדן, אָדער אויך די נייע פריש־געבאַ־קענע וואונדן אין האַרצן. אָבער גלייך מיט די שמערצן ברענגען זיי באַלזאַם, פאַרגעניגן און טרייסט, ווי יעדעס קונסט־ווערק. עס ווערט, דאַכט זיך, גרינגער אויפן האַרצן, ווען מען לייענט ראָזענפעלדס געדיכטן; די טרערן קומען ווי אַ גאולה. ראָזענפעלד איז אַ דיכטער, וואָס האָט אַליין געליטן פון קינדווייז־אָן גלות־צרות. ער אַליין איז געווען פאַרוואָגלט, נע־ונד און ער אַליין איז געווען געקנעכטעט פון דער ניי־מאַשין. ער זינגט וואָס ער האָט איבערגעלעבט; ער גיט דאָס וואָס ער האָט. ער האָט אָבער אויך שוין פאַרזוכט די פרייהייט אין דער נייער וועלט און דאָס שפּירט מען אין אַלע זיינע בעסערע געדיכטן.

מ. ראָזענפעלד איז אַ מאָדערנער, ד. ה., אַ היינטוועלטיקער מענטש און דאַרום פילט ער טיף די אַלע אומגערעכטקייטן, וואָס אונדזער אייגער פילט, דאַרום זוכט ער זיין „איך”, דאַרום איז אים אַזוי טייער, אַזוי ליב די זעלבשטענדיקייט, דאַרום איז ער אַזוי מאַט און מיד און זוכט רוע, גליק, טרייסט ביי דער מוטער־נאַטור. ער איז אָבער צו גלייכער צייט אַ מאָדערנער ייד, און דאַרום פילט ער אַזוי שטאַרק די ביטערקייט פון גלות און רייסט זיך נאָך אונדזער אַלטן פאָטער־לאַנד, דאַרום פילט ער אַזוי שמערצלעך די באַזונדערע יידישע צרות. ער איז דורך־און־דורך מענטש און דורך־און־דורך ייד און דערצו — דער עכטער, געבוירענער פּאָעט, אַ פאָלקס־דיכטער, ער לעבט און ליידט, האָפט און שטרעבט צוזאַמען מיט זיינע ברידער.

ווער קאָן פאַרגעסן זיין מייסטער־ליד „דער יידישער מאַי”, וואָס איז געדרוקט אין דעם „יוד” פון יאָר 1899. אין דעם ליד זעען מיר אונדזער געליבטן פּאָעט אין זיין פולן גלאַנץ און פּראַכט, יאָן זיינע יום־טוב־קליידער; מיר הערן זיינע

האַרץ־רייסנדיקע זיפצן און די שענסטע מעלאָדיעס פון זיין צאַרטער, פיינפילנדער האַרפע. אַך, ווי שיין ער מאָלט די נאַטור, און ווי טיף איז זיין טרויער וואָס דער ייד געניסט זי ניט, און קאָן זי ניט געניסן, ער קאָן פון איר גאָר קיין הנאה האָבן; זי איז ניט זיינע, זי איז אים אַ שטיף־מוטער.

דער פּאָעט שילדערט מיט העלע פאַרבן, מיט ברייטע שטריכן, ווי שיין עס איז געווען אַמאָל דער יידישער מאַי אין זיין אייגענעם לאַנד, דאָרטן, אין זיין לאַנד, האָט דער ייד אַמאָל „פון אַ וואונדערלעכער פידל אויסגעקושט די שענסטע לידער". אָבער איצט:

> אויף אַ ווערבע בוים אַ שטומע,
> הענגט דער חלום פון מיין אומה...

וואָס פאַר אַ טרויעריק בילד, ווי שטאַרק דאָס ווירקט, וואָס פאַר אַ קראַפט און אָריגינאַליטעט עס ליגט אין דעם לעצטן פערז. ניין, אַזאַ פערז קאָן מען קיינמאָל, לעבן־לאַנג, ניט פאַרגעסן. ער גראָבט זיך איין טיף אין זכרון, ער איז שטענדיק אין די אויערן, ער פאַרפאָלגט ווי אַ געשפּענסט. שוין באַלד דריי יאָר, ווי איך האָב געלייענט אין דעם „יוד" דעם „יידישן מאַי", און דער פערז פאַרפאָלגט מיך. איך זיץ אין אָפּערע־טעאַטער און הער וואַגנערס מוזיק, און אין די אויערן ברומט: „אויף אַ ווערבע־בוים אַ שטומע, הענגט דער חלום פון מיין אומה..." איך שפּאַציר אין דער בילדער־גאַלעריע, אין טיער־גאָרטן אָדער אין דער שווייץ אויף די אַלפּן, און דער פערז לאָזט מיך ניט אָפּ, עס ברומט, עס זשומעט: „דער חלום פון מיין אומה..."

דער דיכטער טרייסט אָבער דעם יידן, אַז עס קומט פאַר אים אַ נייער מאַי, זאָגט אים צו פרידן און רו אין זיין אַלטן פאָטערלאַנד.

מ. ראָזענפעלד איז אָבער ניט נאָר אַ קלאָג־מוטער, ניט נאָר אַ איכה־זאָגער, אַ קינות־מאַכער, — ער קאָן אויך לאַכן, שפּאָטן איבער דעם שטאַרקן, איבער דעם בלוט־זויגער, איבער דעם פאַלשן, איבער דעם בלינדן פאַנאַטיקער. ניט נאָר טרערן האָט ער, אָבער אויך גאַל. ניט נאָר ווערטער פון טרייסט פאַר די שוואַכע, אָבער אויך שאַרפע ווערטער, אָנגעזעטיקטע מיט גיפט פאַר די שטיינערנע הערצער. ער פאַרמאָגט אויך איראָניע, וויץ און אַ ביסל בדחנות פון בעסטן סאָרט. די אַלע אייגנשאַפטן האָבן דעם יידן אין גלות געדינט אַלס בעסטע געווער. גאַל־ביטערע איראָניע, שפּיז־שאַרפן וויץ, פאַרניכטנדער שפּאָט, דאָס האָבן מיר גע־זאַמלט מיט פליים אין אונדזערע גייסטיקע אוצרות אין די לאַנגע דורות, וואָס דער פיינט האָט אונדז געטראָטן אונטער זיינע פיס. פון דעם רייכן אוצר האָבן געשעפּט מיט פולע הענט היינע, בערנע, סאַפיר, גאָרדאָן, קאַמינער, פרוג און אַנדערע.

לייענענדיק ראָזענפעלדס לידער האָב איך מיר געשאַפן אין מיין פאַנטאַזיע זיין גייסטיק בילד. מיר האָט זיך געוואָלט אָבער זען ראָזענפעלדן אין דערווירקלעכקייט. ווען איך קאָן דעם דיכטער פערזענלעך, פאַרשטיי איך בעסער, ריכטיקער, טיפער זיינע לידער. איך קאָן דאָן לייענען אויך צווישן די שורות.

דער דיכטער איז מיר שטענדיק אינטערעסאַנטער ווי זיינע לידער, דען וויפל ער דיכטעט, בלייבט ביי אים נאָך פיל מער אין האַרצן; אין זיינע אויגן קאָן איך פיל מאָל מער לעזן ווי זיינע לידער.

.2

יאָ, מיר האָט זיך געוואָלט פערזענלעך באַקענען מיט ראָזענפעלדן און הערן ווי ער אַליין לייענט זיינע וואונדער־שיינע לידער. אָבער ווי קומט די קאַץ איבערן וואַסער? ער איז אין אַמעריקע, און איך בין אין בערלין!

אָבער עס איז דאָך געקומען.

פאַריקן יאָר בין איך געווען אין לאָנדאָן אויף דעם ציוניסטישן קאָנגרעס. עס זיינען דאָרטן צוזאַמענגעקומען דעלעגאַטן און סתם געסט פון אַלע עקן פון דער וועלט. איך האָב דאָרטן געמאַכט פיל נייע, אינטערעסאַנטע באַקאַנטשאַפטן, צווישן זיי, אויך מיט מאָריס ראָזענפעלד. מיר האָט געטראָפן אין לעבן, אַז נאָכדעם ווי איך האָב זיך באַקענט מיט דעם דיכטער אַליין, האָב איך מער ניט געקאָנט לייענען און אפילו פון אַנדערע ניט הערן זיינע לידער. עס איז אפשר אַ פעלער, אָבער אַזוי בין איך; איך קאָן קיין וואַסער ניט טרינקען, ווען איך זע, אַז עס קוועלט פון אַ קוואַל פול מיט מיסט און קויט. אָבער ראָזענפעלדס לידער זיינען מיר פיל ליבער, פיל געדיכטער און זיסער געוואָרן, נאָכדעם ווי איך האָב זיך מיט אים אַליין גוט באַקאַנט.

ראָזענפעלד איז אַ ברונעט, מיטעלער וואוקס. צוויי שוואַרצע פונקל־פייער גלענצנדע אויגן, מיט אַ פאַרטרוימטן אויסדרוק, באַלייכטן זיין פאַרכמאַרעטן געזיכט. פון ערשטן אויגנבליק קאָן מען גלייך מערקן, אַז עס שטייט פאַר אונדז אַ פּאָעט פון אַן אומגליקלעכן פאָלק; אַ פּאָעט, וועלכער איז אויסגעוואַקסן אין צרות און טרערן, וועלכער איז באַשטימט מער צו וויינען און קלאָגן, ווי צו זינגען און זיך צו פרייען. ראָזענפעלדן פעלט די פרייע, רואיקע, ריטמיש־שיינע באַוועגונג און דער אָפענער, פאַרטרויענספולער בליק. מ'זעט, אַז אויף דעם פּאָעטס פלייצעס ליגט די משא פון אַ שווערן לעבן. די משא פון אייגענע און פרעמדע יסורים. אָבער זיין שיינער שטערן איז ווי געשאַפן צום דיכטער־קרוין. די מוזע, די געטין פון דער פּאָעזיע האָט זיין שטערן געקושט, ווען דער דיכטער איז נאָך אין וויגל געלעגן, און דאַרום איז ער אַזוי שיין.

נאָך דעם קאָנגרעס האָבן מיר אָפּגערעדט ביידע פאָרן אין ווייטשעפל, דאָס איז דער קוואַרטאַל אין לאָנדאָן, וואו עס וואוינען די רוסישע, פוילישע, גאַליצישע און רומענישע יידן. מיר האָבן באַשלאָסן צו באַזוכן אייניקע מענטשן און צו זען אייניקע זאַכן. ער האָט מיר געוואָלט ווייזן פאַרשיידענע סצענעס פון יידישן לעבן. ראָזענפעלד איז שוין אַ שטיקל באַלעבאָס אין ווייטשעפל, און קאָן זיך דאָרטן גוט אויס. ער האָט עטלעכע מאָל שוין געלעבט אין לאָנדאָן. איצט וואוינען דאָרט זיינע עלטערן און ער האָט פאַרבראַכט ביי זיי כמעט אַ האַלב יאָר צו־גאַסט. זאַנגוויל

האָט אױך אַראָנזשירט אײניקע אָװנטן, װאו ראָזענפעלד האָט פאָרגעלעזן זײנע לי־דער. אין לײענען איז ער אַ מײסטער, אַ קינסטלער. די גאַנצע צײט, װאָס איך בין געװען אין לאָנדאָן, איז ראָזענפעלד גרײט געװען צו שענקען מיר יעדן טאָג זײן צײט.

די לעצטן צײט האָבן זיך פיל באַמיט אָנמאַכן אַ שנאה, אַ קנאה צװישן די העברײאישע און זשאַרגאָנישע שרײבער. מיר האָבן זיך אָבער געהאַלטן פאַר חברים און אונדזערע פעדער פאַר שװעסטער. איך האָב אים נאָר מקנא געװען װאָס ער שרײבט אין דער שפּראַך פון אונדזער המון־עם, אױף װעלכער עס לײענען אונדזערע אָרעמסטע ברידער און שװעסטער, און ער האָט מיר מקנא געװען, װאָס איך שרײב אין אונדזער גלאַנצפולער שפּראַך. ער האָט זיך שטאַרק געפרײט, װאָס מיר האָבן זיך די לעצטע יאָרן צוזאַמענגעטראָפן אין די אַמעריקאַנישע יידישע בלעטער.

פאָרנדיק מיט דעם אָמניבוס נאָך װײטשעפּל דורך די רױשנדיקע, לעבעדיקע, הור־האַדיקע גאַסן, האָב איך געבעטן דעם דיכטער, ער זאָל מיר דערצײלן פון זײן לעבן. ער האָט דאָס גערן געטאָן. דאָס װאָס מיר איז איבערגעבליבן אין זכרון, גיב איך איבער פאַר די לעזער פון „יוד״, אין װעלכן עס זײנען געדרוקט געװאָרן ראָזענפעלדס שײנע נאַציאָנאַל־לידער.

.1902

מאָריס ראָזענפעלד

אחד־העם

מיין ערשטע פּערזענלעכע באַקאַנטשאַפֿט מיט אחד־העם איז געווען אין חודש מאַי, 1896.

איך האָב דאַן געוואוינט אין בערלין, אין שאַרלאָטענבורג.

אחד־העם איז געקומען קיין בערלין אַרויסצוגעבן דעם „השלח". ער איז שטיל, באַשיידן געקומען קיין בערלין. קיין צייטונג, אפילו די דייטש־יידישע, האָט אַ שורה ניט געשריבן וועגן אחד־העמס אָנקומען.

אויפֿן צווייטן טאָג פֿון זיין אָנקומען אין בערלין האָט ער מיך באַזוכט אין מיין וואוינונג.

אַזוי ווי איך האָב פֿאַר דעם קיינמאָל ניט געזען אַ בילד, אַ פֿאָטאָגראַפֿיע אָדער אַ צייכענונג פֿון אחד־העם, האָב איך די ערשטע פֿאַר מינוט ניט געקאָנט גלויבן, אַז דאָס איז ווירקלעך אשר גינזבורג (אחד־העם), און טאַקע ער אַליין און ניט קיין אַנדערער.

דער ערשטער איינדרוק פֿון אחד־העמס געזיכט האָט מיך אַנטוישט. איך האָב זיך ניט געקאָנט פֿאָרשטעלן, אַז דער העברייאישער שריפֿטשטעלער, וועל־כער איז שוין געווען אַרומגערינגלט מיט אַ האַלב־מיסטישער, האַלב־לעגענדאַ־רער אַטמאָספֿערע, זעט אויס אַזוי פּראָזאַאיש, אַזוי ניכטער, טרוקן.

איך האָב דערזען פֿאַר זיך אַ רויטלעכן ייד פֿון אַ יאָר פֿערציק. דער קאָפּ־שיידל פּילקאָנטיק, שפּיציק מיט ווייניק האָר באַדעקט, כמעט אַ פּליך: אַ מאָ־גער, רויטלעך געזיכט, קלוגע, אָבער כמעט שטעכיקע אויגן; שטיל, קאַלט קול; עפּעס דזשענטעלמעניש באַנעמונג, עפּעס אָנגעצויגנקייט, צוריקגעהאַלטנקייט און ערנסטקייט.

ניט אַזוי האָב איך זיך פֿאַרגעשטעלט אין מיין פֿאַנטאַזיע אחד־העמען.

דעם ערשטן בליק בין איך געווען אַנטוישט.

ווען איך וואָלט באַגעגנט אחד־העמען אין גאַס, וואָלט ער ניט צוגעצויגן מיין אויפֿמערקזאַמקייט ניט אויף אַ סעקונדע.

ביי נאָענטערער באַטראַכטונג האָב איך אויסגעפֿונען, אַז דער בליק, דער אַריינדרינגענדער אויסדרוק פֿון זיינע אויגן, זיין אויפֿמערקזאַמער, קאָנצענ־טרירטער צוהערן, ווען מען רעדט צו אים, ווי דער קוים באַמערקבאַרער, דינער, איראָנישער שמייכל אין די ווינקלען פֿון זיינע דינע ליפּן, — אַז דאָס אַלץ האָבן עדות געזאָגט, ווען מ'האָט געוואָלט, אַז די דאָזיקע מענטשלעכע דערשיינונג, וואָס האָט זיך אַ נאָמען געגעבן אחד־העם, איז, אין דער ווירקלעכקייט, אַן אויס־נאָם־מענטש, ניט אַ געוויינלעכער מענטש.

***

אחד־העם איז געוואָרן מיינער אַ שכן אין שאַרלאָטענבורג, ביי בערלין. ער האָט געדונגען ביי אַ דייטשקע אַ גרויס צימער, נאָר איין צימער. אין דעם דאָזיקן צימער האָט ער געשלאָפן, געסט אויפגענומען און דאָרט איז אויך געווען די רעדאַקציע און די אַדמיניסטראַציע פון „השלח".

אַלץ אין דעם דאָזיקן צימער איז געווען אין דער בעסטער אָרדענונג.

אחד־העם איז דעמאָלט, ווען ער האָט אָנגעהויבן אַרויסגעבן דעם „השלח", געווען אָנגעוויזן מיט זיין פאַמיליע (וואָס איז דאַן געווען אין אָדעס) נאָר אויף דעם געהאַלט, וואָס ער האָט באַקומען פון „אחיאסף" אַלס רעדאַקטאָר. אַ קורצע צייט פאַר דעם האָט ער פאַרלוירן זיין געלט, וואָס ער האָט געהאַט אין אַן אויל־זאַוואָד.

צום ערשטן מאָל איז אים אויסגעקומען צו לעבן פון ליטעראַטור. פאַר־לירנדיק זיין געלט, האָט אחד־העם אויסערלעך אָבער אויף איין מינוט ניט פאַר־לוירן זיין אָנזען, זיין שטאָלץ און זיין פאָרנעמע האַלטונג. אינערלעך אָבער, ווי עס האָט מיר אויסגעזען, האָט ער זייער געליטן, פילנדיק זיך אַלס אַ באַצאָלטער אָנגעשטעלטער ביי דער גרינדער־געזעלשאַפט „אחיאסף", הגם מ'האָט אים באַהאַנדלט אַלס אַן אויסדערוויילטן פונעם פאָלק.

מיט גרויס הכנעה, אונטערטעניקייט פלעגן פאַר אים שטיין די פירער און פאַרוואַלטער פונעם פאַרלאַג „אחיאסף".

אחד־העם איז געווען אַן אומאָפּהענגיקע נאַטור. ער האָט קיינמאָל ניט גע־קאָנט שרייבן, ווען „מען דאַרף". ווען עס פאָדערט פון אים דער דרוקער אָדער דער פאַרלעגער, נאָר ווען ער וויל, ווען ער האָט וואָס צו זאָגן, נאָר ווען ער איז גייסטיק דערצו דיספּאָנירט, געניגט, געשטימט און אינערלעך באַפרייט.

איידער ער האָט רעדאַקטירט דעם „השלח", איז אחד־העם געווען מאַטע־ריעל אומאָפּהענגיק. זיינע אַרטיקלען, עסייען פלעגט ער געבן די רעדאַקטאָרן אָן האָנאָראַר — באַשטעלן ביי אים אַרטיקלען האָט קיינער ניט געוואַגט.

אחד־העם האָט ליב געהאַט צו באַטאָנען, אַז ער איז ניט קיין פּראָפעסיאָ־נעלער שרייבער, קיין פּראָפעסיאָנעלער דענקער.

אחד־העם האָט זיך קיינמאָל ניט דערנידעריקט, פון זיין שטאָלצער האַלטונג זיך ניט אַרונטערגעלאָזן, ווען ער האָט געהאַט צו טאָן מיט רייכע לייט. דאָך האָט ער זייער געשעצט און פאַר זייער וויכטיק געהאַלטן אַ זיכערע מאַטעריעלע גרונטלאַגע.

אינערלעך, אינסטינקטיוו, פיליכט קעגן זיין ווילן, האָט ער זיך דאָך נענע־טער געפילט, מיט מער רעספּעקט זיך פאַרהאַלטן צו מענטשן מיט געלט, צו מענטשן איינגעגרונטעוועטע. איך האָב געהאַט די מעגלעכקייט דאָס צו באַאָ־באַכטן אין אחד־העמס פאַרקער מיט מענטשן. ער און זיין פאָטער זיינען אַמאָל אַליין געווען יוסטע בעלי־בתים. ניט פריי געווען פון עכט־ בורזשואַזער פּסי־כאָלאָגיע.

אחד־העם האָט זיך פאַרהאַלטן פּאַרזיכטיק, שטאַרק צוגעקנעפּלט, צו דיכ־טער, שריפטשטעלער, געלערנטע, צו קינסטלער א. ד. גל., וועלכע האָבן געהערט צו דער באָהעמיע, צו לופט־עקזיסטענצן, צו מענטשן, וואָס זייער לעבן איז געווען ניט גערעגלט, ניט געאָרדנט, צו מענטשן אָן פעסטע יסודות אין זייער אַלטעגלעכן לעבן.

***

אחד־העם איז געווען אין אַלץ, אַלס שריפטשטעלער און אַלס מענטש, אַ פּערזאָן, וואָס האָט גערעכנט, געוואויגן, געציילט און געמאָסטן.

אַ מענטש פון דיסטאַנץ און ראַנג־אָרדענונג.

ער האָט באַהערשט און געמייסטערט זיינע אימפּולסן, זיינען ליידנשאַפטן און שטימונגען. ער האָט זיך זעלבסטשטענדיק געהאַלטן אין האַנט, אין זיין אייגענער געוואַלט.

זעלבסטדערציאונג, זעלבסטבאַהערשונג — דאָס האָט אים באַזונדערס אויס־געצייכנט.

דער שלטון השכל (די באַהערשונג פונעם פאַרשטאַנד) פונעם רמב"ם איז געווען זיין אידעאַל; דער שביל־הזהב, דער גאָלדענער מיטן — זיין לעבנס־פּרינציפּ.

אין דעם יאָר, וואָס די רעדאַקציע פונעם "השלח" איז געווען אין שאַרלאָ־טענבורג, איז דער פאַרשטאָרבענער ד"ר מיכה יוסף בערדיטשעווסקי געווען אחד־העמס אַרויסהעלפער אין דער אַדמיניסטראַציע פונעם "השלח".

בערדיטשעווסקי פלעגט קומען יעדן טאָג צו אחד־העמען, און האָט אין זעלבן צימער, געאַרבעט געוויסע, באַשטימטע שטונדן פאַר 15 מאַרק וועכנטלעך, ווען איך מאַך ניט קיין טעות.

אחד־העם האָט געאַרבעט (ד. ה. געלעזן אָדער אויסגעבעסערט מאַנוסקריפּטן און אַליין געמאַכט די קאָרעקטורן פון די אויסגעזעצטע אַרטיקלען) ביי אַ גרע־טערן טיש, צו דער ליכטיקער זייט פונעם צימער, און בערדיטשעווסקי — ביי אַ קליינעם טישל אין אַ טונקעלערן עק פונעם זעלבן צימער.

ווען איך פלעג באַזוכן אחד־העמען, פלעגט מיך זייער אומאַנגענעם און פאַרדריסלעך באַרירן זיינע באַציאונגען, קאַלטע, טרוקענע, צו בערדיטשעווסקין.

בערדיטשעווסקי האָט זיך באַצויגן צו אחד־העמען מיט אויפריכטיקן רעס־פּעקט, פול מיט באַשיידנקייט און טרייקייט.

די אויסערלעכע באַציאונגען פון אחד־העם צו בערדיטשעווסקין זיינען געווען קאָרעקטע, אָבער אויף קיין אופן און אין קיין פאַל ניט קאָלעגיאַלע, ניט פריינט־לעכע און אויך ניט ליבנס־ווירדיקע.

עס זיינען געווען באַציאונגען פון אַ באַלעבאָס צו אַן אַנגעשטעלטן פון גרינגן ראַנג.

בערדיטשעווסקי האָט געקאָנט טעג אָפּאַרבעטן מיט אחד־העם אין איין צימער, און דער לעצטער האָט אים ניט געווירדיקט מיט איין געשפּרעך, אפילו ניט מיט איין וואָרט.

בערדיטשעװסקי, װעלכער איז געװען פון דער נאַטור זײער פײנפּיליק, עמפּינדלעך, האָט פּאַר מיר, זײַן אינטימען פרײַנט, זײער אָפט זיך באַקלאָגט אױף אחד־העמס קאַלטער, כמעט „האַרישער״ באַציאונג צו אים. בערדיטשעװסקי, װעלכער האָט הױך געשעצט אחד־העמען, האָט אינערלעך און שװײַגנדיק שטאַרק געליטן פון אַזאַ באַציאונג און באַהאַנדלונג.

װי מיר איז נאָכדעם באַקאַנט געװאָרן האָט אחד־העם זײער געשעצט די ערלעכקײט, די רײנקײט, די פײַנקײט פון בערדיטשעװסקיס װעזן, ער האָט אָבער קײן חוש ניט געהאַט פּאַר דעם טיפן, גײַסטיקן, פילנדן און דענקענדן מהות פונעם שטילן, קלײן־געװאַקסענעם און שװײַגנדן מיכה יוסף בערדיטשעװסקי.

דער שטילער בערדיטשעװסקי, דער גרױסער אײַנזאַמער, דער צוריקגע־צױגענער, האָט דאָך געהאַט אַן אָרגאַנישע באַדערפעניש אױסצורעדן זיך, „אױס־צוגיסן״ זײַן נפש פאַר זײַנע אינטימע פרײַנט. ער איז געװען זײער אָנהענגלעך, שטאַרק צוגעבונדן צו זײַנע פרײַנט. װען ער פלעגט פון עטװאָס באַגײַסטערט װערן, פלעגט ער גלײַך קומען צו מיר, װען אפילו שפּעט בײַנאַכט. האָט ער װאָס נײַעס אױפגעשריבן, איז ער גלײַך געקומען, מיטן נאָך ניט אָפּגעטריקנטן מאַ־נוסקריפּט, צו מיר און האָט עס מיר געגעבן צום איבערלעזן. ער פלעגט זיך ניט באַלײדיקן, װען מ׳האָט אים די שאַרפסטע קריטיק געמאַכט.

זער אָפט פלעג איך שטונדן־לאַנג, אַ גאַנצן אָװנט שפּאַצירן מיט בערדי־טשעװסקין אין בערלינער טיער־גאַרטן. מיט זײַן זײער שװאַכער שטים פלעגט ער רעדן און רעדן, דען ער איז שטענדיק געװען פול, איבערגעפּאַקט מיט פראַגן, מיט פּראָבלעמען, מיט ספקות, מיט פּסיכאָלאָגישע באַמערקונגען, מיט גײַסטרײַכע פונקען און ד. גל.

און װאָס ער האָט זיך מער דערװײַטערט פון דער װעלט, פון פּובליקום, פון די מאַסן, אַלץ נעענטער, אַלץ צוגעבונדענער איז ער געװאָרן צום ענגן קרײַז פון זײַנע אינטימע פרײַנט.

זיצנדיק בײַם קלײנעם טיש׳ל אין אחד־העמס צימער און שרײַבנדיק פּאָסט־קאַרטלעך צו אַבאָנענטן, סובסקרײַבער פונעם „השלח״, אָדער שרײַבנדיק אַד־רעסן און ד. גל. מעכאַנישע אַרבעט, האָט ער געהאַט אָפּטמאָל אַן אינערלעכן דראַנג זיך דורכצורעדן מיט אחד־העמען, װאָס איז געװען עלטער פון אים כמעט מיט צען יאָר, װעגן געװיסע ליטעראַרישע פראַגן און עטיש־עסטעטישע פּראָב־לעמע, װאָס האָבן אים קײן רו ניט געגעבן.

אָבער די קאַלטקײט, די אָפיציעלע קאָרעקטע באַציאונגען פון אחד־העם צו אים, װי צו אַ מינדערװערטיקן, האָבן בײַ בערדיטשעװסקין אָפּגענומען דאָס לשון.

װען איך פלעג אָנטרעפן בערדיטשעװסקין אין אחד־העמס געגנװאַרט, האָט מיר זיך אױסגעװיזן דער ערשטער נאָך קלענער אין װאוקס, נאָך מער אײַנגע־שרומפּענער און אין זיך מער פאַרטיפטער װי ער איז געװען אין דער װירקלעכקײט.

ווען איך האָב פּערזענלעך קענען געלערנט אחד־העמען, איז ער אַלט געווען פערציק יאָר. ער איז שוין דאַן, מיט מער ווי דרייסיק יאָר צוריק, געווען פול־שטענדיק אָפּגעשלאָסן, איינגעשלאָסן, איינגעמויערט אין זיך. ער איז געווען רייף, פאַרטיק אין זיין גייסטיקער אַנטוויקלונג. ער האָט זיך אויסגעבויט מיט פיל מי אַ גייסטיקע פעסטונג, וואָס ער האָט דאָס באַטראַכט אַלס זיין יידישע וועלט־אָנ־שויאונג — פון דער פעסטונג האָט ער שוין קיינמאָל ניט געקאָנט אַרויסגיין. גייסטיקע עלעמענטן, פילאָזאָפישע, עטיש־עסטעטישע ווי סאָציאַלע נייע שטרע־מונגען, וואָס זיינען געווען פרעמד זיין וועזן, האָט ער צו זיך ניט צוגעלאָזן, פון זיך אָפּגעשטויסן, דערוויטערט. קיין פליגל־פלי, קיין שוואונג אין דער הויך, קיין פאַרזוך זיך גייסטיק אויסצואַרבעטן, צו קומען אין באַרירונג מיט נייע זייטן פונעם לעבן, נייע פּראָבלעמען פון דער צייט. ער האָט ניט געוואָגט אַריבער די גרענעצן פון זיין גייסטיקער פעסטונג, אויך ניט העכער פון אירע שפּיציקע טור־רעמס. ער האָט זיך נאָר געגראָבן, געגריבלט אין דער טיפקייט, אין דער טיפקייט פון זיין תהום.

ניט די פילזייטיקייט, נאָר די איינזייטיקייט, די באַגרענעצונג איז געווען זיין פאָרצוג, זיין שטאַרקייט.

בלויז אַ פּאָר פּונקטן, בלויז אַ פּאָר פּראָבלעמען האָבן אים אינטערעסירט אינעם יידישן לעבן, אין דער סאָציאָלאָגיע און אין דער עטיק. ער האָט זיי איינמאָל אויסגעוויילט, אָפּגעצייכנט און שטענדיק, ווידער און ווידער, האָט ער זיך ליטע־ראַריש צו זיי צוריקגעקערט.

די ווייניקע פּונקטן, וואָס ער האָט זיי, אין זיין ערשטן ליטעראַרישן אַרויס־טריט, באַרירט און מיט זיי זיך פאַראינטערעסירט, — די דאָזיקע געציילטע פּונקטן האָט ער ווייטער און אימער אַנטוויקלט, באַאַרבעט, פאַרטיידיקט און געזוכט צו פאַרפעסטיקן.

אַזוי איז אחד־העם געווען בנוגע זיין העברייאישער שפּראַך און סטיל. זיין העברייאישער וואָרט־שאַץ איז געווען זייער אָרעם. פון אַלע העברייאישע שריפט־שטעלער, וואָס זיינען אויפגעטראָטן מיט אים אין דער זעלבער צייט, אָדער שפּע־טער פון אים, איז אחד־העמס וואָרט־שאַץ דער אָרעמסטער. ער האָט אים קוואַנ־טיטאַטיוו קיינמאָל ניט געזוכט צו באַרייכערן, צו פאַרגרעסערן, אָבער ער האָט שטענדיק געשליפן זיין אָרעמען וואָרט־שאַץ: ער האָט אין דער אָרעמקייט אַנט־דעקט און אַריינגעבראַכט אַ רייכקייט, אַן עלעגאַנץ.

אחד־העם איז גלייך אַריינגעקומען אין דער העברייאישער ליטעראַטור אַ פאַרטיקער, אין געדאַנק און אין דער פאָרם. שוין אין זיין ערשטן אַרטיקל „לא זה הדרך" איז צו געפינען די אַלע מעלות פון זיין סטיל און פאָרטראַג.

ניי־געשאַפענע ווערטער, ניי אויסגעאַרבעטע טערמינאָלאָגיע, נייע ווענדונגען און אויפשפּראָצונגען אין דער העברייאישער שפּראַך, האָט אחד־העם ניט צוגעלאָזן אין זיין העברייאישן סטיל.

די ציטערנדיקע וויבראַציעס, די דינסטע ניואַנסן פונעם מאָדערנעם געדאַנק, פון די מאָדערנע שפּראַכלעכע אויסדרוק־מיטלען, האָט אחד־העם ניט פאַרטראָגן,

ניט צוגעלאָזט, ניט אָנערקענט. פונעם שטאַנדפּונקט, וואָס ער האָט איינמאָל אויסגעוויילט, האָט ער זיך שוין ניט גערירט.

ער האָט גוט, גערעכט, ערלעך און לאָגיש פאַרוואַלטעט זיין גייסטיקן קאַפּיטאַל, ווי די אוצרות פון דעם העברייאישן לשון. ער האָט אָבער ניט געזוכט צו יאָגן זיך נאָך נייע אוצרות, אָדער זיך אָפּזאָגן פון עטוואָס איינמאָל דערוואָרבענעם, אָנגענומענעם און איינמאָל פון אים אָנערקענטן.

אַ פעסטער זייל, ניט קיין בליענדער בוים.

אין מיין וואוינונג אין שאַרלאָטענבורג פלעגן זיך אין אָוונט צוזאַמענקומען די דעמאָלטדיקע ליטעראַרישע, קינסטלערישע און געלערנטע יונגט: דוד ניימאַרק, דר. טאָהן, בערדיטשעווסקי, מרדכי עהרענפּרייז, אפרים ליליען, בנימין סגל, צבי מאלטער און פילע אַנדערע פון די פאַרשיידענע צוגערייזטע ליטעראַרישע אָדער וויסנשאַפטלעכע געסט פון די אייראָפּייאישע צענטערן.

אין געוויסע אָוונטן, פּינקטלעך אין אַ געוויסער שעה, פלעגט צוקומען אויך אחד־העם. ער איז געווען דער עלטערער פון אונדז אַלעמען.

אחד־העם האָט זייער אויפמערקזם זיך צוגעהערט, מאַנכעס מאָל געמאַכט אַ קורצע, שאַרפע איראָנישע באַמערקונג, אָבער איז קיינמאָל ניט אַרויסגעבראַכט געוואָרן פון זיין גלייכגעוויכט, קיינמאָל זיך ניט אַריינגעלאָזן אין אַ דעבאַטע. געזאָגט אַ וואָרט, אַ פּאָר ווערטער — און גענוג. ער איז געווען פּאַרטיק מיט זיין וועלט־אָנשויאונג. ער איז געווען ביי זיך זיכער. מען האָט אים ניט געקאָנט דערשיטערן, אָדער מאַכן צווייפלדיק. דאָס וואָס איז געווען פרעמד זיין גייסט — האָט ער פּשוט פאַרניינט.

1927.



אחד־העם

מאַקס נאָרדוי, דער מענטש און שריפטשטעלער

מער ווי אַ פערטל יאָרהונדערט בין איך געווען באַפריינדעט מיט מאַקס נאָרדוי. מיינע ערינערונגען פון דער דאָזיקער מערקווירדיקער פערזענלעכקייט, פון דעם גרויסן מענטשן און גרויסן יידן, די ערינערונגען, וואָס האָבן זיך אָנגעזאַמלט אין מיין געדעכעניש און וואָס איך האָב נאָטירט ביי פאַרשיידענע געלעגנהייטן אין מיין טאָג־בוך, זיינען צו פיל, צו רייך, איך זאָל זיי קאָנען איבערגעבן אין קורצע אַרטיקלען. מיר איז אויסגעקומען צו האָבן לאַנגע און זייער אינטערעסאַנטע געשפרעכן מיט נאָרדוי וועגן די לעבעדיקסטע און וויכטיקסטע ענינים, ווי אויך באַאָבאַכטן אים פון דער נאָענט אין זיין אַרבעטס־צימער, אין פאַריז, אויף די קאָנגרעסן, אין געזעלשאַפט, אויף דער רייזע, אין גוטע ווי אין שלעכטע צייטן, אין פאַרשיידענע שטימונגען און סיטואַציעס.

איך וויל דאָ איבערגעבן אייניקע פון מיינע זכרונות, און אייניקע שטריכן, וואָס קאָנען כאַראַקטעריזירן די גרויסע פערזענלעכקייט.

אינעם יאָר 1892 האָבן מיר, דר. נתן בירנבוים און דער שרייבער פון די דאָזיקע שורות, געגרינדעט אַ פּאָליטישן קאָמיטעט, אין וועלכן עס זיינען אַריינגעגאַנגען, אויסער אונדזביידן, דר. מ. שנירער, דר. אַלפרעד נאָסיג, אַדאָלף שטאַנד און דר. מרדכי עהרענפריז. מיר האָבן דאַן אויסגעאַרבעט אַ פּראָגראַם ווי אָנצופירן די אַגיטאַציע און די אַרבעט פאַר דער אויפלעבונג פונעם יידישן פאָלק אויפן באָדן פון זיינע אבות.

ניט דאָ איז דער פּלאַץ אַריינצוגיין אין די פּרטים פון יענעם פּראָגראַם. דאָ וויל איך נאָר דערמאָנען דעם פאַקט, אַז מיר האָבן דאַן פאַנאַנדערגעשיקט צירקולאַרן, אין דייטש און אין העברייאיש, צו די באַקאַנטסטע און די באַרימטסטע יידישע שריפטשטעלער אין אַלע אייראָפּייאישע שפּראַכן. מיר, די מיטגלידער פון יענעם קורץ־לעבנדיקן קאָמיטעט אין ווין, זיינען אַלע געווען טיף איבערצייגט, אַז עס איז אוממעגלעך דורכצופירן וועלכע עס איז פּאָליטישע אַקציע לטובת דעם נייעם ישוב אין ארץ־ישראל, און אַז עס איז אויך אוממעגלעך צו פאַרשפּרייטן דעם רענעסאַנס־געדאַנק אין דער וועלט, ניט אין אונדזערער און ניט אין זייערער אַלגעמיינער וועלט, אָן דער מיטווירקונג פון די יידישע אינטעלעקטועלע כוחות.

איך געדענק, אַז קיינעם פון אונדז, וואָס האָבן אויסגעאַרבעט די רשימה פון די יידישע שרייבער אין די אייראָפּייאישע ליטעראַטורן, — איז ניט איינגעפאַלן דער נאָמען פון מאַקס נאָרדוי. קיינער פון אונדז האָט דאַן ניט געוואוסט, אַז נאָרדוי איז אַ ייד. יעדנפאַלס האָבן מיר דאָס אויף באַשטימט ניט געוואוסט.

אין יאָר 1893 האָב איך אָפּגעדרוקט אַן אַרטיקל אין נ. בירנבוימס צײַטשריפט „זעלבסטעמאַנציפּאַציאָן" װעגן נאָרדויס בוך „ענטאַרטונג".

אין יענעם אַרטיקל האָב איך אַרויסגעזאָגט די מײנונג, אַז אַזאַ בוך װי „ענט־אַרטונג" האָט נאָר געקאָנט געשריבן װערן פֿון אַ יידישן קולטור־קריטיקער.

פּערזענלעך האָב איך שוין ניט געצװײפֿלט אין דעם, אַז דער מחבר פֿון דעם „ענטאַרטונג" איז אַ ייד.

מיר האָבן אויסגעקוקט די אויגן אויף אַן ענטפֿער פֿון די באַרימטע אײראָ־פּײאיש־יידישע שריפֿטשטעלער — אָבער אומזיסט. קײן אײנער פֿון זײ האָט זיך פּרײַנטלעך ניט אָפּגערופֿן.

סוף יאָר 1896 האָט מיך איבעראַשט אַ בריװ פֿון אַ קאָלעגע אין פּאַריז, אַז דער גרויסער מאַקס נאָרדוי איז איצט באַגײַסטערט פֿאַר דער אידײע פֿון אַ יידנשטאַט. אַזאַ געװינס! איז דאָס מעגלעך?

איך האָב זיך געװענדט גלײַך מיט אַ בריװ דירעקט צו נאָרדױן, װאו איך האָב אים אָפּגעפֿרעגט װעגן זײַנע באַציאונגען צו דער יידישער רענעסאַנס־אידײע. און װען עס איז אמת, האָב איך אים געפֿרעגט, אַז ער איז פֿאַר דעם ציוניסטישן געדאַנק, קאָן ער מיר, אפשר, דערקלערן, װי אַזוי קומט ער, װאָס האָט שטענדיק פֿאַרשװיגן זײַן יידישע אָפּשטאַמונג, און װאָס איצט איז ער נאָענט צום ציוניזם? װעלכע סיבות אָדער געשעענישן האָבן בײַגעבראַכט די פֿאַרװאַנדלונג אין זײַן נשמה?

נאָרדוי האָט מיר אויפֿן אָרט געענטפֿערט אויספֿירלעך אויף מײַנע פֿראַגן.

מײַן ערשטע פּערזענלעכע באַגעגעניש מיט מאַקס נאָרדוין איז געװען אין באַזעל, צװײ טעג פֿאַר דער דערעפֿענונג פֿונעם ערשטן ציוניסטישן קאָנגרעס, ד. ה. דעם 27טן אויגוסט, 1897.

נאָרדוי איז דאַן אַלטע געװען 48 יאָר. זײַן קאָפּ און זײַנע באַקן זײַנען געװען באַדעקט מיט געדיכטע זילבער־װײַסע האָר. זײַנע װאונדער־שײנע און פֿונקען־שפּריצנדיקע אויגן האָבן אָפּגעשפּיגלט זײַן לעבעדיק־באַװעגלעכן גײַסט.

דער מעכטיקער לײבן־קאָפּ פֿונעם מחבר פֿון די „קאָנװענציאָנעלע ליגנס" (אַ בוך װאָס איז אָנגעפּילט, פֿאַר דער דעמאָלטדיקער צײַט, מיט די ראַדיקאַלסטע און כמעט רעװאָלוציאָנערע אָנשויאונגען װעגן דעם אײראָפּײאיש־געזעלשאַפֿטלעכן לעבן) האָט געמאַכט דעם אײנדרוק פֿון אײנעם פֿון יענע רבנישע קעפּ, װאָס רעמבראַנדט האָט געמאָלט. אין געדאַנק האָב איך, אין מײַנע יונגע יאָרן, זיך אַזוי פֿאָרגעשטעלט דעם קאָפּ פֿונעם מחבר פֿון „שאגת־אריה".

אויף דעם ערשטער זיצונג פֿונעם ציוניסטישן קאָנגרעס האָט מאַקס נאָרדוי באַדאַרפֿט האַלטן זײַן רעדע. דאָס איז געװען זײַן דערשײַנען צום ערשטן מאָל פֿאַר דער יידישער װעלט. הערצל האָט פֿון אים געפֿאָדערט, ער זאָל קומען צו דער פֿײַערלעכער זיצונג אין אַ פֿראַק, װי דאָס האָבן געטאָן אַלע זײַנע מקורבים. נאָרדוי אָבער איז באַשטאַנען אויפֿצוטרעטן אין אַ געװײנלעכן ראָק. הערצל, װעלכער האָט אַ באַזונדער געװיכט געלײגט אויף אויסערלעכקייט, צערעמאָניע און פֿײַערלעכקייט, האָט שטרענג געפֿאָדערט פֿון נאָרדוין, אַז ער מוז האַלטן זײַן רעדע אין אַ פֿראַק,

אויף די איינטריט־קאַרטן פון די דעלעגאַטן איז געווען בפירוש געזאָגט, אַז מען מוז קומען צו דער דערעפענונג פון קאָנגרעס יום־טובדיק געקליידט. נאָרדוי אָבער האָט געטענהט, אַז ער האָט פאַרלוירן דעם שליסל פון דעם טשעמאָדאַן, וואו זיין פראַק ליגט, און עס איז ניט וויכטיק ווי ער, נאָרדוי, וועט זיין געקליידט ביי זיין רעדע, וואָס האָט באַדאַרפט זיין אַן „איכה", „קינות" אויף יידישע צרות. נאָרדוי איז געווען פון גרונט אויס אַ דעמאָקראַטישער מענטש און די פראַק־פראַגע איז געווען פאַר אים ניט וויכטיק. אויף הערצלס פאַרלאַנג האָט איינער פון זיינע באַגלייטער אויפגעבראָכן נאָרדויס טשעמאָדאַן און אַרויסגענומען זיין פראַק און די איבעריקע פייערלעכע זאַכן. נאָרדוי איז טאַקע דערשינען צו דער דערעפענונג אין פראַק. אין לעצטן מאָמענט האָט הערצל באַמערקט, אַז נאָרדויס אַ פּאַנטאַלאָן פון די שוואַרצע הויזן איז הויך פאַרקאַשערט. הערצל איז אויפגעציטערט געוואָרן און באַפוילן עס צו ברענגען אין אָרדענונג.

***

שוין ביי דער ערשטער באַגעגעניש מיט נאָרדוין האָט ער מיך באַצויבערט מיט זיין אופן פון רעדן, צו פרעגן און צו ענטפערן. ער האָט גלייך אָנגעשלאָגן אַ פריינטלעכן און קאָלעגיאַלן טאָן, הגם ער איז געווען עלטער פון מיר מיט דרייצן יאָר און איז שוין געשטאַנען אויף דער הויך פון זיין אייראָפּייאיש־אַמעריקאַנישער באַרימטקייט.

נאָרדוי האָט מיר אַמאָל געזאָגט (אין יאָר 1898) : הערצל לייגט געוויכט אויף בגדים, אויף דער אויסערלעכער זייט. ער באַטראַכט אַ פנים חדשות, אַ נייע פּערזאָן, וואָס קומט אין זיין געזיכטס־קרייז, ווי אַזוי ער איז געקליידט, ווי עס ליגן אויף אים די בגדים. און עס איז ניט קיין וואונדער. הערצל איז געווען אַ יוריסט, ער איז געוואוינט געווען צו זען מענטשן אין אוניפאָרם, אין יום־טובדיקער קליידונג, אין אויסערלעכער אָרדענונג. איך אָבער, ווי אַ דאָקטער, בין געוואוינט צו באַטראַכטן, אונטערזוכן די מענטשן ווען זיי זיינען נאַקעט. אין אַזאַ צושטאַנד, ווען דער מענטש איז נאַקעט און קראַנק און נויטיקט זיך אין דער הילף פונעם דאָקטער, הערט אויף יעדער אויסערלעכע פּאָמפּ און אָנשטעל, דאַן זיינען אַלע מענטשן — דער קעניג און דער לאַקיי, דער מיניסטער און דער אָרעמער אַרבעטער — גלייך און אַנטמוטיקט, הכנעהדיק. איז דעריבער קיין וואונדער ניט, וואָס ביי מיר שפּילט אַבסאָלוט קיין ראָל ניט ווי אַ מענטש איז געקליידט.

אין יאָר 1898 האָט מאַקס נאָרדוי געהאַלטן אַ ציוניסטישע רעדע צום ערשטן מאָל אין בערלין (דאָס איז געווען, ווי ווייט איך געדענק, די איינציקע עפנטלעכע רעדע, וואָס נאָרדוי האָט געהאַלטן אין בערלין). נאָך דער רעדע, וואָס האָט געמאַכט אַ געוואַלטיקן איינדרוק אויף דעם טויזנט־קעפּיקן, אינטעליגענטן און אויסדערוויילטן עולם, איז נאָרדוי מיט אונדזערער אַ קליינער גרופּע פון פריינט און שריפטשטעלער מיטגעגאַנגען אין אַ קאַפע. מ. נאָרדוי איז געווען גוט אויפגעלייגט און

ממש געשפריצט מיט פייערפונקען. יעדער אויסדרוק אַ — בליץ. אין קאָפּע האָב איך געטראָפן דעם דאָקטאָר עליאַשעוו (בעל־מחשבות), וואָס האָט דאַן געהאַלטן ביים פאַרענדיקן דעם מעדיצין־פאַקולטעט און געמאַכט דערביי דעם ערשטן ליטעראַרישן פאַרזוך אין דער יידישער שפּראַך. בעל־מחשבות האָט מיך געבעטן, איך זאָל אים פאָרשטעלן פאַר נאָרדוי. איך האָב אים צוגעפירט צו נאָרדוין און האָב אים פאָרגעשטעלט ווי אַ יידישן שריפטשטעלער, אַן אָנפאַנגער, אָבער וואָס האָט, ווי איך גלויב, פיל טאַלאַנט און גייסט, און וואָס זאָגט פיל צו. נאָרדוי, ווי זיין געוואוינהייט איז געווען, האָט אים, בעל־מחשבותן, געזאָגט אַ פּאָר ליבנסווירדיקע און גייסטרייכע ווערטער. ווען בעל־מחשבות איז אַוועק אַן אַ זייט און איך בין געבליבן מיט נאָרדוין ביי אַ באַזונדער טישל, האָט ער זיך שטאַרק פאַראינטערעסירט מיט דעם, וואָס איך האָב אים פאָרגעשטעלט אַ יונגן, אינטעליגענטן מעדיצינער, וואָס איז אַן אָנפאַנגער אין דער יידישער (דאַן האָט דאָס נאָך געהייסן „זשאַרגאָנישער") ליטעראַטור. נאָרדוי האָט מיך געפרעגט: גיט עס דען אַ ליטעראַטור אין יידיש? איז דאָס מעגלעך, אַז אַ יונגער מענטש, וואָס האָט שטודירט אין דייטשלאַנד און אויף וועלכן איך זאָג עדות, אַז ער האָט טאַלאַנט, ער זאָל זיך גאָר ווידמען דער „זשאַרגאָנישער" שפּראַך און גראַד דאַן, ווען די העברייאישע ליטעראַטור לעבט אויף, די העברייאישע ליטעראַטור, וואָס האָט אַזאַ באַדייטונג, אַזאַ וועלט־כאַראַקטער א. אַז. וו. נאָרדוי האָט מיך אויסגעפרעגט, וואָס שרייבט מען אין יידיש, און איז עס איבערהויפּט מעגלעך פאַר אַ מאָדערנעם מענטשן, וואָס האָט עפּעס צו זאָגן, אויסצודריקן זיך אין יידיש?

אין צען יאָר אַרום האָב איך אים געפרעגט, ווי באַטראַכט ער דעם פאַקט, וואָס איך האָב אָנגעהויבן שרייבן אויף יידיש? האָט ער מיר דערויף געענטפערט: „איך גלויב, אַז מיר מוזן זיך באַנוצן מיט ביידע שפּראַכן, העברייאיש און יידיש, ווען מיר ווילן ווירקן אויפן גרויסן יידישן עולם. יידיש איז די שפּראַך פון מיליאָנען יידן, וואָס זייער פיל פון זיי פאַרשטייען ניט קיין אַנדער שפּראַך, איז דעריבער די פליכט פון די נאַציאָנאַלע שריפטשטעלער צו באַנוצן זיך מיט יידיש, און עס איז אַ קורצזיכטיקייט, נאַרישקייט, פאַלשע אָנגעבלאָזנקייט און אַ גרויסע זינד צו שעמען זיך שרייבן אין יידיש. שעמען זיך מיט דער יידישער שפּראַך איז אַנטיסעמיטיזם, איז אַ נאַציאָנאַלער פאַרברעכן!"

אין דעצעמבער 1907, ביי אַ באַזוך אין פּאַריז, בין איך געזעסן אינעם קליינינקן שטודיר־צימערל אין נאָרדויס וואוינונג.

אינמיטן שמועס מיט נאָרדוי וועגן זייער אַ וויכטיקער ציוניסטישער אָנגעלעגנהייט, איז אַריינגעקומען זיין בת־יחידה, מאַקסאַ, דאַן נאָך אַ קליין מיידעלע, מיט די ווערטער:

— פּאַפּאַ, דער גריכישער בילדונגס־מיניסטער וואַרט אויף דיר אין סאַלאָן...

איך האָב זיך גלייך אויפגעהויבן פון פּלאַץ, זאָגנדיק: איך וויל ניט שטערן. ווען ער, נאָרדוי, איז פאַראינטערעסירט אין דעם ענין צוליב וועלכן איך בין געקומען צו אים, זאָל ער מיר פריינטלעך באַשטימען אין אַן אַנדער טאָג אַ פרייע שעה.

נאָרדוי האָט מיך אָנגענומען פאַר ביידע הענט און מיך געבעטן צו בלייבן ביי אים ביז מיר וועלן אַרומרעדן דעם ענין.

אויף מיין דערוווידערונג: אונטן, אין גאַסט־צימער, וואַרט דאָך אויף אייך אַ מיניסטער? — האָט זיך נאָרדוי אָפּגערופן: ער קאָן וואַרטן אויף מיר נאָך אַ ביסל, אַ מיניסטער איז פּונקט אַזאַ בשר־ודם, ווי איך און איר, הער בריינין, נאָר מיט אַ קליינעם אונטערשייד, וואָס ער איז אַ ביסל נאַרישער פון אונדזביידן... מיר איז דער ענין, צוליב וועלכן איר זייט געקומען, פיל וויכטיקער ווי דער גריכישער בילדונגס־מיניסטער.

איך בין טאַקע געבליבן, אויף דער דרינגענדיקער ביטע פון נאָרדוי, ביז מיר האָבן פאַרענדיקט אונדזער שמועס. ערשט נאָכדעם איז ער אַרונטערגעגאַנגען אויפנעמען דעם גאַסט.

עס בעט זיך דאָ אַ דערקלערונג וועגן אָט דער „אומהעפלעכער" האַנדלונג פון נאָרדוין צום גריכישן בילדונגס־מיניסטער.

דער לעצטער האָט פריער ניט אָנגעמעלדעט זיין באַזוך ביי נאָרדוין. ווייל אין נאָרדויס פאַריזער וואוינונג איז קיינמאָל ניט געווען קיין טעלעפאָן. דער שריפטשטעלער האָט ניט געוואָלט געשטערט ווערן אין זיין אַרבעט.

האָט מען געוואָלט באַזוכן נאָרדוין, זיינען געווען צוויי וועגן: אָדער שרייבן צו אים און אָפּוואַרטן זיין שריפטלעכן ענטפער, אָדער קומען דירעקט צו זיין הויז צום „פינף אַזייגער טיי", ווען ער האָט אויפגענומען זיינע נעענטערע פריינט, פון פאַרשיידענע לענדער, אָן יעדער פריערדיקער אָנמעלדונג. דער גריכישער מיניסטער האָט אויסגעקליבן דעם צווייטן וועג. האָט דעריבער נאָרדוי זיך ניט געפילט פאַרפליכטעט דעם גאַסט גלייך אויפצונעמען.

אין דעצעמבער 1908 בין איך געזעסן ביי נאָרדוי אין זיין קליינעם אַרבעטס־צימער. מיר האָבן איבער אַלץ מעגלעכס גערעדט. נאָרדוי איז אין זיינע געשפּרעכן געווען פיל אינטערעסאַנטער און גייסטרייכער ווי אין זיינע בעסטע ביכער. ער איז שטענדיק געווען ווי אַן אָנגעלאָדענע עלעקטרישע באַטאַרייע, וואָס האָט זיך געמוזט אויסליידיקן, אום זיך גלייך ווידער אָנפילן. ער איז געווען אָנגעפילט מיט גייסטיקן ברען־שטאָף און האָט געמוזט אין געוויסע מאָמענטן „עקספּלאָדירן". עס איז געקומען צו רייד וועגן פּאָלעמישע אַרטיקלען. אין יענער צייט האָט בערנאַרד שאָו פאַרעפנטלעכט אַן אַרטיקל מיטן נאָמען: „ווי איך האָב מאַקס נאָרדוי אָפּגעשלאָכטעט". — דערויף האָט מיר נאָרדוי געזאָגט: „זינט איך געדענק זיך אַלס שריפטשטעלער, האָבן זיך געפונען אין אַלע לענדער שרייבער, שמירער, אויך שרייבער וואָס האָבן אַ נאָמען, וואָס האָבן מיך באַפאַלן, פאַרלוימדעט, באַשמוצט מיט ליגן, מיט פעלשונגען, פאַרדרייענדיק מיט אַ שלעכטער כוונה מיינע געדאַנקען און ווערטער. באַזונדערס זיינען דאָס געווען די, וואָס איך האָב זיי אַמאָל שאַרף קריטיקירט, געזאָגט זיי דעם אמת, אָדער וואָס האָבן דער־וואַרטעט, אַז איך וועל זיי נאָך אַמאָל אַרויסשטעלן אין ריכטיקן ליכט. ווען איך בין געווען יונג, פלעג איך אַרויסרופן מיינע פאַרלוימדערס, מיינע סקאַנדאַליעזע באַשמוצער מיט ליגנס, אויף אַ דועל. די 'פייגלינגע' פלעגן זיך פאַרשטעקן אין

אַ ווינקל און פון דאָרט, אונטער אַן אויסגעטראַכטן נאָמען, וואַרפן אויף מיר בלאָטע. איך האָב זיך איבערצייגט, אַז עס איז לעכערלעך אַרויסצורופן אָט די באַנדע אויף דועלן. איך וואָלט דאַן געמוזט דועלירן טאָג און נאַכט, ווען זיי וואָלטן אָנגענומען מיין אַרויסרוף. האָב איך אָנגעהויבן אָנקלאָגן מיינע פאַרלוימדער, די פען־באַנדיטן, אין געריכט. איך האָב אויסגעגעבן אויף דעם מיין שווער און האַרט פאַרדינט געלט — דער סוף פלעגט זיין, אַז אין בעסטן פאַל פלעגט דער ריכטער צומשפטן אַ שטראָף פון פינף פראַנק פאַר דעם שלימסטן ליגנער און פעלשער פון מיינע ווערטער. ביז איך בין געקומען צום שכל. און שוין אָט יאָרן־לאַנג, אַז איך וואַרף אַלע אָנפאַלן אויף מיר אין די צייטונגען אין פאַפּיר־קאָרב, ניט לייענענדיקערהייט. איך איגנאָריר אַלע פאַרלוימדונגען און רכילות־אַרטיקלען. איך האָב וויכטיקערעס וואָס צו טאָן אין לעבן, ווי זיך אַרומשלאָגן אין דער פרעסע מיט יעדן אידיאָט, מיט יעדן נידערטרעכטקן פאַרלוימדער. איך קאָן מיינע פאַפּענהיימערס״.

ביי דער דאָזיקער געלעגנהייט האָט נאָרדוי אַרויסגעצויגן פון זיין שרייב־טיש אַ צייטונגס־אויסשניט פון אַ יידישער צייטונג אין שיקאַגע. „אָט דעם צייטונגס־אויסשניט האָב איך גראָד באַקומען אין זעלבן טאָג ווען דער טעלעגראַף האָט מיר געבראַכט די טרויעריקע ידיעה, אַז הערצל איז געשטאָרבן. און וואָס לייען איך אין דעם דאָזיקן אַרטיקל, וואָס איז געשריבן געוואָרן, ווען הערצל איז געלעגן אין קראַנקן־בעט? איך לייען — הערצל איז אַן אַפּעריסט, אַ שווינדלער, און אַזוי ווייטער״.

נאָרדוי האָט געהאַט צווישן די וועלט־באַרימטע דענקער און שריפטשטעלער אויך זייער גרויסע אָנהענגער און פריינט.

נאָרדוי, ווי אַ פריינט, איז געווען איבערגעגעבן מיט האַרץ און נשמה. ער איז געבליבן טריי און איידל אין אַלע סיטואַציעס. טראָץ זיין אייזערנער קאַלטער לאָגיק, טראָץ זיין אַנאַליטיש־פּסיכאָלאָגישער מעטאָדע און טראָץ זיין ווייזהייט איז ער געווען אַ שטימונגס־מענטש און געקאָנט זיין אויך שטאַרק סענטימענטאַל, צאַרט און ווייך צו זיינע פריינט.

די שטונדן, וואָס איך פלעג פאַרברענגען ביי נאָרדוין אין זיין שטודיר־צימער, ביי מיינע אָפטע, קורצערע אָדער לענגערע באַזוכן, וואָס איך פלעג מאַכן אין פּאַריז, — געהערן צו די שענסטע און גייסטיק־דערהויבנסטע אין מיין לעבן.

נאָרדוי האָט דאַן געוואוינט אין אַ זייטיקער שטילער לאַס, אָבער גאַנץ נאָענט פון דעם לעבעדיקסטן צענטער אין פּאַריז, ניט ווייט פון די גרויסע רוישנדיקע בולוואַרן. ער האָט פאַרנומען אַ גאַנץ צוויי־שטאָקיק הויז, וואָס איז געשטאַנען אין אַ הויף, מיט אַ קליינעם גערטנדל פאַר דער טיר. אין שטוב איז געווען שטיל און רואיק. עס האָט זיך ניט געשפּירט דער אָטעם פון דער גרויסשטאָט.

דער סאַלאָן, דער גאַסט־צימער, איז געווען גרויס און צימלעך, בירגערלעך, גוט און באַקוועם מעבלירט. דער אַרבעטס־צימער פון נאָרדוי איז געווען גאַנץ קליין. דאָס מעבל פון צימערל איז באַשטאַנען פון אַן אַלטן, איינפאַכן שרייב־טיש,

אַן אָפּגעגנוצטן פּאָטעל און צוויי ביליקע און לייכטע שטולן. קיין בילדער, אפילו ניט קיין פאָטאָגראַפּיעס, קיין פּאָרטיערן, קיין דראַפּעריען, איבערהויפּט ניט קיין רמז אויף לוקסוס, האָבן זיך ניט געפונען אין די דאָזיקע ד׳ אמות. דאָס צימערל איז געווען אָנגעשטאָפּט מיט ביכער, אַז עס איז פּשוט ניט געווען וואו זיך אַ קער צו טאָן.

ניט נאָר דער שרייב־טיש איז געווען באַדעקט מיט די נייסטע וויסנשאַפט־לעכע ביכער, נאָר אויך די פּאָדלאָגע אַרום טיש. די איינציקע באַפּוצונג אויף דעם געזימס פונעם קאַמין איז געווען די „דזשואיש ענציקלאָפּעדיע״.

דער אַרבעטס־צימער פון נאָרדוי איז געווען פון אַ נזיר, פון אַן איינזאַמען און צוריקגעצויגענעם.

נאָרדוי האָט קיינמאָל ניט געברויכט צו האָבן אַרום זיך שיינע קונסט־זאַכן זיינע געדאַנקען אָנצורעגן, אָדער צו באַקומען אַ געוויסע שטימונג.

„שטימונג״ — דאָס איז געווען פאַר נאָרדוי אַ מעטאַפיזישער באַגריף, אין וועלכן עס נויטיקן זיך נאָר קראַנקע, דעקאַדענטישע קינסטלער־נאַטורן.

נאָרדויס גייסטיקע נאַטור איז געווען אַ צו־געזונטע, זי האָט ניט געברויכט קיין קינסטלעכע מיטלען אָנגערעגט צו ווערן.

צו יעדער צייט און אין יעדער סיטואַציע איז נאָרדוי געווען פּיאיק און גע־שטימט גייסטיק צו אַרבעטן, לייכט צו שעפּן פון זיין אייגענעם אינוויינינקסטן קוואַל.

און וואָס פאַר אַן אומדערמידלעכער גייסטיקער אַרבעטער איז ער געווען! ער האָט אַלץ אויפמערקזאַם געלייענט, שטענדיק געשטודירט און אינטערעסירט זיך מיט די לעצטע פאָרשונגס־ווערק אויף די פאַרשיידנסטע געביטן פון די נאַ־טור־וויסנשאַפטן. ניט ווייניקער אינטערעס האָט ער אַרויסגעוויזן צו די סאָציאַלע, פּאָליטיש־עקאָנאָמישע און גייסטיקע וויסנשאַפטן.

אין איין און דער זעלבער צייט האָט נאָרדוי געקאָנט אַרבעטן אויף פאַר־שיידענע און ערנסטע ווערק. ער איז דערביי געווען אַ שטענדיקער מיטאַרבעטער פון צוויי אָנגעזעענע טעגלעכע דייטשישע צייטונגען און פון אַ באַקאַנטער שפּאַ־נישער צייטונג.

אַרבעטנדיק אויף היסטאָרישע און ליטעראַטור־קריטישע ווערק, האָט ער געפונען צייט צו שרייבן ראָמאַנען, נאָוועלן, לעגענדעס, און אָפטמאָל — אויך געדיכטן. אַן אַרבעטס־קראַפט, וואָס האָט זיך געקאָנט פאַרגלייכן מיט דער זעל־טענער, אומדערהערטער אַרבעטס־קראַפט פון אַ באַלזאַק.

דערצו פלעגט נאָרדוי ענטפערן אויף וויכטיקע בריוו פון אַלע טיילן פון דער וועלט, וואָס ער האָט באַקומען.

עס איז דאָ כדאי צו באַמערקן, אַז אַלע שרייב־אַרבעטן האָט ער געמאַכט מיט אייגענע הענט, ניט געברויכט קיין שרייב־מאַשין, ווי ער האָט אויך קיינמאָל ניט געברויכט קיין אַנדער טינט ווי נאָר בלויע, אָדער אַן אַנדער פאָרמאַט שרייב־פּאַפּיר, אויסער זיינע קליינע בויגנס. נאָרדוי איז געווען דער פּינקטלעכסטער און דער שנעלסטער אַרבעטער. קיין איינציקע מינוט איז ביי אים ניט פאַרלוירן געגאַנגען.

*
**

נאָרדױ איז געװען ניט נאָר אײנער פון די גרעסטע רעדנער אין זײן צײט — ער איז געװען אױך דער אױפמערקזאַמסטער און דער בעסטער צוהערער, װען מען האָט צו אים גערעדט װעגן אַן ענין, אין װעלכן ער איז געװען פאַראינטערעסירט. דערבײ האָט ער שטודירט מיט זײנע גוטמוטיקע קלוגע אױגן די קלענסטע באַװעגונג, די מינעס און דעם טאָן פון דעם, װאָס האָט גערעדט צו אים, ניט אונטערברעכנדיק מיט אײן װאָרט דעם, װאָס האָט צו אים גערעדט.

שנעל האָט זיך נאָרדױ געקאָנט אײנלעבן, זיך אײנשפּינען, — אױב ס'איז דערלױבט אַזױ צו זאָגן, — אין אַ גאַנץ פרעמדן ענין, צו דענקען, צו פילן און צום באַגרײפן זײטיקע זאַכן.

ניט געקוקט אױף דעם, װאָס נאָרדױ איז געװען שטענדיק פאַרװאָרפן מיט שװערע פליכט־אַרבעטן, האָט ער דאָך יעדעס מאָל, װען איך האָב אים באַזוכט, געפונען צײט און װילן צו אונטערהאַלטן זיך שעהן־לאַנג. עס איז געװען דער העכסטער גײסטיקער גענוס צו הערן אים. שױן בײם ערשטן אָפּלױף פון דעם שמועס מיט אים, פלעג איך זיך דערפילן אין אַ דערהױבענער, גײסטיקער ספערע. װײטע און הױכע האָריזאָנטן פונעם מענטשלעכן געדאַנק, און װי אַ װעלט פון נײע אינערלעכע און אױסערלעכע דערפאַרונגען, פלעגן זיך אױפדעקן פאַר מיר.

און איבער װאָס נאָרדױ האָט ניט גערעדט, איז ער געװען אָריגינעל און טעמפּעראַמענטפול, אָפטמאָל פּאַראַדאָקסאַל, אָבער קײנמאָל ניט באַנאַל. שטענדיק האָט ער געהאַט צו זאָגן עטװאָס נײס און פרישס.

דער מענטש, דער גאַנצער מענטש, זײן אײגנטלעך און װירקלעך װעזן, דריקט זיך ניט אױס פולשטענדיק אין זײנע מעשים, אין זײנע טאַטן, אַפילו ניט אין זײנע געדאַנקען.

אונדזערע מעשים, װי אױך אונדזערע געדאַנקען זײנען אָממײסטן פיל װײניקער װי מיר זײנען אין דער װירקלעכקײט.

פּאָול װאַלערי, אײנער פון די נײסטע אומשטערבלעכע פון דער פראַנצױזישער אַקאַדעמיע, זאָגט אין זײנע „באַאָבאַכטונגען": „אונדזער װעזן באַשטײט גראָד פון דעם, װאָס מיר שטױסן אָפּ פון זיך, אָדער פון דעם, װאָס מיר באַדױערן, אַז עס איז; פון אַ געװיסער דיסטאַנץ, װעלכע שײדט און אונטערשײדט אונדז פון דעם אױגנבליק. אונדזער לעבן איז ניט אַזױ די סומע, דער סך־הכל, פון די זאַכן, װאָס געשעען מיט אונדז אָבער װאָס מיר מאַכן געשעען מיט אַנדערע, — אונדזער לעבן איז פיל מער דער סך־הכל פון די זאַכן, װאָס מיר טוען ניט, אָדער װעלכע אַנטױשן אונדז".

פון דעם דאָזיקן שטאַנדפּונקט דריקט זיך אױס די באַזונדערע גרױסקײט פון נאָרדױ ניט גראָד אין זײן פּאָזיטיװער זײט, ניט אין זײן „יאָ"־זאָגן, נאָר פיל מער אין זײן „נײן"־זאָגן, אין דעם, װאָס ער האָט אָפּגעשטױסן פון זיך.

שװאַך און ניט אָריגינעל איז נאָרדױ געװען, װען ער האָט גערעדט אָדער

געשריבן וועגן דער פּאָזיטיווער זייט פונעם ציוניזם. געוואַלטיק און אייגנאַרטיק איז ער געווען אין זיין אומברחמנותדיקער קריטיק, ווען ער האָט גערעדט אָדער געשריבן וועגן דער אַסימילאַציע, וועגן די קעגנער און פיינט פון דער ציוניסטישער באַוועגונג.

אויך אין זיין ליטעראַרישער און קולטור־קריטיק איז געווען זיין הויפּט־קראַפט די פאַרביינונג, דאָס נעגירן, דאָס צוריקווייזן און באַזייטיקן.

***

אין 1920 האָב איך זיך באַגעגנט מיט נאָרדוין אין לאָנדאָן. אין פאַרלויף פון אַ פּאָר וואָכן האָב איך אים טעגלעך באַזוכט אין זיין קליינעם צימערל.

איין־און־זיבעציק יאָר איז ער דאַן אַלט געווען. דער „גלות־שפּאַניע" און די זייער שווערע צייט, וואָס ער האָט דאָרט איבערגעלעבט האָט געווירקט פּעסי־מיסטיש אויף דעם געוועזענעם גרויסן אָפּטימיסט.



מאַקס נאָרדוי

אַלבערט איינשטיין

(באַגעגענישן און איינדרוקן)

ניו־יאָרק, דעם 5טן אַפּריל 1921, פינף נאָכמיטאָג.

... איך האָב זיך באַגעגנט (אין דער פרי) אינעם „קאָמאָדאָר"־האָטעל מיט פּראָפּ. אַלבערט איינשטיין, דעם דערפינדער פון דער „רעלאַטיוויטעט־טעאָריע". ער האָט אויף מיר געמאַכט אַ גוטן איינדרוק. ער האָט אַן אינטערעסאַנט פּנים. אַ געזיכט פון אַ דיכטער און דענקער. ער איז ניט קיין סאַלאָן־מענטש. ער איז אַ שטיק בטלן אין זיינע מאַנירן. ער לייגט ניט קיין אַכט אויף אויסערלעכקייטן. מען דערקענט גלייך, אַז אין זיינע טיפענישן וועבן זיך גרויסע זאַכן, וואָס זיינען דער יסוד פון זיין לעבן. זיין אויסערלעכע פּירעכץ איז פּשוט, פאָלקסטימלעך, אָן אַ האָר פּאָליטיק, וואָס האָט קיין שייכות ניט צו זיין אינערלעכער וועלט. ער איז באמת צוריקגעהאַלטן און אַ געפיל פון שיינקייט באַהערשט אים. ער געהערט ניט צו קיין פּאַרטיי און ער איז אויך ניט קיין נאַציאָנאַליסט אין דעם אָנגענומענעם זינען, נאָר ער איז אַ ווירדיקער מענטש און אַן עכטער ייד. ער איז געקומען, זיך דערנענטערט צום ציוניזם, זיך פאַראינטערעסירט מיט דעם העברייאישן אוניווערסיטעט אָן קיין שום אַפּריערדיקע טעאָריעס און הנחות, אָן קיין שום אינוויינקסטע קאַמפן. בלויז דער יידישער געפיל אין אים, דער געפיל פון יושר און גערעכטיקייט, האָט אים געבראַכט צו אונדז. דער אַנטיסעמיטיזם, וואָס אויך ער גופא האָט פון אים געליטן, האָט אין אים אָנגעצונדן דעם יידישן פונק...

דריי אַ זייגער נאָך האַלבער נאַכט.

עס עגבערט אין מיין מוח עפּעס אַ זאַך — און איך האָב דערויף קיין אויסדרוק ניט. דאָס געזיכט און דאָס אויסזען פון פּראָפּ. אַלבערט איינשטיין האָט דערוועקט אין מיר פאַרבאָרגענע סטרונעס, דערוועקט אין מיר געדאַנקען, פראַגן, ספקות און פאַרשיידענע טראַכטענישן. איז דאָס איז ער, איינשטיין, דער גרויסער באַשאַפער פון דער רעלאַטיוויטעט־לערע, אָט דער מענטש, וואָס האָט אונדז געגעבן

אויסצוגן פון ר. בריינינס טאָגבוך, געשריבן אין העברייאיש (רשימות וזכרונות, כל כתבי ר. בריינין, כרך שלישי, ניו־יאָרק, 1940). די פאַרצייכענישן זיינען געמאַכט געוואָרן אין אַפּריל 1921, ווען אַלבערט איינשטיין האָט באַזוכט ניו־יאָרק צוזאַמען מיט דר. ח. וויצמאַן און אַנדערע. — אויפגעקליבן און איבערגעזעצט פון העברייאיש. נ. מ.

אַ נייע פאַרשטעלונג פון דער וועלט (דעם אוניווערס), און וואָס האָט געבראַכט גאַנצע איבערקערעניש אין אונדזערע באַגריפן וועגן „צייט" און „אָרט!" ער האָט אַן אויסזען פון אַ בית־המדרש־ייד, פון אונדזערן אַ היימישן ייד. און וואָס פאַר אַן אַריסטאָקראַטיזם עס ליגט אויסגעגאָסן אויף זיין געזיכט! אַ טיפּישער פּנים פון אַ גייסטיקן ייד. און מערקווירדיק, וואָס זיין פּנים דריקט אויס בלויז ווייכקייט, טיפן געפיל, צעשטרייטקייט און אויך איראָניע, וואָס שטאַמט פון אינווייניקסטע יסורים. אָבער זיין פּנים זאָגט גאָרניט וועגן דעם שווערן קאַמף פון געדאַנק, וועגן די יסורים, ווייען פון דער אַרבעט פון זיין מוח, וואָס שפּאַלט הימלען און ענדערט דעם גאַנג פון דער וועלט. ס'איז אין איינשטייניס געזיכט ניטאָ קיין שום זכר פון דער טרוקענער און קאַלטער ערנסטקייט פון אַ דייטשן אָדער אַנגלאָ־זאַקסישן געלערנטן.

וואָס פאַר אַן אינווייניקסטער צער, — אַ צער, געמישט מיט אַ ליבן און לייכטן שמייכל, איז אויסגעגאָסן אויף איינשטיינס געזיכט. זיין פּנים לייכט, שיינט, אַן אַ מאַסקע, אַן אַ שלייער. ער האָט אַן אויסזען פון אַ גייסטיקן יידן, וואָס מען קאָן אים ניט פאַרבייגיין אין גאַס און ניט אָפּשטעלן זיך און באַטראַכטן אים. איינשטיין פאַרמאָגט עפּעס פון אַ גרויס קינד, פון אַ מענטש, וואָס שוועבט אין העכערע עולמות, פון אַ פּאָעט און אַ וויזיאָנער און טרוימער, — פיל מער ווי פון אַ געלערנטן, וואָס איז פאַרטאָן אין ביכער, אין געזעצן, פון אַ וויסנשאַפטלעכן דענקער, וואָס געפינט דעם סוף אין דעם „אין סוף". ס'איז ניטאָ אין זיין אויסזען און מאַנירן קיין האָר פון עפּעס אַן אָנשטעלער, פון אַ באַרימער. ס'איז דאָך קיין ספק ניט, אַז איינשטיין האָט זיך אַראָפּגעלאָזט אין די אָפּגרונטן פונעם געדאַנק און זיך אויפגעהויבן צו די סאַמע העכסטע הויכן, אָבער דאָס אַלץ האָט ער, ווייזט אויס, געטאָן אַן אַ ספּעציעלער אָנשטרענגונג; ער איז געפלויגן און ניט געפּויזעט, זיך אויפגעהויבן און קיינמאָל ניט געקראָכן. און אפשר האָב איך אים געטראָפן אין אַ מאָמענט פון געניאַלער אויסלאָדונג, אין אַ מאָמענט נאָכן דינאַמיט־אויפרייס פון זיין אוניווערסאַלער נשמה. ער פאַרמאָגט אפשר (אָדער זיכער) אַ גאָר אַנדער פּנים ווען ער שאַפט, אין דער צייט ווען ער צעשטערט און ווידערשפּעניקט דער קעניגרייך פון דער טראַדיציאָנעלער וויסנשאַפט, דער קעניגרייך פון ניוטאָן. דאַן פאַרמאָגט ער אפשר אַנדערע אויגן, ניט די אויגן פון אַ וויזיאָנער און אָפּשפּעטער, נאָר אויגן פון אַן אָדלער, וואָס לאָזט זיך צו פאַרצוקן זיין קרבן. ס'זיינען שוין פאַראיבער פערצן שעה זינט איך האָב געזען אַלבערט איינשטיינס פּנים, און עס שוועבט נאָך אַלץ פאַר מיינע אויגן. ס'דאַכט זיך מיר, ווי איך וואָלט אים געזען אויך איצט, ווען איך זיץ איינער אַליין אין מיין צימער אין דער נאַכט־שטילקייט. מיר דאַכט זיך, אַז איך וועל קיינמאָל ניט פאַרגעסן זיין געזיכט, אַזוי האָט ער זיך איינגעקריצט אין מיינע געהירן. דאָס פּנים האָט פאַר מיר אַרויסגערופן אַ טיף רעטעניש, וואָס מאַטערט מיין גאַנץ וועזן. דאָס פּנים איז פאַר מיר געוואָרן אַ סימבאָל, פונעם פאָלקס־צער און דעם צער פון דעם געדאַנק...

ניו־יאָרק, דעם 8טן אַפּריל 1921, זיבן אַזייגער פֿאַרנאַכט.

... איך האָב נעכטן באַזוכט דעם גאון אַלבערט אײַנשטײַן אין זײַן צימער. ער האָט אינעם „קאָמאָדאָר"־האָטעל בלויז אײן צימער פֿאַר זיך און פֿאַר זײַן פֿרוי. אויפֿן טיש זײַנען געשטאַנען לעבעדיקע בלומען־בוקעטן, — גרויסע, הויכע. אײַנשטײַן איז אַ דערשראָקענער געשטאַנען אינמיטן צימער. ער האָט מיר געזאָגט: „איך ווער מבולבל פֿון דעם געטומל, וואָס אַרום. מען קומט און מען גייט אַוועק, און ס׳קומען סתם באַזוכער און דעלעגאַציעס. פֿאַרערער פֿון דעם און דעם. נייך, איך קאָן דאָס אַלץ ניט פֿאַרדייען..." — — —

ניו־יאָרק, דעם 10טן אַפּריל 1921, צוועלף בײַנאַכט.

הײַנט נאָך מיטאָג בין איך געווען אין דעם מעטראָפּאָליטאַן טעאַטער (אין דעם אָפּערע־הויז), וואו מ׳האָט אויפֿגענומען דר. חיים ווײצמאַן, אַלבערט אײַנשטײַן און זײערע באַגלײטער... — — — אַלבערט אײַנשטײַן האָט דאָס מאָל ניט גערעדט; ער האָט זיך געפֿילט אויף דער בינע, ווען מ׳האָט אים אַפּלאָדירט, ווי ער וואָלט געזעסן אויף נאָדלען...

ניו־יאָרק, דעם 15טן אַפּריל, אײנס בײַנאַכט.

דינסטיק אָוונט, דעם 12טן אַפּריל, האָב איך זיך באַטייליקט אינעם קבלת־פּנים, וואָס ס׳איז אײַנגעאָרדנט געוואָרן פֿאַר ח. ווײצמאַן און די איבעריקע פֿון דער ציוניסטישער דעלעגאַציע אין דעם מיליטער־הויז (אין דער „69טער רעגימענט־אַרמאָרי"). אַ צוועלף טויזנט מענטשן זײַנען געווען אין זאַל. ס׳האָט געהערשט אַ גרויסע באַגײַסטערונג. אַלע ציוניסטן זײַנען געקומען מיט זײערע פֿענער... איך בין געווען דער ערשטער רעדנער, אין העברייאיש. צווישן אַנדערן האָב איך געזאָגט: „אַלבערט אײַנשטײַן, וואָס האָט געפֿונען אַ סוף צו דער וועלט, זוכט אויך אַ סוף צו אונדזער פֿאָלקס צרות..." — — — אײַנשטײַן האָט גערעדט אויף דײַטש, אַ צוואַנציק ווערטער: „ווײצמאַן, אונדזער פֿירער — איז אויך אײַער פֿירער. גייט נאָך אים און ניט נאָך עמעצן אַן אַנדערן. איך האָב מײַנס געזאָגט". אַז מ׳האָט געמאַכט אַן אָוואַציע אַלבערט אײַנשטײַנען, האָט ער זיך געפֿילט ניט גוט...

ניו־יאָרק, דעם 27טן אַפּריל 1921, דרײַ בײַנאַכט.

איך בין הײַנט אָוונט געווען אין דעם שטאָטישן אוניווערסיטעט („קאָלעדזש אָוו די סיטי אָוו ניו־יאָרק"), אינעם גרויסן זאַל. פּראָפֿ. אַלבערט אײַנשטײַן און דר. חיים ווײצמאַן האָבן גערעדט וועגן דעם העברייאישן אוניווערסיטעט אין ירושלים... אײַנשטײַנס רעפֿעראַט, אין דײַטש, איז געווען אָרעם, אָרעם אין אינהאַלט און אָרעם אין פֿאָרם. עס איז געווען אַ רעדע פֿון אַ געוויינלעכן מענטש, פֿון עפּעס אַ פּשוטן קלײנבירגער. קײן אײן אויפֿבליץ אין זײַן געדאַנק. קײן אײן שאַרפֿן אָדער קערנדיקן אַפֿאָריזם האָט ער ניט אַרויסגעבראַכט. די מאָטיוון, וואָס ער האָט אָנגעגעבן פֿאַר דער גרינדונג פֿון דעם העברייאישן אוניווערסיטעט, זײַנען געווען שוואַך און פֿלאַך. ער האָט נאָר באַטאָנט, אַז פֿאַר יידישע סטודענטן

איז שווער אַריינצוטרעטן אין די אייראָפּייאישע אוניווערסיטעטן. פון דעם דרינגט אַרויס, אַז ווען ס׳וואָלט אָפן געווען פאַר יידישע סטודענטן דער וועג צו די אייראָפּייאישע אוניווערסיטעטן, וואָלט ניט נויטיק געווען צו גרינדן דעם העברייאישן אוניווערסיטעט. ס׳איז קאָנטיק פון זיינע רייד, אַז ער איז אַ פרעמדער אין דער ציוניסטישער וועלט און אַז ער האָט גאָרניט געלייענט פון דער ציוניסטישער ליטעראַטור און אַז בכלל האָט ער זיך ניט פאַרנומען מיט דער קולטור־פילאָסאָפישער ליטעראַטור. אָט דער גרויסער גאון פון מאַטעמאַטיק און פיזיק, איז גאָר ניט באַהאַוונט אין דער וועלט פונעם יידישן געדאַנק, אין דער קולטור פון פילאָסאָפיע. ווי ס׳ווייזט אויס, איז ער ניט קיין אָריגינעלער דענקער אין געגנשטאַנדן, וואָס זיינען מחוץ פון זיין געביט. איך וואָלט נאָך מיט 25 יאָר צוריק זיך געשעמט צו האַלטן אַזאַ בלייכן רעפעראַט וועגן אַזאַ געהויבענעם, נייעם און באַצויבערנדיקן ענין. אָבער אַ גאון מעג אַלץ, ער מעג זיין אין אַנדערע געביטן נידעריקער פונעם דורכשניטלעכן. אויך ניוטאָן איז אויסער זיין ספּעציעלן געביט געווען אַ דורכשניטלעכער מענטש און אפילו ווייט ניט קיין קלוגער... — — — איינשטיין האָט ניט געוואוסט, בעת ער האָט גערעדט, וואָס צו טאָן מיט זיינע הענט, זיינע באַוועגונגען זיינען געווען אומזיכערע. יעדע מינוט האָט ער די הענט אַוועקגעלייגט, זיי געגלעט א. אַז. וו. ס׳איז קאָנטיק, אַז ער איז אַ „יושב־אוהל", — אַ שטובזיצער און ער איז ניט געוואוינט אויפצוטרעטן פאַר מענטשן. — — —

דעם 27טן אַפּריל 1921, האַלב פיר ביינאַכט.

איך האָב היינט אין אָוונט געהערט די לעקציע פון פּראָפ. אַלבערט איינשטיין וועגן די גרונט־פּרינציפּן און מעטאָדן פון דער רעלאַטיוויטעט־טעאָריע, וואָס ער האָט געהאַט אינעם גרויסן זאַל פון דער אינזשינערן־געזעלשאַפט. ער האָט זיין רעפעראַט געהאַלטן אין דייטש. דעם עיקר פון זיין לערע, די רעלאַטיוויטעט־טעאָריע, האָב איך פאַרשטאַנען, הגם איך האָב ניט באַגריפן די אַלע פּרטים, באַווייזן און אויספירן. איך האָב פאַרשטאַנען דעם חידוש פון אָט דער טעאָריע בנוגע צו די באַגריפן פון צייט און אָרט. איך בין געזעסן אין דער ערשטער ריי ביי דער טריבונע און איך האָב געהאַט די מעגלעכקייט אויפצונעמען יעדן זאַץ, יעדעס וואָרט, וואָס איינשטיין האָט אַרויסגעבראַכט מיט אַ שוואַכער שטימע. ער האָט זיין רעפעראַט געלייענט אַ 80 מינוט. דערנאָך האָט מען פונעם עולם געשטעלט אים פראַגן, און ער האָט אויף זיי געענטפערט זייער קורץ און זיכער און צו דער זאַך. מען האָט געפּרואווט אים אָפּפרעגן, אָבער ס׳האָט ניט געלונגען, ווייל ער האָט גרינג צעשטערט זייער שטאַמלענדיקע קעגנערשאַפט. איינשטיין האָט גערעדט אויסוייניק, קאַלטבלוטיק, מיט אַ מאָנאָטאָנער שטימע און מיט אַ מינימום ווערטער, אָן הקדמות און אָן אויפקלערונגען. זיין טאָן און דער סטיל איז געווען אַזאַ, ווי ער וואָלט קיין זאַך ניט אַנטפּלעקט; ער האָט אויך קיין איין מאָל ניט דערמאָנט דאָס וואָרט „איך". „לויט דער רעלאַטיוויטעט־טעאָריע איז עס אַזוי און אַזוי, דאַרף זיין אַזוי און אַזוי", אָבער ניט דערפאַר, ווייל איך, דאָס מיינט איינשטיין, האָב אַנטפּלעקט אָדער מחדש געווען עפּעס אַ זאַך. אַנשטאָט „איך", באַנוצט ער זיך מיט די ווערטער „לויט דער רעלאַטיוויטעט־טעאָריע".

אײנשטײן האָט ניט מבטל געװען קײן שום װיסנשאַפטלער, ער האָט ניט אָװעקגעמאַכט מיט דער האַנט קײן שום װיסנשאַפטלעכע לערע, ער האָט נאָר געזאָגט: אין די לערעס פון גאַליליי און ניוטאָן איז פאַראַן אַזאַ און אַזאַ װידערשפּרוך; לויט די הנחות און אַקסיאָמעס פון דער ליכט־לערע, פון דער פיזיק און מעכאַניק, איז ניט מעגלעך געװנוי צו דערקלערן באַװאוסטע דערשײנונגען. קײן שום באַגײסטערונג האָט זיך ניט געפילט אין זײנע רײד, קײן שום באַטאָנונג פון דער בײקײט פון זײן לערע האָט זיך ניט געלאָזט הערן פון אים, און אפילו קײן האָר ניט פון גאװה אָדער זיג איז ניט געװען אין זײן לעקציע. אַ נאַטירלעכע עניוות, אַן עכטע װיסנשאַפטלעכקײט און אַ באַזונדערע פאָרזיכט איז געװען אין זײן יעדן זאַץ. ער באַנוצט זיך ניט מיט אַזעלכע אױסדרוקן: מ׳קאָן זאָגן, מ׳קאָן משער זײן, מ׳קאָן פעסטשטעלן און אַז. װ. זײן רעפעראַט איז געװען רײנע װיסנשאַפט, אַ װיסנשאַפט אָן קײן שום רעטאָריק, אָן קײן שום באַפּוצונג און באַצירונג. אַלץ איז געװען געבױט אױף דערפאַרונג, אױף גענױקײט, אױף מעגלעכער זיכערקײט, אױף געזעצן פון פיזיק און מעכאַניק, אױף הױכער מאַטעמאַטיק. קײן אײן היפּאָטעזע פון זײנע היפּאָטעזעס איז ניט געקומען סתם פון דער לופט. און הגם די גאַנצע לערע פון אײנשטײן איז אַ פּראָדוקט פון אַ שאַפערישן מוח, אַ פּראָדוקט פון אַ װיסנשאַפטלעכער דערהױבענער פאַנטאַזיע, דאָך איז זײן רעפעראַט אַרױסגעקומען װי אַ טרוקענער אױספיר, װי אַ לאָגישער און געצװאונגענער אױספיר, װאָס שטאַמט פון דער געגעבענער װיסנשאַפט.

קײן אײן מאָל האָט זיך ניט געהערט אין זײן רעפעראַט דער טאָן פון „נעמט מײן מײנונג!" אָדער „לאָזט צו רו די מײנונג פון אַנדערע!" נאָר לויט פּינקטלעכע ציפערן און לויט די מאַטעמאַטישע אױספירן פון מינקאָװסקי און די פיזיקאַלישע באַװײזן פון מיכלאָזן מוזן מיר אײנשטימען מיט דער „רעלאַטיװיטעט־טעאָריע". און ס׳שטײט דאָך קלאָר שװאַרץ אױף װײס געשריבן; אַלץ — מאַטעמאַטישע פאָרמולעס און אַ פּשוטער חשבון. אײנשטײן האָט כסדר איבערגעחזרט דעם אױסדרוק: „נו, די זאַך איז דאָך קלאָר, די זאַך איז דאָך פאַרשטענדלעך, אַז..." און אַלץ איז באַװיזן, באַשטעטיקט — און פאַרטיק!

ניו־יאָרק, דעם 30טן אַפּריל 1921, האַלב דרײ בײנאַכט.

איך בין הײנט אָװנט געװען אינעם מאַטעמאַטיקער־זאַל און געהערט די צװײטע לעקציע פון אַלבערט אײנשטײן. אױך הײנט האָט ער רעפערירט געמיטלעך און מיט אַן אײנגעהאַלטענער שטימע. ער האָט דערװיזן די בלױזן אין די לערעס פון גאַליליי און ניוטאָן, ער האָט מבטל געװען און אינגאַנצן אָפּגעלײקנט די אױסמעסטונג־טעאָריע פון עקלידוס. צװישן אַנדערן האָט ער פעסטגעשטעלט, אַז גאָר די װעלט — דער אוניװערס — געפינט זיך אין אַ סטאַטישן צושטאַנד, אַז די באַװעגונג פון די שטערן איז גאָרניט אין פאַרגלײך מיט דער באַװעג־שנעלקײט פון די ליכט־שטראַלן... „די נאַטור, װי ס׳װײזט אױס, גיט ניט קײן פאָרצוג אײן באַװעגונג פאַר דער צװײטער". אין אײן װאָרט אין זײן רעפעראַט האָט ער דערװיזן, אַז אַלץ אין דער נאַטור באַװעגט זיך.

צום סוף רעפּעראַט האָט איינשטיין באַרירט די פראַגע: איז דאָ אַן ענד פאַר דער וועלט? לויט זיין רעלאַטיוויטעט־טעאָריע קאָן מען אָננעמען, אַז ס'איז ווירק־לעך דאָ אַן ענד פאַר דעם אָרט פון דער וועלט, ווייל אין חלל, וואו ס'זיינען ניטאָ קיין מאַטעריע, קיין גופים, דאָרט איז אויך ניטאָ קיין רוים און מחוץ, פון יענער זייט די שטערן, וואָס מיר זעען. דאָרט איז ניטאָ קיין מאַטעריע און דאָרט איז אויך ניטאָ קיין רוים. אָבער אויך די הנחה, אַז די וועלט האָט קיין סוף ניט, ווידער־שפּרעכט ניט דער לאָגיק. דורך עקספּערימענטן, דורך אויסמעסטונגען און אויס־רעכענונגען קאָן מען ניט פעסטשטעלן דעם סוף אָדער דעם אין־סוף פון דער וועלט.

צווישן אַנדערן האָט איינשטיין אַרויסגעבראַכט אַזאַ געדאַנק: ס'איז שווער אַנצונעמען די באַהויפּטונג, אַז צוערשט האָט גאָט באַשאַפן די געאָמעטריע, דאָס מיינט דעם פּוסטן חלל, דעם רוים, און אין דעם פּוסטן חלל האָט ער אַריינגעגעבן די מאַטעריע, די גופים. איינשטיין האָט אין זיינע צוויי רעפעראַטן, נעכטן און היינט, איבערגעגעבן די ראשי־פּרקים, די הויפּט־טעזיסן פון זיין רעלאַטיוויטעט־טעאָריע, ער האָט גערעדט פאַר געלערנטע, פאַר וויסנשאַפטלער, פאַר מאַטעמאַ־טיקער, פאַר ספּעציאַליסטן פון פיזיק און מעכאַניק. ווי מען האָט געקאָנט זען, האָט קיינער פונעם עולם, וואָס האָט געהערט זיינע לעקציעס, ניט פאַרשטאַנען זיי אינגאַנצן פונעם אָנהייב ביזן סוף. די לעצטע אויספירן פונעם דיפערענציאַלן חשבון האָט ער שנעל געמאַכט און אַזוי בדרך־אגב, גלייך ווי אַט די אַלע אויספירן זיינען קלאָר און באַקאַנט פאַר אַלע צוהערער. ער האָט געשטיגן אויף די שפּיץ־בערג פון די פּאָזיטיווע וויסנשאַפטן, פון די לעצטע אויספירן פון פיזיק, מעכאַניק, אַסטראָנאָמיע, אַנאַליטישער מאַטעמאַטיק און געשפּרונגען פון בערגל צו בערגל און האָסטיק ווי אַן עלעקטרישער פונק. פיל זאַכן פון זיין רעפעראַט האָב איך, אויב איך האָב קיין טעות ניט, אין אַ גרויסער מאָס פאַרשטאַנען, און פיל איינצל־הייטן אין זיינע לעקציעס זיינען פאַרבליבן אומפאַרשטענדלעך פאַר מיר, ווי פאַר פיל פון די נאַטור־וויסנשאַפטלער און מאַטעמאַטיקער, וואָס זיינען געזעסן אין זאַל.

אַז א. איינשטיין האָט פאַרענדיקט זיין לעצטע לעקציע, האָט מען פונעם עולם געשטעלט פראַגן. די פראַגער האָבן זיך אָפּגעשטעלט אויף קלייניקייטן, אויף ניט־וויכטיקע פּונקטן, און איינשטיין האָט גלייך אויפן אָרט אַלעמען אָפּגעענטפערט מיט אַ טיפן וויסן אין די אַלע געביטן, אויף וואָס זיין לערע איז געבויט. אין זיינע תשובות האָט זיך אַרויסבאַוויזן זיין יידישע חריפות און די געניאַליטעט פון זיין גייסט. זיינע ענטפערס זיינען געקומען גלייך, ער האָט ניט פאַרשעמט די פראַגער, הגם איניקע האָבן אַרויסבאַוויזן גאָר ווייניק וויסן. געדולדיק, ליבהאַרציק און צופרידן האָט ער אָפּגעענטפערט אַלעמען. ער האָט געצאָלט אַלע מאָגער מיט ריינעם גאָלד. איינער פונעם עולם האָט אים געפרעגט: איז דאָ אַ האָפענונג, אַז די מעכאַניק וועט האָבן ממשותדיקן נוצן פון דער רעלאַטיוויטעט־טעאָריע? דערויף האָט איינשטיין געענטפערט: די וואָס פאַרקויפן קאַרטאָפל און ציבעלע נויטיקן זיך ניט אין כעמישער וואָג. פאַרן רוב מענטשן איז גענוג די ניוטאָן־לערע, הגם ער האָט ניט מדקדק געווען אין טיילן פון הונדערטער מיליאָנען פון אַ רגע אָדער פון אַ מילימעטער; די רעלאַטיוויטעט־טעאָריע איז וויכטיק בלויז פאַר די,

וואָס זײַנען מדקדק אין דעם דינסטן שעבדינסטן און זײַנען ניט באַפרידיקט ביז וואַנעט זײ אַנטפּלעקן אין ניוטאָנס שיטה דעם סאַמע־מינימאַלסטן בלויז (דאָס וואָס אונדזערע חכמים האָבן געזאָגט: „דין פּרוטה כדין מאה" — מ'דאַרף באַהאַנדלען אײן פּרוטה ווי פולע הונדערט, — האָט אײַנשטײַן פּאַראַפראַזירט: „דין רגע כדין מאה שנים" — מ'דאַרף צוגײן צו אײן רגע ווי צו הונדערט יאָר — אין דעם באַגריף פונעם וויסנשאַפטלעכן אויפנעם).

אין פאַרשײדענע מאָמענטן בעת זײַנע לעקציעס האָט געשוועבט אַן אײגע־האַלטענער לײכטער שמײכל אויף זײַנע ליפּן, בעיקר ווען ער האָט גערעדט וועגן אײניקע באַוואוסטע וויסנשאַפטלעכע הנחות פון גרויסע וויסנשאַפטלער, וואָס האָבן אים אויסגעזען אַזוי לעכערלעך, אַז זײ רופן אַרויס אַ געלעכטער. ער אָבער האָט ניט אַרויסגעבראַכט פון זײַן מויל קײן אײן ביטול־וואָרט, וואָס זאָל קומען ווי פון אויבן אַראָפּ. אין אײניקע שטעלן איז ער געווען צופרידן פון זײַנע אײגענע ווער־טער, און דאָס האָט זיך געלאָזט דערקענען פון די פונקען, וואָס האָבן זיך אַנגעצונדן אין זײַנע אויגן און וועלכע האָבן באַלויכטן זײַן בלײך און מיד פּנים. אויך הײַנט האָט זיך אַרויסבאַוויזן זײַן וויסנשאַפטלעכע באַשײדנקײט און צניעות. ווען אײנער פון דעם עולם האָט אים געפרעגט, ווער עס איז דער פאָטער פון דער רעלאַטיוויטעט־טעאָריע האָט אײַנשטײַן פשוט געענטפערט: „איך!"

1921.



אַלבערט אײַנשטײַן

אָפּהאַנדלונגען וועגן ראובן ברײנין

קלמן מרמר

ראובן ברײַנין

(זכרונות)

ראובן ברײַנינען האָב איך אָנגעהויבן לייענען נאָך אַלס בר־מצווה־ייִנגל. איך בין דעמאָלט געווען אַ תּלמיד פון אַ „קאַזיאָנער" ישיבה, אַ רעליגיעזע רע־גירונגס־שול אין ווילנע, וואו מען האָט געלערנט פיר שעה אין היטלערן און דריי שעה אָן היטלען... אַדאַנק דער פריינטשאַפט צו מיר פון דעם בלינדן זייגער־מאַכער אָדער דעם „בלינדן אַנטאַקאַלסקי" — ניסן גרעקנזאָן — וואָס איז אויך געווען אַן אַגענט פון העברייאישע צייטונגען, האָב איך ביי אים אין וואַרשטאַט געקאָנט לייענען די העברייאישע פּרעסע. איך האָב מיט אַ באַזונדערן אינטערעס געלייענט צוויי זאַכן אין „המליץ": די שיינע עסטעטישע פעליעטאָנען פון ראובן ברײַנין און די סענסאַציאָנעלע בריוו פון דער פּראָווינץ, וואו דער שרייבער פלעגט אויפדעקן סודות פון די רבנים און מנהגים. מען האָט מיר געזאָגט, אַז דאָס שרייבט אַ קאָוונער פּרוש, ש. ראָזענפעלד, אַ באַהאַלטענער משכּיל. איבער־גייענדיק פון תּורה צו מלאכה, האָב איך אויפגעהערט צו לייענען דעם „המליץ". ברײַנינען אָבער האָב איך געזוכט און געפונען אין פאַרשיידענע זשורנאַלן און זאַמלביכער, אין העברייאיש און אין ייִדיש.

איך האָב געלייענט יעדן נומער פון זיין זשורנאַל „ממזרח וממערב", וואָס איז מיר געווען אַן אַ שיעור אָנציִענדיקער פון אחד־העמס „השלוח". איך פלעג אים אויך לייענען אין די לוחות פון „אחיאסף" און פון אים זיך צום ערשט דער־וואוסט וועגן די באַדייטנדיקע שרייבער פון דער וועלט־ליטעראַטור. דורך ראובן ברײַנין בין איך אויך יונג געוואויר געוואָרן פון באַרימטע מאָלער און סקולפּטאָרן פון פאַרשיידענע קונסט־אויסשטעלונגען און אפילו פון בלומען־אויסשטעלונגען אין מערב־אייראָפּע. ראובן ברײַנין האָט געוואונען מיין האַרץ ניט בלויז מיט זיין פיינעם עלעגאַנטן סטיל, נאָר אויך מיט דער מאָדערנעקייט און אַלוועלטלעכקייט פון זיין אינהאַלט. איך בין אים דעריבער טריי געבליבן ווי אַ לייענער אפילו דעמאָלט, ווען איך האָב שוין אַליין געוואָנדערט איבער די קונסט־גאַלעריעס פון מערב־אייראָפּע און אַליין געלייענט די וועלט־שרייבער, וועגן וועלכע ער האָט מיר דער ערשטער דערציילט.

זיין קליין ביכעלע „מגבורי ישראל", בילדער פון ייִדישע בעלי־מלאכות און אַנדערע ייִדישע העלדן (געדרוקט אין בן־אביגדורס „ספרי אגורה"); זיין דער־ציילונג „דעם גבירס נדבה" (אין פּרצעס „ייִדישע ביבליאָטעק") און אַנדערע זאַכן האָט אים געמאַכט מיר נאָענט אפילו דאַן, ווען איך בין שוין געוואָרן אַ

מיטגליד פון דער אונטערערדישער סאָציאַליסטישער באַוועגונג און געקראָגן לייענען אהרן ליבערמאַנס „האמת״ און ווינטשעווסקיס ביכל „יהי אור״.

פערזענלעך האָב איך ברייניגען צום ערשטן מאָל געזען אין באַזעל, שווייץ, אויף אַ ציוניסטישן קאָנגרעס. דאָרט האָב איך אויך אַ פּאָר יאָר שפּעטער זיך מיט אים נעענטער באַקענט. ער האָט אַרויסגערופן צו זיך ליבשאַפט און רעס־פּעקט. ער איז געווען אין לעבן אַזוי ווי אין שרייבן — שיין, עלעגאַנט און מאָדערן. עס איז געווען אַ באַזונדער פאַרגעניגן צו פאַרברענגען מיט דעם מאַן פון הויכער קולטור.

מיר האָבן אַ לאַנגע צייט אויך קאָרעספּאָנדירט. זיין לעצטער בריוו צו מיר איז געשריבן אין 1937, ווען ער איז געווען אויף אַ באַזוך אין מאָנטרעאָל. עס איז דעמאָלט געווען אויף דער טאָג־אָרדענונג די פראַגע פון אַלוועלטלעכן יידישן קולטור־קאָנגרעס אין פּאַריז. ער שרייבט מיר דעמאָלט צווישן אַנדערעס אַזוי:

„איך ווייס פּאַראויס, אַז ווען עס וועט באַקאַנט ווערן עפנטלעך, אַז איך בין מסכים און גיב מיין נאָמען צום יידישן קולטור־קאָנגרעס, וועלן די העברייער מיך באַפאַלן מיט זידלערייען און דאָס וועט געוויס שאַדן דעם פאַרקויף פון מיינע העברייאישע שריפטן, אויף וועלכע איך פאַרווענד איצט מיינע לעצטע כוחות — דאָך קאָן עס מיך ניט צוריקהאַלטן פון מיין גוט־איבערגעלייגטן באַשלוס פון דער אידייע פון אַ יידישן קולטור־קאָנגרעס״.

דער דאָזיקער בריוו איז, דוכט מיר, געווען דער ערשטער, אין וועלכן ער האָט מיר געשריבן אין יידיש. אַלע זיינע פריערדיקע בריוו זיינען געשריבן אין העברייאיש. זיין באַציאונג צו יידיש איז אָבער אַלעמאָל געווען אַ פּאָזיטיווע. מיר האָבן אונדזער ערשטן שמועס מיט אַ דריי און אַ האַלב צענדליק יאָר פריער געפירט אין העברייאיש, כאָטש מיר האָבן גערעדט מערסטנס וועגן מיינער אַן אויסגאַבע אין יידיש. אונדזער לעצטער שמועס מיט אומגעפער אַ יאָר פאַר זיין טויט (געפירט מיט דער הילף פון זיין סעקרעטאַרין) איז געווען אין יידיש, כאָטש מיר האָבן גראָד גערעדט וועגן זיינע שריפטן אין העברייאיש... מעגלעך, אַז ברייניגן וואָלט נאָך מיט יאָרן צוריק מיר געשריבן אין יידיש, ווען איך וואָלט גע־וואַגט זיך צו ווענדן צו אים אין אָט דער שפּראַך ווי אין דער צייט, ווען איך בין געווען סעקרעטאַר פון דעם אַמעריקאַנעם קאָמיטעט פונעם אַלוועלטלעכן יידישן קולטור־קאָנגרעס, וואָס איז אָפּגעהאַלטן געוואָרן סעפּטעמבער 1937.

אַלס רעדאַקטאָר פון „קאַנאַדער אָדלער״ און פון „וועג״ אין מאָנטרעאָל, האָט ברייניגן אַרויסגעוויזן זיין פיינע באַציאונג צום צווייטנס וואָרט. די יידישע פּראָווינץ־צייטונגען פלעגן דעמאָלט אין די מלחמה־יאָרן איבערדרוקן אַלע מיינע אַרטיקלען, וואָס איך האָב פאַרעפנטלעכט אין דער שיקאַגער פרעסע, ניט אָנ־פרעגנדיק קיין דערלויבעניש דערצו. זיי פלעגן מיר אפילו ניט שיקן דעם עקזעמפּלאַר פון זייער צייטונג, וואו מיין אַרבעט איז געווען געדרוקט. ראובן ברייניגן איז געווען דער ערשטער מיר מיטצוטיילן, אַז ער דרוקט איבער מיינע אַרטיקלען און צוגעשיקט זיין צייטונג רעגלמעסיק. אמת, ער האָט נאָכדעם גע־

בעטן בײַ מיר די דערלויבעניש אַרויפצושטעלן איבער מײַנע אַרטיקלען, אַז זײ זײַנען געשריבן פאַר אים „ספּעציעל". ער פלעגט אָבער אויך זיך פּילן פאַר־פליכטעט פון צײַט צו צײַט צו מאַכן אַ פרײַנטלעכע באַמערקונג (אין אַ לײַט־אַרטיקל) וועגן זײַן שיקאַגער מיטאַרבעטער...

אַווירקלעכער מיטאַרבעטער פון ר. ברײַנין בין איך געוואָרן גראָד אין זײַן ניו־יאָרקער העברײַאישן וואָכנבלאַט „התורן". איך האָב דאָרט געשריבן אַ חוץ איבער ליטעראַטור אויך איבער אַזוינע געזעלשאַפטלעכע ענינים, וואָס קיין אַנדער העברײַאישע אויסגאַבע וואָלט ניט געדרוקט. צום בײַשפּיל, אין מײַנעם אַן אַרטיקל „נס לגוים" (די פעלקער־פאָן) האָב איך געשריבן וועגן דער ראָל פון די ייִדן אין דער סאָציאַלער רעוואָלוציע און אַנגעוויזן, אַז דער רעוואָ־לוציאָנערער סאָציאַליזם איז אַ המשך פון דער נבואה פון עמוס, ישעיה, און זײערע נאָכפאָלגער.

אַריבערקלײַבנדיק זיך פון שיקאַגאָ קיין ניו־יאָרק, האָב איך זיך מיט ראובן ברײַנין פיל מאָל געטראָפן. אונדזער לענגסטער צוזאַמענקומפט איז געווען אין דער צײַט, ווען ער ווערט נאָענט צו דער ייִדישער קאָלאָניזאַציע אין סאָוועטנפאַרבאַנד און צום „איקאָר". אין יענער צײַט איז די העברײַאישע פּרעסע, געניויער, דער ניו־יאָרקער העברײַאישער וואָכנבלאַט, געווען פול מיט אָנפאַלן אויף ראובן ברײַנין. מען האָט אים געשטעמפּלט אַלס פאַררעטער און אים באַליידיקט מיט אַלערלײ עפּיטעטן. ער האָט מיך דאַן געבעטן קומען צו אים, ער האָט מיט מיר עפּעס וויכ־טיקעס צו רעדן. ער האָט אויך דערבײַ צוגעגעבן, אַז דאָס קאָן דויערן שײַנע עטלעכע שטונדן.

ווען איך בין צו אים געקומען, אין דער באַשטימטער צײַט, האָט ער מיך אויפגענומען אין זײַן פײַנעם הרחבהדיקן ביבליאָטעק־צימער. פרוי ברײַנין איז אַלעמאָל געווען גאַסט־פרײַנטלעך און אויך דאָס מאָל באַשטאַנען אויף דעם, אַז קודם־כל זאָלן מיר געניסן פון איר „כיבוד". מיר האָבן אַזוי פאַרבראַכט אַלע דרײַ צוזאַמען אַרום אַ האַלבע שעה, אָדער מער. נאָכדעם האָט פרוי ברײַנין, ווי אויף אַ באַשטימטן צײכן, פאַרלאָזן דאָס צימער און ראובן ברײַנין האָט זיך צוגע־רוקט נעענטער צו מיר און אָנגעהויבן זײַן שמועס. ער האָט גערעדט האַרציק, אינטים, און עס איז אַ גרויסער שאָדן, וואָס קיין דיקטאָפאָן האָט ניט פאַרצײכנט געניוי זײַנע רייד. דאָס וואָלט געווען אײנע פון די שענסטע עסייען פון דעם מײס־טער פון דעם עסײ אין העברײַאיש. עס איז געווען אַ לירישער אויסגוס פון אַ פאַרוואונדעטע האַרץ, דורכגעפלאָכטן מיט שײנע אָנדײטונגען פון דער וועלט־ליטעראַטור.

אָנגעהויבן האָט ברײַנין זײַן געשפּרעך מיט מיר מיט דער דערקלערונג למאי ער זאָגט דאָס אַלץ אַרויס פאַר מיר. אײן מאָל, זאָגט ער, מוז דאָך אַ מענטש זיך אַראָפּרעדן פון האַרץ, און איר זײַט, דוכט מיר, דער אײנציקער, וואָס וועט מיך קלאָר באַגרײַפן. איר האָט ניט נאָר געלײענט כמעט אַלץ, וואָס איך האָב געשריבן, נאָר איר קאָנט אויך גוט מײַן געזעלשאַפטלעכע טעטיקייט.

ראובן ברײַנין איז דאַן דורכגעגאַנגען די גאַנצע געשיכטע פֿון די ייִדן זינט די פּאָגראָמען אין 1881. ער האָט גערעדט ווי טראַכטנדיק אויפֿן קול; דערמאָנט צענדליקער עפּיזאָדן פֿון ייִדישן לעבן אין אַנדערע לענדער, קאָנגרעס־רעדעס, דעבאַטעס, ביכער, צייטונגס־אַרטיקלען און געמאַכט דעם פֿאָלגנדיקן אויספֿיר:

„איך בין טרײַ געבליבן מײַנע יוגנט־אידייען. פֿאַר מיר איז אַלעמאָל געווען און געבליבן דער עיקר דאָס ייִדישע פֿאָלק. איך האָב געשריבן העברעיִש, איך בין אָבער אויך געשטאַנען נאָענט צו דער ייִדישער ליטעראַטור. מײַן שטע־לונג צו דער ייִדישער שפּראַך איז אַלעמאָל געווען אַ פּאָזיטיווע. איך האָב זיך אַפֿילו אויך אָפּגעגעבן מיטן ייִדישן פֿאָלקלאָר נאָך לאַנג אײדער די נײַע ייִדישע ליטעראַטור האָט אָנגעהויבן רעדן דערפֿון".

דאָס זאָגנדיק איז ברײַנין צוגעגאַנגען צו איינעם פֿון זײַנע ביכער־שראַנקען, אַרויסגענומען אַ דײַטשישן זשורנאַל וועגן פֿאָלקלאָר און געזאָגט צו מיר:

„זעט, דאָס זײַנען מײַנע אַרטיקלען וועגן ייִדישן פֿאָלקלאָר, געשריבן פֿאַר דער ברייטער וועלט. איך האָב דעמאָלט געפּלאַנט זיך צו פֿאַרטיפֿן אויף אָט דעם געביט און שרײַבן מער. לײדער, האָבן מיר אַנדערע אַרבעטן עס ניט דערלויבט. מײַן באַציאונג צום ייִדישן וואָרט איז אָבער קיינמאָל אין מײַן לעבן ניט געווען קיין נעגאַטיווע. נאַטירלעך, מײַן אינסטרומענט איז אין פֿאַרלויף פֿון צענדליקער יאָרן געווען די העברעיִשע שפּראַך. אין איר האָט זיך בײַ מיר צוזאַמענגעגאָסן פֿאָרם און אינהאַלט און געשאַפֿן יענעם סטיל, וועלכן די העברייער האָבן אַזוי פֿיל געלויבט און מיר באַשטימט אַ בכבודיקן פּלאַץ אין דער געשיכטע פֿון דער העברעיִשער ליטעראַטור. דערפֿאַר איז מיר נאַטירלעך אויך הײַנט לײַכטער אויסצודריקן מײַן גאַנצן וועזן אין העברעיִש ווי אין ייִדיש. דאָס מיינט אָבער ניט, אַז ייִדיש שטייט בײַ מיר אויפֿן צווייטן פּלאַץ".

ער האָט פֿאַר מיר דאַן געשילדערט ווי אַזוי ער איז אַלעמאָל געווען ראַדי־קאַל געשטימט, ווי דאָס באַוויזן זײַנע ערשטע דערציילונגען אין העברעיִש און אין ייִדיש. ער האָט אויפֿגעפּאַסט דעם ציוניזם ווי אַ נויטיקע פֿאָלקס־באַ־וועגונג. פֿאַר אים האָט דאָס געמיינט די פּראָדוקטיוויזירונג פֿון די ייִדישע מאַסן, די פֿאַרוואַנדלונג פֿון לופֿט־מענטשן אין אַקער־בויער און אין אינדוסטריעלע אַרבעטער. אַזוי, זאָגט ער, האָט עס פֿאַרשטאַנען אויך דר. הערצל. ניט ארץ־ישׂראל איז געווען דער עיקר, נאָר דאָס ייִדישע פֿאָלק, די ייִדישע מאַסן. „טרײַ צו זיך, טרײַ צו מײַנע אידייען, צו מײַנע יוגנט־אידעאַלן האָב איך דעריבער גע־דאַרפֿט באַגריסן די סאָציאַלע רעוואָלוציע, די פּראָדוקטיוויזירונג פֿון די ייִדישע מאַסן און דעם פּרוּוו זיי צו באַזעצן אויפֿן באָדן, זיי צו מאַכן פֿאַר ערד־אַרבעטער, צו אַנטוויקלען בײַ זיי אַן אינדוסטריעלן פּראָלעטאַריאַט".

זיי שרײַען, זאָגט ער, אַז ברײַנין האָט פֿאַרראַטן זײַן פֿאַרגאַנגענהייט. דאָס ווילן זיי דערמיט דערשטיקן זייער אייגענעם געוויסן, וואָס זאָגט זיי, אַז זיי האָבן פֿאַרראַטן די ברייטע ייִדישע מאַסן, ווען דער ציוניזם האָט געזאָלט באַפֿרײַען. זיי אינטערעסירט ניט מער דאָס ייִדישע פֿאָלק מחוץ די גרענעצן פֿון ארץ־ישׂראל. זײַן לאַנגן האַרץ־אויסגוס האָט ברײַנין פֿאַרענדיקט מיט די פֿאָלגנדיקע ווער־

טער: „אַרויסטרעטנדיק פאַר דער יידישער קאָלאָניזאַציע אין סאָוועטנפאַרבאַנד זאָג איך זיך ניט אָפּ פון דער קאָלאָניזאַציע אין ארץ־ישראל, פונקט אַזוי ווי איך האָב זיך ניט אָפּגעזאָגט פון העברייאיש, ווערנדיק אַ שרייבער אין יידיש. דער עיקר פון מיין שרייבן, אַזוי ווי פון מיין געזעלשאַפטלעכער טעטיקייט, איז געווען, און איז געבליבן, דאָס יידישע פאָלק, דער יידישער מענטש. זיי האָב איך געדינט און פאַר זיי וועל איך ווייטער אַרבעטן אַזוי לאַנג, ווי מיר איז באַשערט צו לעבן".

מיר האָבן זיך אויך נאָכדעם עטלעכע מאָל געטראָפן און געהאַט אינטימע שמועסן. עס איז דעריבער פאַר מיר געווען פאַרשטענדלעך, ווען ער האָט מיר געשריבן פון מאָנטרעאָל, יולי 1936:

„טייערער חבר: גלויב מיר, אַז איך האָב געפילט אין משך פון די דריי לעצטע יאָרן אייער פעלן אין ניו־יאָרק. יעדעס מאָל, ווען איך האָב געפילט אַ באַדערפעניש אויסצוגיסן מיין האַרץ אין די אויערן פון אַ פריינט און אַ אידייען־ברודער, האָט איר מיר געפעלט. איצט טרייסט איך זיך, אַז ווען איך וועל צוריק־קערן זיך אין סעפּטעמבער קיין ניו־יאָרק וועל איך אויסזוכן אַ פּאַסנדיקע גע־לעגנהייט צו באַגעגענען זיך מיט אייך און צו הערן פון אייער מויל וועגן אייער ליטעראַרישער אַרבעט, וואָס איר האָט געטאָן אין דעם יידישן אינסטיטוט אין קיעוו און וועגן דעם נייעם לעבן אין סאָוועטנפאַרבאַנד".

ליידער, האָב איך די לעצטע צייט בריינינען ווייניק באַזוכט. מיר איז געווען פיינלעך צו רעדן מיט אים, זעענדיק ווי שווער אים איז אַרויסצורעדן אַ וואָרט. אָן דער הילף פון זיין סעקרעטאַרין פלעג איך אים שווערלעך אָדער אינגאַנצן ניט פאַרשטיין. דאָך האָב איך געפילט, אַז זיין גייסט איז נאָך געווען פריש און זיין זכרון שטאַרק.

1950.

יעקב מילך

דער גלגול פון אַ נשמה

... ראובן ברײַנין איז געװען אַ שײנער מענטש. אַ מענטש, װאָס האָט געהאַט אַן ערלעכן און רײנעם צוגאַנג צו זאַכן און צו מענטשן. ניט אַלע מאָל האָט ער געגלויבט אין דעם װאָס מיר, די פּאַרזאַמלטע, גלויבן; ניט אַלע מאָל האָט ער געגלויבט אין די זאַכן, װאָס ער אַלײן האָט געגלויבט די לעצטע יאָרן פון זײַן לעבן. עס זײַנען געװען צײַטן, װען מיר און ער זײַנען זיך װײַט פּאַנאַנדערגעגאַנגען, װען מיר זײַנען מיט אים ניט געװען אײנשטימיק און ער — ניט מיט אונדז.

אָבער אויך אין יענע צײַטן איז ער געװען אַ שײנער מענטש; אויך דעמאָלט האָט ער פּאַרטײדיקט נאָר דאָס, װאָס ער האָט געהאַלטן פאַר רעכט. האָט ער אויפגעהערט צו גלויבן, האָט ער דאָס געזאָגט עפנטלעך, פראַנק און פרײ — צו זײַן פערזענלעכן שאָדן. מיר האָבן צװישן אונדז מענטשן, װאָס האָבן דורכגע־מאַכט אַן אַנטװיקלונג אין אַ פאַרקערטער ריכטונג, מענטשן, װאָס האָבן אויפגעגעבן זײערע פריערדיקע אידעאַלן פאַר זײער פערזענלעכן נוצן; ר. ברײַנין האָט געענדערט זײַנע אידעאַלן צו זײַן פערזענלעכן שאָדן.

איך האָב שוין אײן מאָל געגעבן אַן אָפּשאַצונג פון ראובן ברײַנין, אָבער דאָס איז געװען אײדער עס איז דערשינען דער דריטער באַנד פון זײַנע העברײיִשע שריפטן. און ערשט אין דריטן באַנד פון זײַנע שריפטן איז פאַרעפנטלעכט אַ טײל פון אַ טאָג־בוך, װאָס ברײַנין האָט לאַנג געפירט, — נישט פאַר דער עפנטלעכקײט, נאָר פאַר זיך אַלײן. װי ער שרײַבט אין זײַן פאָררעדע, האָט ער געהאַט בדעה צו פאַרברענען דעם גאַנצן מאַטעריאַל, אָבער נאָך אַ לאַנגן ישוב הדעת, האָט ער באַשלאָסן דאָס בוך אַרויסצולאָזן פאַר דער װעלט. און עס איז גוט װאָס ער האָט דאָס געטאָן. דער דאָזיקער טאָג־בוך לאָזט אונדז אַרײַנקוקן טיף אין זײַן נשמה, װען זי איז געװען מיט זיך אַלײן. עס איז זײער זעלטן װען מיר האָבן די גע־לעגנהײט אַזוי טיף אַרײַנצוקוקן אין דער נשמה פון אַ מענטשן, װען קײנער זעט ניט, און װען דאָס איז די נשמה פון אַ מענטשן, װי עס איז געװען ראובן ברײַנין, איז דער װערט גאָר ניט אָפּצושאַצן.

אין תוך גענומען איז ראובן ברײַנין געװען אַ העברײיִשער שריפטשטעלער, אפילו װען ער האָט געשריבן יידיש. העברײיִש איז געװען זײַן באַרוף. ער איז געװען אַ שריפטשטעלער פון אַ גרויסן פאַרנעם, מיט אַ שײנעם, אַ לײַכטן און אָנגענעמען סטיל. ער האָט אַ סך צוגעהאָלפן צו אײראָפּײאיזירן דאָס אַלטע העב־

פון אַ רעדע, װאָס יעקב מילך האָט געהאַלטן דעם 9טן מאַי, 1940, װעגן ראובן ברײַנין.

רייאיש, וואָס אין דעם לעצטן אַנאַליז מיינט דאָס, אַז ער האָט אַריינגעבראַכט אַ סך פיינע יידישיזמען אין דער העברייאישער שפּראַך.

די ערשטע צייטן פון זיין שריפטשטעלערישער טעטיקייט האָט ער זיך אָפּ־געגעבן הויפּטזאַכלעך מיט שרייבן קריטישע עסייען איבער די גרויסע העברייאישע פּאָעטן און שריפטשטעלער, און ביאָגראַפישע סקיצן פון די זעלביקע. הויפּט־זעכלעך איז ער געווען אַ שיין־שרייבער, ביי וועמען די שפּראַך גופא איז געווען די הויפּטזאַך. אין יענע יאָרן האָט ער געלעבט אין אַטמאָספערע פון דער אַלט־מאָדישער העברייאישער השכלה און פון ציוניזם, מיט אַ גרינגשעצונג צו דער יידישער שפּראַך, יידישער ליטעראַטור און יידישע שריפטשטעלער, לויט דעם שאַבלאָן פון דער אַלטער השכלה.

ווי אַלע משכילים פון זיין צייט, האָט ברייניך פיינט געהאַט יידיש און יידישע שרייבער. אפילו פון די בעסטע האָט ער ניט געהאַלטן. אפילו די בעסטע, ווי מענדעלע און פּרץ, האָט ער געלייענט נאָר דעמאָלט, ווען זיי האָבן געשריבן העברייאיש.

אין 1902, ווען אַלע האָבן קריטיקירט פּרצן און האָבן געזאָגט, אַז ער באַנוצט צופיל פיינטעלעך און מען קאָן אים ניט פאַרשטיין, האָט ברייניך געשריבן אַן „אָפענעם בריוו" צו דעם פּאָעט י. ל. פּרץ און ער האָט זיך „מודה" געווען, אַז ער קאָן אים ניט פאַרשטיין.

וועגן פּרצן האָט ער נאָך געשריבן מיט אַ ביסל דרך־ארץ. אַ פיינער סטי־ליסט ווי ער איז געווען, האָט ער געהאַט גענוג טאַקט צו שרייבן וועגן פּרצן עפנט־לעך מיט רעספּעקט. ער האָט זעלטן געזינדיקט קעגן דעם גוטן געשמאַק. מען דאַרף אָבער לייענען, וואָס ער האָט געשריבן אין זיין טאָג־בוך אין יאָר 1908, אין וואַרשע, וועגן די יידישע שרייבער בכלל.

ער שרייבט:

„די זשאַרגאָנישע באָהעמיע אין וואַרשע פאַרדינט רחמנות. קיין נעכטן האָט זי ניט, און אַ מאָרגן — ווער ווייסט? זי איז אַ קינד פון דער שעה, זי האָט ניט קיין ציוויליזאַציע און קיין דרך־ארץ אין איר אומגאַנג מיט מענטשן. זיי האָבן ניט קיין טאַקט און קיין שום לעבנס־קלוגהייט, ניט ווייל זיי האַלטן ניט פון די זאַכן, נאָר ווייל זיי קומען פון דער פינצטערניש, אַרויסגעשפּראָצט פון דעם מיסט און פיש־מאַרק.

„און די חברה, אַז זיי שטייען פאַר באַקאַנטע שריפטשטעלער, אַפילו פאַר העברייאישע שריפטשטעלער, קנייטשן זיי זיך און דרייען זיך ווי די ווערים, אָבער אַזוי שנעל ווי זיי גייען אַוועק פון זיי, זיינען זיי אָנגעפילט מיט נקמה... זיי זידלען און באַשימפן יעדן שרייבער, וואָס גייט ניט אָנגעטאָן אין שמאַטעס און וואוינט ניט אין קיין פינצטערן חדר, ווי זיי אַליין...

„און יעדער פון זיי האַלט זיך פאַר אַ געני, אַ געני צווישן די געניען. יעדער פון זיי דענקט, אַז די ליטעראַטור הייבט זיך אָן פון אים; ביז ער איז געקומען, איז קיין ליטעראַטור אויף דער וועלט ניט געווען.

„און די דאָזיקע יונגע זשאַרגאָניסטן ריידן זיך איין, אַז זיי זיינען דאָס די פאָלקס־שרייבער. די שרייבער פאַר די מאַסן, און מיר, די העברייאישע שריפט־שטעלער, זיינען דאָס די אַריסטאָקראַטן, וואָס זיינען ווייט און דערווייטערן זיך פון דעם פאָלק. אָבער וויפל ליגן ליגט אין דעם?...

„זיי פעלט יעדער חוש פון תורה און קולטור (דרך־ארץ), און מיט דעם שטאָל־צירן זיי, און דאָס איז זייער פּאַרצוף.

„דער העברייאישער שריפטשטעלער, ווער ער זאָל ניט זיין, און וואָס זיינע פיאיקייטן זאָלן ניט זיין, האָט דאָך על כל פנים עטוואָס געלערנט; ער איז דאָך געווען געצוואונגען עטוואָס צו לערנען, זאָל זיין אין אַ בית־המדרש. ניט אַזוי דאָס רוב פון דער זשאַרגאָנישער באַהעמיע. זיי האָבן קיינמאָל גאָרניט געלערנט און קיינמאָל גאָרניט פאַרגעסן"...

דאָס אויבן־געבראַכטע איז געשריבן אין אַפּריל 1908. אין סעפּטעמבער פון זעלביקן יאָר, איז פאָרגעקומען די טשערנאָוויצער שפּראַך־קאָנפערענץ וועגן יידיש. ברייני איז דעמאָלט געווען אין מאַריענבאַד. שרייבט ער אַריין אין זיין טאָג־בוך: „די לעצטע וואָך האָט מיר געבראַכט עגמת־נפש און גייסטיקע שמערצן... אַט די טשערנאָוויצער קאָנפערענץ האָט דערדריקט מיין גייסט, און האָט אויף אַ צייט אַריינגעוואָרפן אַ קאַלטן יאוש אין מיין האַרץ. די דאָזיקע קאָנפערענץ איז אַ גייס־טיקע מפּלה פון אונדזער פאָלק, אַ מאָראַלישע ירידה און אַ ביטערע היסטאָרישע איראָניע... דער באַשלוס, אַז דער זשאַרגאָן איז אונדזער נאַציאָנאַלע שפּראַך, האָט אין זיך ניט נאָר אַ חוזק, נאָר אויך אַ פּאַטש אין פּנים אונדזער גאַנצער העבריי־אישער קולטור. דער באַשלוס האָט אין זיך ניט נאָר משוגעת, נאָר אויך אַ נאַ־ציאָנאַלע קאַטאַסטראָפע. שווער איז מיר געווען דער טאָג, ווען עס איז גע־קומען די ידיעה, אַז די זשאַרגאָן־חכמים האָבן באַשלאָסן אויף אייביק אָנצונעמען און אָנצוהאַלטן די צעמישטע שפּראַך, די צעבראָכענע און צעריבענע גלות־שפּראַך, אַלס די נאַציאָנאַלע שפּראַך — שווער איז מיר געווען דער טאָג, ווי דער טאָג פון אונדזער חורבן. אַ נייעם עגל האָבן די זשורנאַליסטן געלאָזן אויסגיסן, און האָבן גערופן צו אונדזער פאָלק: אלה אלהיך ישראל! (דאָס זיינען דיינע געטער, ישראל). זאָל געשען מיט מיר וואָס עס וויל, איך וועל זיך צו דעם קאַלב ניט בוקן".

***

מיט אַ יאָר פריער, אין 1907, איז אין פּעטערבורג אַרעסטירט געוואָרן דער באַרימטער סאָציאַליסט רעוואָלוציאָנער גאָץ, אַלס מיטגליד פון דער באָיעוואַיאַ אָרגאַניזאַציאַ (טעראָריסט אָפּטיילונג). גאָץ איז געווען אַן אייניקל פון באַרימטן יידישן מיליאָנער און משכיל וויסאָצקי. דער סטודענט גאָץ און זיין עלטערער ברודער, וואָס איז געווען פאַרשיקט אויף קאַטאָרגע, האָבן ביידע געלערנט העבריי־איש ביי בריינינען אין מאָסקווע. ברייני איז אין גאַנצן צעבראָכן פון גאָצס אַרעסט.

אין זיין טאָג־בוך פון דעם 26טן יוני, 1907, שרייבט בריינין: „מיין מי איז געווען אַריינצובלאָזן אין זיי יידישע אידעאַלן, זיי צו באַגייסטערן מיט דעם גע־דאַנק פון יידישער אויפלעבונג. פיינע בחורים זיינען זיי געווען, אידעלע און גע־האַרכזאַמע, און דערצויגן אין גייסט פון יידישן נאַציאָנאַליזם, און איצט האָבן זיי געווידמעט זייער לעבן צו באַפרייען רוסלאַנד, צו דער אַלגעמיינער רעוואָלוציע. זייער פאָטער איז אַ מיליאָנער און זיי האָבן זיך אָפּגעזאָגט פון אַלע תענוגים פון לעבן, און האָבן פאַר זיך אויסגעוויילט דאָס לעבן פון רעוואָלוציאָנערן, וואָס איז פול מיט מי און סכנות נפשות אויף יעדן טריט און וואַנדלונגען פון אַלע שבעה מדורי גיהינום... איז דאָס ניט דערהויבענע אידעאַלן? דאַרף מען זיך דען ניט פאַרבייגן פאַר די טרעגער פון אַזעלכע געדאַנקען? איז דאָס ניט קיין געשעעניש, וואָס מאַכט וואַקסן דאָס הארץ? זיינען די יונגעלייט ניט קיין העלדן פון גייסט?

„אַוודאי, אַוודאי, אָבער די דאָזיקע גבורה, דער דאָזיקער אידעאַל טראָגט אין זיך אַ פּירכטלעכע טראַגעדיע. אַזוי פיל קרבנות פאַר וועמען און פאַר וואָס?... און אַז זיי וועלן שוין באַפרייען רוסלאַנד — ווער וועט באַפרייען דאָס יידישע פאָלק, וואָס איז מער אומגליקלעך, וואָס איז מער באַרויבט פון רעכט, וואָס ווערט פאַרפאָלגט?"

***

ערגערט זיך ניט! איך בין ניט געקומען שילטן בריינינען, איך בין געקומען אים בענטשן. אָבער איך וויל ווייזן, ווי עס האָבן דעמאָלט געדענקט, און ווי עס דענקען נאָך איצט, אַ גרויסע צאָל פון די יידישע משכילים, און ווי גרויס עס איז דערפאַר די ענדערונג, וואָס איז פאָרגעקומען, און ווי אַזוי זי איז פאָרגעקומען אין דעם ווירקלעך גרויסן גייסט, ווען ער האָט זיך אָנגעשלאָגן אָן די אידייען, וואָס באַגייסטערן אונדז.

עס איז דערשינען זלמן רייזענס „לעקסיקאָן פון דער יידישער ליטעראַטור און פרעסע", אַ בוך פון קורצע ביאָגראַפיעס פון יידישע שרייבער.

דאָס איז געווען אין 1914. בריינין איז דעמאָלט געווען אין מאָנטרעאָל, קאַנאַדע, דער רעדאַקטאָר פון דעם זשאַרגאָנישן „קענעדער אָדלער". אין איין שיינעם מאַי־טאָג האָט ראובן בריינין דערהאַלטן דעם „לעקסיקאָן", צוזאַמען מיטן „פּנקס", וואָס איז דעמאָלט דערשינען אין ווילנע.

דאָס בוך האָט אויפגערודערט בריינינס געדאַנקען. דעם 30טן מאַי, 1914, שרייבט ער אין זיין טאָגבוך: „ערשט נעכטן איז די יידישע שפּראַך ביי מיר געווען אַ זשאַר־גאָן, אַ צעמישטע און געלאַטעטע שפּראַך, אַ לשון פון אַ פּראָסטן פאָלק, אַ לשון, וואָס האָט ניט קיין שום ליטעראַטור, וואָס זאָל פאַרדינען דעם נאָמען; ערשט נעכטן האָב איך געקענט נאָר מענדעלען און פּרצן אַלס שרייבער און דיכטער, וואָס האָבן געשריבן אין דער שפּראַך פון דעם המון, און איך האָב געקוקט אויף זייער אַרבעט מיט רחמנות, כמעט מיט פאַראַכטונג...

„נאָך נעכטן זיינען די אַלע יינגלעך, וואָס האָבן אָנגעהויבן צו שרייבן זשאַר־

גאָן, אין מײַנע אויגן געווען ווי קינדער־שפּילן; ייִנגלעך, וואָס האָבן גאָר ניט גע־לערנט און גאָרניט געלייענט, וואָס נאָר עטלעכע האָבן געלעקט אַ ביסל פון דער אויבערפלאַך פון דעם ליטעראַרישן ים און... מיט אַמאָל, איבער נאַכט, איז גע־שען אַ נייעס אין אונדזער וועלט... איך בלעטער דעם 'לעקסיקאָן' און איך זע ריי נאָך ריי פון יידישע שריפטשטעלער, וואָס אַרבעטן אין דער יידישער ליטעראַ־טור... אָט די יונגעלייטלעך, וואָס האָבן געגנבעט אַרבוזן און אוגערקעס פון שטאָט־גאָרטן, אָט די וואָס האָבן ניט געלערנט און ניט געלייענט — היינט זײַנען זיי שוין פאַרצייכנט אין דעם 'לעקסיקאָן', מיט זייערע בילדער, און זיי האָבן שוין אַרויסגעגעבן זאַמלביכער, און עס זײַנען דאָ צווישן זיי אַזעלכע, וואָס מען האָט שוין איבערזעצט אין פרעמדע שפּראַכן... רבונו של עולם! אַ נייע וועלט האָט אויפגעשפּראָצט פאַר מיר!"

אַ רעוואָלוציע איז פאָרגעקומען אין דעם גרויסן גייסט פון ראובן ברײַנין!

דאָס יידישע בוך האָט אויפגעוועקט דעם גייסט, וואָס האָט די אַלע יאָרן גע־דרימלט וואַכנדיק.

אַ נייע וועלט! אַ נייער מענטש! — — —

ברײַנין הויבט אָן אַנדערש צו קוקן אויף דער ציוניסטישער באַוועגונג, אויף די מענטשן אַרום איר, אויף אירע פירער, און — אויף זײַן אייגענער ליטעראַרישער טעטיקייט.

דאָס איז ניט געקומען מיטאַמאָל, עס איז צוגעגאַנגען לאַנגזאַם.

עס איז ניט דאָ דער פּלאַץ אַלץ צו דערציילן. עס וועט נעמען צו לאַנג, ווען איך דערפאַר נאָר איבערגעבן זײַן לעצטן באַשלוס — די עקספּלאָזיע, אַזוי צו זאָגן, — פון וועלכן עס איז אַרויסגעקומען דער נייער ראובן ברײַנין.

אין אַפּריל 1921, שוין אין ניו־יאָרק, שרײַבט ברײַנין אַרײַן אין זײַן טאָג־בוך, צווישן אַנדערע זאַכן: „די העברייאיסטישע באַוועגונג דאָ אין לאַנד, האָט ניט קיין אידעאַליסטן, און האָט ניט קיין געשיקטע טוער. איך האָב נאָך ניט אָנגעהויבן מײַן ליטעראַרישע אַרבעט. ס'איז פּשוט אָפּשיילעך. און שולדיק אין דעם זײַנען די בייע און די פּײַנע ביכער, וואָס איך האָב די לעצטע צייטן דערהאַלטן פון ווין... דאָס לייענען איז ביי מיר געוואָרן אַ גייסטיקע שיכרות. איך ליג אָפּ דאָס שרײַבן פון שעה צו שעה און פון טאָג צו טאָג, ווײַל עס איז מיר שווער אָוועקצולייגן פון מײַנע הענט די ביכער וואָס איך לייען. — איך דערנענטער זיך צו דער עלטער און אויך — צו אַ נייער קינדהייט. איך שטרעב נאָך אַמאָל געבוירן צו ווערן אין אַ נייער געשטאַלט. איך בין דער, וואָס געבוירט און איך בין דאָס קינד: איך בין דער פאָטער און איך בין דער זון... איך פויזע נאָך דערווייל אויף דער ערד, וואַלגער זיך אין שטויב, און זיפץ אונטער דער שווערער משא פון דעם אַלטן לעבן, פון די פריערדיקע צייטן. אָבער עס זײַנען דאָ מינוטן אין מײַן לעבן, ווען איך פיל, אַז פליגל, פליגל פון אַן אָדלער, וואַקסן מיר אויס, אַז אָט, אָט און איך וועל זיך דערהויבן און איך וועל זיך אַוועקטראָגן אין אַ גייסטיקער ספערע, וואָס איז העכער און ריינער, אַז אָט, אָט און איך וועל אַראָפּוואַרפן פון זיך, פון מײַן אינערלעכן מהות די דיקע און די אַלטע שאָלעכץ, און איך וועל באַנײַען מײַן יוגנט אין דעם ערב פון מײַן לעבן"...

„מיר איז נמאס געוואָרן צו לעבן, ווי איך האָב געלעבט ביז אַהער... מיין מהות איז נאָך ניט אַנטפּלעקט געוואָרן, ניט אין מיינע טאַטן, און ניט אין מיינע געדרוקטע כתבים... מיינע פיס שטייען אין אַ טאָל און אפשר גאָר אין אַ בלאָטע? נאָר מיינע אויגן זיינען אויפגעהויבן צו די בערג, און איך פרעג: פון וואַנען וועט קומען מיין הילף?...

„איך אָנערקען מיין אָרעמען ווערט. איך האָב נאָך אַ ביסל קראַפט צו פּראָטעס־טירן קעגן דעם שלעכטן, דעם מיאוסן, דעם נידעריקן און דעם שענדלעכן, אָבער איך בין שוואַך אויפצוטאָן גרויסע זאַכן, צו טאָן גוטס אויף אַ גרויסן מאַסשטאַב... איך בין נאָך אַלץ אַ קינד פון מיין דור, דער איבערגאַנגס־דור... איך האָב חרטה אויף מיין פאַרגאַנגענהייט, אָבער איך האָב ניט דעם כוח זיך צו באַפרייען פון איר... ווי שווער זיינען דאָס די געבורטס־ווייען. און איך בין געקומען צו דעם ברוך־שטול, אָבער איך האָב ניט די קראַפט צו געבערן...” (כל כתבי, חלק ג׳, 397).

דאָס איז געווען אין 1921...

הכלל, אַ גלגול פון אַ נשמה, — גייסטיקע איבערוואַנדלונגען האָט ראובן בריינין אַדורכגעמאַכט אין זיין לעבן.

.1940

י. ל. בעקער (מאָנטרעאָל)

ראובן ברײַנין אין מאָנטרעאָל

נאָך זײַענדיק אַנהײב הײַנטיקן יאָרהונדערט אין סמאָלענסק, פלעג איך אָפט הערן דערמאָנען דעם נאָמען — ראובן ברײַנין. געבוירן אין ליאָדי, אַ שטעטל ניט ווײַט פון סמאָלענסק, האָט ברײַנין פאַרבראַכט אײניקע יאָרן אין סמאָלענסק, וואוהין יידישע יונגעלײַט פלעגן קומען „עקסטערניטשן" און האַלטן עקזאַמען אין די דאָר־טיקע העכערע בילדונגס־אַנשטאַלטן. בעת מײַנע אָפטע באַזוכן אין דער סמאָלענ־סקער יידישער ביבליאָטעק פלעג איך זיך אָפשטעלן אין אַנטציקונג פאַר דעם בילד פון ראובן ברײַנין, וועלכער איז געווען אויסערגעוויינלעך שיין. אויף מײַנע פראַגן — ווער איז ראובן ברײַנין? האָט מען מיר דערקלערט, אַז ער איז אַ באַוואוסטער העברייאישער שרײַבער, וועלכער געפינט זיך אין דײַטשלאַנד און אַז זײַנע ביכער געפינען זיך אין דער ביבליאָטעק. מיר איז אָבער פרעמד געווען די העברייאישע שפּראַך און כ'בין ניט אימשטאַנד געווען צו לייענען ברײַנינס שריפטן.

אָבער אָט האָט דער שיקזאַל געוואָלט צו פאַרוואַרפן מיך, אין 1912, קיין מאָנ־טרעאָל, קאַנאַדע, און דאָרט האָט זיך דאַן געפונען ראובן ברײַנין, אַלס רעדאַקטאָר פון „קענעדער אָדלער" וואו ער האָט געשריבן טאָג־טעגלעך באַלערנדיקע אַרטיק־לען און דווקא אויף דער שפּראַך פון פאָלק, אויף מאַמע־לשון — יידיש.

אין מאָנטרעאָל איז ראובן ברײַנין געווען ניט נאָר רעדאַקטאָר, נאָר אויך אַן אָנפירער און וועגווײַזער אינעם געזעלשאַפטלעכן לעבן אין די ערשטע אימיגראַנ־טישע יאָרן פון יידישע פאָלקס־מאַסן..

און דאָ מוז דערמאָנט ווערן די אימפּאָזאַנטע געבײַדע, אין צענטער פון דער שטאָט מאָנטרעאָל, מיט גרויסע גאָלדענע בוכשטאַבן „באַראָן דע הירש אינסטיטוט" — אַן אינסטיטוציע, פינאַנסירט פון פּאַריז און פאַרוואַלטעט פון אַ קלײנער גרופּע גבירים־באַלעבאַטים. אַלע ענינים פון געזעלשאַפטלעכן אינטערעס, ווי אימיגראַציע, קאָלאָניזאַציע, דאָס באַזאָרגן יידן מיט קרקע, צדקה; פאַרמיטלונג מיט דער רעגי־רונג א. א. וו. — דאָס איז אַלץ געלעגן אין די הענט פון דעם באַראָן דע הירש אינ־סטיטוט. און אָט די הענט זײַנען געווען גאַנץ שווערע און גאַנץ דריקנדיקע. אַלס בײַשפּיל איז געגנוג צו דערמאָנען, אַז ווען אײנער אַן אַרבעטער איז געקומען מ'זאָל אים אַרויסהעלפן צו ברענגען צו קבורה זײַן טויט קינד, האָט מען אים די בקשה אָפּגעזאָגט צוליב דעם, וואָס ער האָט געערדט צו הויך... „דאָ — האָט מען אים געזאָגט — שרײַט מען נישט".

אין אַזאַ געזעלשאַפטלעכער אַטמאָספערע, איז ראובן ברײַנין, דער רעדאַקטאָר פון „קענעדער אָדלער" וועמעס יערלעכע דעפיציטן, פלעגן געדעקט ווערן דורך דעם באַראָן דע הירש אינסטיטוט. איז גאַנץ פאַרשטענדלעך, וואָס נאָכדעם ווי

ברײנין האָט זיך אַרומגעקוקט אין װאָס פאַר אַ סביבה ער איז אַרײַנגעפאַלן, האָט ער אָנגעהויבן זוכן װעגן און מיטלען, װי צו דעמאָקראַטיזירן די אָנפירערשאַפט פון קהלשן לעבן. סײ דורך זײַנע אַרטיקלען אין „קענעדער אַדלער", און סײ דורך אויפטריטן אויף עפנטלעכע פאָלקס־מיטינגען, בײַ װעלכע עס האָט אַרויסגעשײַנט זײַן גלענצנדיקער רעדנער־טאַלאַנט, האָט ער אַפּעלירט צו די פאָלקס־מאַסן, אָנטײלצונעמען אין די יערלעכע װאַלן פאַר דירעקטאָרן פון דעם באַראָן דע הירש אינסטיטוט. די באַלעבאַטים פון דעם אינסטיטוט האָבן אָנגעהויבן קוקן קרום אויף ברײנינס טעטיקײטן. עס איז געװען בעתן אויסברוך פון דער ערשטער װעלט־מלחמה אין 1914, װען די באַציאונג צו ראובן ברײנין האָט אָנגענומען אַ פײַנטלעכן כאַראַקטער.

ס'האָט זיך דאַן געהאַנדלט די פראַגע פון הילף פאַר די ייִדישע מלחמה־קרבנות. ראובן ברײנין האָט פאָרגעשלאָגן, אַז די הילף דאַרף קומען פון אַלע שיכטן פון פאָלק, און פאַר אָט דעם צװעק זאָלן צעטײלט װערן פושקעס אין יעדן הויז. מיט דעם כאַראַקטעריסטישן דעװיז פון ראובן ברײנין, אַז „עס איז מיר ליבער צו זאַמלען צו איין דאָלער פון טויזנט ייִדן, אײדער טויזנט דאָלער פון איין ייִדן". האָט זיך אויפגעהויבן אַ „װיצעקו" פון די רעדל־פירער: „ס'טײטש, ס'דאָך אַ קאָנקורענץ צו ר' מאיר בעל הנס פושקעס"...

די הילף־פושקעס זײַנען פאַרטײלט געװאָרן, און יעדן צװײטן זונטיק, פלעגן קאָמיטעטן אַרומגײן, און אויפזאַמלען דאָס פושקע־געלט. דער גרעסטער „װיצעקו" האָט זיך אויפגעהויבן קעגן ברײנינען, װען מ'האָט זיך דערװאוסט, אַז ער פּלאַנעװעט — מיט דער הילף פון אַ גרופּע יונגע מענטשן — צו גרינדן אין מאָנטרעאָל אַ ייִדישע פאָלקס־ביבליאָטעק.

אין דער באַראָן דע הירש געבײדע, האָט זיך געפונען ערגעץ פאַרשטופּט אין װינקל אַ צימער, װאָס האָט געהײסן „לאַיבררי". דאָרט זײַנען געװען װײניק ביכער, און איז זעלטן געװען אָפן פאַר באַזוכער. אָט די „לאַיבררי" איז געװען אײַנגעשלאָסן װי אַ טײל פונעם בודזשעט, װאָס פלעגט געדעקט װערן יערלעך פון פאַריז. „אויב אַזוי", האָבן געטענהט די רעדל־פירער, „װען פאַריז װעט זיך דערװיסן װעגן דער פאָלקס־ביבליאָטעק, װעט זי אָפּשנײַדן די פאָנדן פאַר אונדזער „לאַיבררי".

דאָך, נישט געקוקט אויף די פּראָטעסטן פון די רעדל־פירער פון באַראָן דע הירש, איז די פאָלקס־ביבליאָטעק געגרינדעט געװאָרן, אמת, אויף אַ באַשײדענעם פאַרנעם. מ'האָט געדונגען אַ הויז און אָנגעפילט זי מיט ביכער.

דער צאָרן פון די רעדל־פירער פון באַראָן דע הירש, האָט זיך אָבער נאָך שטאַרקער צעברענט. זײ האָבן זיך שוין באַמיט צו מאַכן זיכער, אַז די לאַגע פון ראובן ברײנין אין דער רעדאַקציע פון „קענעדער אַדלער" זאָל װערן אומדערטרעגלעך. ס'איז דערגאַנגען אַזױ װײט, אַז מ'האָט אָנגעהויבן צענזורירן די אַרטיקלען פון דעם גרויסן שרײַבער. דער רעזולטאַט איז געװען, אַז אין אײנעם אַ פרימאָרגן, איז די גאַנצע רעדאַקציע, מיט ראובן ברײנין בראש, אַרויס אין אַ פּראָטעסט־סטרײק. ס'איז געװען אַן אמתער סטרײק — מיט פּיקעטס, פּלאַקאַטן און מיט די אומפאַרמײדלעכע סקעבס.

ס'האָט דאַן געװאוינט אין מאָנטרעאָל אַ ייִד, אַן אָרעמער פּיאַנאָ־לערער מיטן

נאָמען קאָנראַד בערקאָוויסי, וועלכער איז אין די צוואַנציקער יאָרן באַרימט געוואָרן אין האָליוואוד מיט זיין פילם „וואָלגאַ באָאטמען״... אָט דער קאָנראַד בערקאָוויסי האָט פאַרנומען דעם פלאַץ פון ראובן ברייַנין. אַזוי ווי ער איז געווען דער איין־און־איינציקער סקעב, האָבן די מאָנטרעאָלער יידן אין פרימאָרגן געקראָגן אַ צייטונג, וואָס אַלע אירע זייטן זיינען געווען אויסגעפילט מיט אַרטיקלען פון... קאָנראַד בערקאָוויסי. אָבער טאַקע צוליב אָט דעם סטרייק־ברעכער, האָט ראובן ברייַנין פאַרלוירן דעם סטרייק.

זיינע פריינט האָבן זיך באַמיט אים צו דערמונטערן און געהאָלפן אים גרינדן אַ נייע צייטונג — „דער וועג״. אָבער די יידישע באַפעלקערונג פון יענע יאָרן איז ניט געווען גרויס גענוג אויפצוהאַלטן אַ נייע צייטונג. ס׳האָט ניט גענומען לאַנג און „דער וועג״ האָט זיך געמוזט פאַרמאַכן.

באין ברירה, האָט ראובן ברייַנין געמוזט פאַרלאָזן מאָנטרעאָל. ער האָט זיך באַזעצט אין ניו־יאָרק, וואו ער האָט מיטגעאַרבעט אין „טאָגעבלאַט״ און שפּעטער אין „טאָג״ זינט 1923.

ראובן ברייַנין פלעגט מאַכן אָפטע באַזוכן אין מאָנטרעאָל. אַזוי געדענקט זיך מיר, ווי אויף אַ גרויסן פאָלקס־מיטינג, וואו דער באַרימט־געוואָרענער קאַנאַדער דאָקטאָר, נאָרמאַן בעטון, האָט אָפּגעגעבן זיין באַריכט וועגן די שפּאַנישע קעמפער, אינעם יאָר 1936, און ווען מ׳האָט אַפּעלירט פאַר הילף, איז ראובן ברייַנין מיט צוויי באַגלייטער אַרויף אויף דער בינע, און דערלאַנגט זיינעם אַ טשעק.

אין די לעצטע יאָרן פון זיין לעבן איז ברייַנין געווען שטאַרק קראַנק. ווען ער איז אַרויף אויף דער בינע האָבן מיר געזען פאַר זיך אַ גרייז־גרויען זקן, אָבער ווי מיר ווייסן, איז וואָס אַמבאַלאַנגט זיין גייסטיקן צושטאַנד, איז ער פאַרבליבן דער זעלבער שטאָלצער און קלאָר־דענקנדיקער מענטש.

ראובן ברייַנין איז געשטאָרבן דעם 30סטן נאָוועמבער, 1939, אין אַ זייער שטורמישער צייט. זיין קערפּער איז געבראַכט געוואָרן קיין מאָנטרעאָל. צו זיין לוויה זיינען געקומען צענדליקער טויזנטער מענטשן, אָפּגעבן דעם לעצטן כבוד זייער באַליבטן גייסטיקן פירער... די מאָנטרעאָלער יידן האָבן פאַרגעזעצט אויפצוהאַלטן די יידישע פאָלקס־ביבליאָטעק, וועמעס גרינדער ברייַנין איז געווען. עס איז געווען אין די פופציקער יאָרן, ווען די ביבליאָטעק האָט זיך אַריינגעקליבן אין אַן אייגענער פּראַכטפולער געביידע, וואו עס געפינט זיך אויך דער „ראובן ברייַנין אַרכיוו״, באַצירט מיט אַ גרויס אויל־בילד פון זיין גייסטרייכן הדרת־פנים.

1962

א. ר. מלאכי

יהודה ליב גאָרדאָן און ראובן בריינין

א.

דעם 16טן סעפּטעמבער 1892 איז יהודה ליב גאָרדאָן געשטאָרבן אין עלטער פון 62 יאָר. די לעצטע יאָרן פון זיין לעבן זיינען ביים דיכטער אַריבער אין מחלוקת מיט צעדערבוימען, קראַנקהייטן און אָפּעראַציעס, וואָס האָבן ניט געהאָלפן און זיין לעבן פאַרקירצט. ער האָט זיך געפילט אויסגעשעפּט, ווי די מוזע וואָלט אים פאַרלאָזט און דער רוח הקודש האָט זיך אָפּגעטאָן פון אים. ער פלעגט זעלטן דרוקן אַ שיר און בכלל געפּרואווט דערווייטערן זיך פון געדרוקטן וואָרט; ער איז אָבער געשטאַנען אין קאָנטאַקט מיט העברייאישע שרייבער און לייענער, געזעלשאַפטלעכע עסקנים און קולטור־טוער. ער פלעגט זיך אויך דורכשרייבן מיט ראובן בריינין, וועמענס ערשטע ליטעראַרישע פּרוואוון זיינען אונטער גאָרדאָנס רעדאַקציע גע־דרוקט געוואָרן אין „המליץ״, און דער דיכטער האָט אין זיינע בריוו דערמוטיקט דעם יונגן אָנפאַנגער און אין אים געזען אַ גלענצנדן שרייבער.

גאָרדאָנס טויט האָט אַרויסגערופן גרויס טרויער אין דער יידישער וועלט. העברייאישע ווי יידישע צייטונגען, און יידישע בלעטער אין פרעמדע שפּראַכן, האָבן וועגן דער גרויסער אבדה אָנגעזאָגט אין באַריכטן און נעקראָלאָגן, און פּאָעטן האָבן אין שירים אים באַוויינט. ניט נאָר זיינע מיטצייטלער און נאָענטע צו אים ווי מ. מ. דאָליצקי, אויך די צוויי יונגע אָנפאַנגער־דיכטער חיים נחמן ביאַליק און שאול טשערניכאָווסקי האָבן אין גלענצנדע פערזן זייער ווייטיק אויסגעשריגן אויף דעם טויט פון גרויסן דיכטער.

אַ צוויי־דריי יאָר נאָך זיין טויט האָט י. ל. גאָרדאָן נאָך אויסגעפילט דעם חלל און געוואָרן אַ קולט אין דער העברייאישער ליטעראַטור. דער יונגער יוסף קלויזנער קעמפט אייפעריק קעגן די, וואָס האָבן אויסגעזעצט קעגן גאָרדאָנס נאַציאָ־נאַליזם. אין אַ באַזונדער ביכל „ציון למשורר״ טענהט ער זיך אויס מיט גאָרדאָנס קריטיקער און ווייזט, אַז דער דיכטער איז געוואָרן אַ נאַציאָנאַליסט און געהאַט אַ פּאָזיטיווע שטעלונג צו דער חיבת ציון באַוועגונג. דאַקעגן האָט דער אָרטאָ־דאָקסישער שרייבער אלעזר אַטלאַס, פאַרעפנטלעכט אַ נעגאַטיווע קריטיק וועגן גאָרדאָנס השכלה־אידייען.

מען האָט וועגן גאָרדאָנס נאַציאָנאַליזם אַ היפּשע צייט פּאָלעמיזירט און געפּלפּולט. נחום סאָקאָלאָוו איז אַרויס מיט אַ שאַרפן אַרטיקל צו מאַכן אַ סוף צו דער צוועקלאָזער פּאָלעמיק, וואָס איז ניט לכבוד דעם גרויסן דיכטער.

מען האָט גאָרדאָנען נאָך געהאַלטן אין איין פאַרערן און פאַרגעטערן. מען

האָט ניט געזען ווער עס וועט זיין פּלאַץ פאַרנעמען. ביאַליקס דיכטערישע קראַפט האָט דעמאָלט זיך גענומען מערקן, אָבער אַז ער וועט איבערנעמען גאָרדאָנס קרוין ווי אַ פּאָעט, און נאַציאָנאַלער דיכטער דערצו, האָבן אפילו ביאַליקס פאַרערער ניט אַרויפגעבראַכט אויפן זינען. קלויזנער, וואָס האָט אין זיין בוך „רוחות מנשבות" קריטיקירט ביאַליקס ערשטע לידער אין ראַבניצקיס „פּרדס", האָט אַרויסגעבראַכט אַז ביאַליק וועט קיין צווייטער גאָרדאָן ניט זיין, און אַנגעוויזן אויף אַ ריי פעלערן, וואָס דערמעגלעכן ניט ער זאָל אויסוואַקסן אַ פּאָעט פון גאָרדאָנס גרויס און פאַרנעם. עס האָבן אָבער ניט געפעלט קיין פּרעטענדענטן אויף גאָרדאָנס טראָן, וואָס יעדער איינער פון זיי האָט בפירוש און מיט רמזים געגעבן אָנצוהערן, אַז ער איז דעם דיכטערס יורש, און אַז אים האָט גאָרדאָן נאָך ביים לעבן זיין פעדער איבערגעגעבן. אויף די דאָזיקע פּרעטענדענטן האָט דוד פרישמאַן רעאַגירט אין אַ פּעליעטאָן „המשורר ושלשה העטים", וואָס איז געדרוקט אין „לוח אחיאסף", געשריבן ווי אַ נמשל צו לעסינגס משל וועגן די דריי רינגען אין „נתן דער קלוגער". פרישמאַן דערמאָנט ניט גאָרדאָנס נאָמען, נאָר אין זיין ליריש-פּאָעטיש-ביבלישן סטיל דער־ציילט ער אַ מעשה וועגן אַ גרויסן דיכטער, וואָס איז איצט ערשט געשטאָרבן, וואָס פלעגט מיט זיין גאָלדענער פעדער וויזן וואונדער, און ווי גלייך נאָך זיין טויט זיינען ניט ריכטיקע יורשים געקומען זיך לאָדן וועגן זיין גאָלדענער פעדער, און יעדער איינער האָט געטענהט, אַז די פעדער באַלאַנגט צו אים. אָבער די שופטים האָבן אַרויסגעטראָגן אַן אורטייל, אַז קיין איינער פון די פּרעטענדענטן איז ניט דער אמתער יורש, ווייל קיינער פון זיי האָט מיט זיין פעדער ניט געקאָנט באַווייזן די וואונדער וואָס דער דיכטער פלעגט באַווייזן, און זיין גאָלדענע פעדער האָט ער מיט זיך אין קבר מיטגענומען.

אייגנטלעך איז פרישמאַן דאָ געווען דער שופט, און אין דער דאָזיקער אַלעגאָריע האָט ער אַרויסגעבראַכט, אַז גאָרדאָן האָט קיין צווייטן נאָך זיך ניט געלאָזן.

ראובן בריינין וואָס האָט זיך גערעכנט פאַר גאָרדאָנס אַ תלמיד, האָט ניט באַוויזן מספּיד זיין דעם דיכטער. ער האָט נאָך גאָרדאָנס טויט עפּעס יאָ געלאָזט פאַלן אַ וואָרט וועגן אים, אָבער אגב־אורחא, אין אַ קאָרעספּאָנדענציע פון ווין אין „המליץ". אין אַ בריוו פון יענער צייט צו יצחק יעקב וויסבערג גיט ער זיך אָן ווי גאָרדאָנס אַ תלמיד און שרייבט, אַז אים האָט ער צו פאַרדאַנקען וואָס ער איז אַ העברייאישער שרייבער געוואָרן. אין איינעם פון די העפטן פון זיין „ממזרח וממערב" פאַרזיכערט בריינין, אַז ער וועט שרייבן אַ לענגערע אָפּהאַנדלונג וועגן גאָרדאָנס בריוו, וואָס וויסבערג האָט דעמאָלט צוזאַמענגעשטעלט און דער פאַרלאַג „אחיאסף" האָט אַרויסגעגעבן. ער האָט אָבער זיין הבטחה ניט מקיים געווען. ער האָט בכלל וועגן גאָרדאָנען ניט געשריבן.

ערשט סוף 1897 באַווייזט זיך בריינין מיט אַ לענגערן אַרטיקל וועגן גאָרדאָנען, געדרוקט אין ערשטן באַנד „השלוח" אונטער אחד העמס רעדאַקציע.

עס איז די ערשטע גרעסערע אַרבעט וועגן גאָרדאָנען, — דער ערשטער פּרוּוו צו ווידמען דעם דיכטער אַ גרעסערע שטודיע, אַנאַליזירן זיינע פּאָעטישע און

פּראָזאַאישע שאַפונגען. עס איז בכלל פון די ערשטע ברײַנינס קריטישע אַרטיקלען. ער האָט מיט דעם דאָזיקן אַרטיקל אַרויסגערופן אַ שטורעם.

דער אַרטיקל טראָגט גאָרדאָנס נאָמען, און אונטער דעם „קאָפּ“ קומט אויסגע־רינגלט „זכרונות ומחשבות“, — דעראינערונגען וועגן דיכטער און געדאַנקען וועגן זײַנע פּאָעטישע שאַפונגען. זײַנען ברײַנינס פּערזענלעכע זכרונות וועגן דיכטער ניט קיין סך, זיי פאַרנעמען אַ פּאָר זײַטן. דערפאַר פאַרנעמען די מחשבות, אָדער טראַכטונגען, דעם היפּש גרויסן אַרטיקל. די געדאַנקען וועגן דיכטער, די קריטישע מיינונג און דער אורטייל זײַנען אַ פּועל־יוצא פון די זכרונות.

ברײַנין הייבט אָן דעם אַרטיקל מיט איינדרוקן פון זײַן ערשטער באַגעגעניש מיטן דיכטער. ער דערציילט ווי ער איז אין 1889 געקומען קיין פּעטערבורג, אויפן צווייטן טאָג איז ער אַ באַגייסטערטער און מיט אַ פאַרכאַפּטן אָטעם געלאָפן זען דעם דיכטער, וואָס זײַנע שירים האָט ער אויסווייניק געקענט און מיט זײַנע בריוו זיך געקוויקט. און די שירים זײַנען אַזוי דערהויבן געווען און די בריוו, אַזעלכע זיסע און ליבע. מיט פרייד־געפילן און אילוזיעס האָט אויף פאַנטאַזיע־פליגל זיך דער יונגער ברײַנין צום דיכטערס וואוינונג געטראָגן. אָט שטייט ער שוין ביים שוועל פון טעמפּל פון דער העברייאישער פּאָעזיע. מיט אימפּעט האָט ער אָנגעקלונגען, און ווי שטאַרק אַנטוישט איז ער געווען, ווען אַן אַלטע מיאוסע דינסט האָט די טיר פון דיכטערס הויז פאַר אים געעפנט. אַ סקרוך איז אים איבערן לייב אַריבער, און ער האָט זיך זעלבסט געפרעגט: אָט דאָ וואוינט דער גרויסער דיכטער? איז דאָס דער טעמפּל פון פּאָעזיע און שיינקייט, ווען אַן אַלטע, מיאוסע פרוי איז ביי אים אַ דינסט? די צווייטע אַנטוישונג האָט ער דורכגעמאַכט, ווען ער האָט אין דיכטערס אַרבעט־קאַבינעט ניט געפונען אַ זכר פון פּאָעטישן חן. סטאַטועו און קונסט־בילדער האָבן ניט באַצירט דעם צימער און די ווענט; עס האָט זיך ניט געמערקט די פּאָעטישע צעשטרייאונג און אומאָרדענונג, ווי ער האָט זיך פאָרגע־שטעלט ווי אַ דיכטערס וואוינונג באַדאַרף זײַן. ברײַנין איז געשטאַנען, געפּלעפט, זעענדיק ווי די ביכער זײַנען געשטאַנען אין די שאַפעס אויסגעשטעלט מיט אָרדע־נונג, אַזוי אויך די מעבל, ווי אין אַ באַלעבאַטיש הויז. גאָרדאָן זעלבסט האָט אויף אים ניט געמאַכט קיין איינדרוק, אָנשטאָט אַ צאַרט־פאַרטרוימטן מיט איידעלע גע־זיכט־שטריכן, האָט דער דיכטער אים אויסגעשטרעקט אַ דיקע האַנט, זײַנע גע־זיכט־שטריכן זײַנען געווען האַרט, און אויסגעזען האָט ער ווי אַ רעגירונגס־באַאַמטער פון ניקאָלאַי דעם ערשטנס צייטן מיט אַ ביטערן שמייכל, וואָס האָט זײַן פּנים נאָך מער פאַרהאַרטעוועט, זײַנע אויגן פאַרצאַרנט און אַרום זײַנע ליפּן האָט זיך גע־שלענגלט אַ ניט־אָנגענעמע ליניע, ווי פון זײַן מויל וואָלט זיך אָט איצט געהערט דער מאָוימדיקער פערז: „איך האָף ניט אויף ליכט, איך קוק ניט אויס אויף פריי־הייט, איך זינג וועגן אַ ביטערן טאָג, וועגן אייביקער שקלאַפעריי“.

ברײַנין גיט איבער דעם דיכטערס געשפּרעכן מיט אים, זײַנע שטימונגען און עמאָציעס, זײַנע באַציאונגען צו זײַנע מיטצייטלער, זײַן אויפרעגונג, ווען ער האָט דערמאָנט זײַן השכלה־קאַמף און מלחמות מיט די רבנים און קהלשע בעלי־טובות,

רעאַקציאָנערן און פינצטערלינגען. בריינין כאַראַקטעריזירט גאָרדאָנס אַרט גע־שפּרעך און שאַרפזין, וויסן און לאָגיק.

פון גאָרדאָנס בריוו צו בריינינען פון דער צייט, וואָס ער האָט געדרוקט זיין „גסיסת הסופר״ אין „המליץ״, ווי אויך פון בריינינס דעראינערונגען אין אַרטיקל, זעט מען אַז דער דיכטער האָט אַרויסגעוויזן אַ ליבשאַפט צו בריינינען און זיך באַ־צויגן צו אים מיט רעספּעקט. די עטלעכע חדשים וואָס בריינין האָט זיך געפונען אין פּעטערבורג, איז בריינין געווען אַ מקורב צו גאָרדאָנען, פלעגט אים אָפט באַ־זוכן, אין זיינע באַטראַכטונגען ווי דעם דיכטערס געשפּרעכן מיט אים, האָט ער איבערגעגעבן אין דעם אַרטיקל. בריינינס טאָן איז פון אויבן אַראָפּ. פון איין זייט איז ער מקפּיד איבערצוגעבן יעדעס וואָרט גאָרדאָנס, און יעדן ניואַנס אין זיינע געשפּרעכן מיט אים. און פון דער צווייטער זייט איז ער אויך שטאַרק מקפּיד אויף יעדער שטעל כדי אַרויסצוברענגען נעגאַטיווע שטריכן פון דיכטער. כאַראַק־טעריסטיש איז בריינינס דערציילונג, ווי ער און גאָרדאָן האָבן אין אַ שיינעם אָוונט געשפּאַצירט איבער די פּעטערבורגער גאַסן: „די שטערן שיינען אין דער בלויקייט פון ריינעם הימל״. בריינין ווערט פאַרכאַפּט פון דער שטילקייט פון דער נאַכט און די שיינקייט פון דער נאַטור, און ער שרייט אויס צו גאָרדאָנען מיט באַגייס־טערונג: „ווי וואונדערלעך עס איז די נאַכט, ווי שיין עס זיינען די שטערן!״ אָבער דער עלטערער און אַנטוישטער דיכטער איז ניט אין שטימונג געווען צו ווערן פאַרכאַפּט פון דער „באַזונדערער שיינקייט, וואָס די פּעטערבורגער נעכט״ באַזיצן. בריינין האָט אָבער ניט אָפּגעלאָזט, פאַרשיכורט פון דער שיינקייט פון דער נאַכט און די שטערן, ווי ער דערציילט, איז ער אַריבער אויף דער טעמע פון ליבע, אָבער אין דעם האָט דער גרויסער דיכטער אים אַנטוישט.

לייענט מען היינט אַט דעם שמועס צווישן דעם יונגן נאַאיוון שרייבער־אָנפאַנ־גער מיט דעם פאַר דער צייט פאַרעלטערטן דיכטער, וואָס אין תוך איז ער געווען אַ סאַטיריקער און אַ גרויסער פּיקח, הערט מען דעם שמועס צווישן בריינין און גאָרדאָן, קומט דער דיאַלאָג צווישן זיי עפּעס משונה. עס מאַכט דעם איינדרוק ווי בריינין „אינטערוויואירט״ דעם דיכטער, צו אַרויסבאַקומען זיין מיינונג וועגן דער שיינקייט פון די נעכט אין פּעטערבורג און ליבע. פון דער אומשולדיקער פראַזע וואָס דער קלוגער און פּראַקטישער גאָרדאָן האָט כלאחר־יד אַרויסגעבראַכט, האָט בריינין אַ גאַנצן בנין אויפגעשטעלט. גאָרדאָנס מיינונג וועגן נאַטור, ליבע, שיינע פרויען־אויגן און נדן, האָט דעם גאַנצן גלויבן זיינעם אין גאָרדאָן דעם פּאָעט צעקלאַפּט. אין דעם יעניקן שפּאַציר איז אים אַרויף אַ געדאַנק, און בריינין האָט זיך זעלבסט געפרעגט: צי איז גאָרדאָן באמת אַ פּאָעט? ער האָט געהאַט נאָך אַנ־דערע באַווייזן, וואָס האָבן אים געמאַכט צווייפלען אין גאָרדאָנס פּאָעזיע. אַזוי דערציילט ער, אַז גאָרדאָן האָט אים באַוויזן זיינס אַ ליד וואָס ער האָט אָקערשט געהאַט אָנגעשריבן, און דער שיר איז געווען שטאַרק געמעקט, פול מיט אויסבע־סערונגען און פאַרשיידענע נוסחאות. פון דעם האָט בריינין געדרונגען, אַז שרייבן אַ שיר קומט גאָרדאָנען אָן זייער שווער. און נאָך אויף אַזעלכע חסרונות האָט ער

זיך אָנגעשלאָגן, וואָס האָבן מיט יאָרן שפּעטער געבראַכט צו אַרויסטראָגן זיין שווערן אורטייל אויפן דיכטער.

ב.

ווי אַ בליץ איז דער געדאַנק אין זיין מוח דורכגעלאָפן. די פראַגע האָט אים אפשר ניט שטאַרק געעקבערט און ניט איבעריק געמאַטערט. ער איז ביי זיך כמעט זיכער געווען אין זיין נעגאַטיווער מיינונג, אָבער ער האָט געזוכט צו באַפעסטיקן דאָס. גאָרדאָנס שירים זיינען דעמאָלט צונויפגעזאַמלט געווען אין פיר בענדער, וואָס זיינען אין 1884 דערשינען, מיטן נאָמען „כל שירי יהודה ליב גאָרדאָן". אין די דאָזיקע פיר בענדער האָט בריינין געזוכט דעם ענטפער אויף זיין פראַגע.

ער האָט די לידער גענומען לייענען פונדאַסניי, אָן באַגייסטערונג, מיט אַ קריטישן צוגאַנג. ער האָט פון גאָרדאָנס שיר „אל יאשם יהודה" (באַשולדיקט ניט יהודהן), אַרויסגעכאַפּט עטלעכע שורות, וואָס אין זיי כאַראַקטעריזירט גאָרדאָן זיך זעלבסט:

„איך שאַף ניט אַ יש פון גאָרנישט,
אַ מאָלער בין איך, האַלט אַ פּענזל אין מיין רעכטער האַנט
און וואָס מיינע אויגן טוען זען
דאָס שילדער איך מיט אַ שטיפט אויפן טאָוול".

אין גאָרדאָנס קלאַסישן העברייאיש זיינען די שורות ווי פון אַ סקולפּטאָר אויסגעהאַמערט. גאָרדאָן האָט זיך אין זיי אַרויסגעשטעלט ווי אַ רעאַליסט, וואָס מאָלט און שילדערט דאָס יידישע לעבן אויך אין זיין גרויקייט און וואָכעדיקייט, איינע פון די הויפּט־מעלות גאָרדאָנס.

בריינין האָט זיך אָנגעכאַפּט אין די דאָזיקע פערזן, אַרויסגעכאַפּט זיי פון מיטן שיר און זיי זיינען דעם דיכטערס רעזיומע פון פינף פּאָעמעס, וואָס דעם לייענער קאָן זיך דאַכטן אַז די שילדערונגען פון די העלדן זיינען ניט נאַטירלעך און איבערטריבן.

אויף דעם רעאַליסטישן צוגאַנג גאָרדאָנס האָט בריינין דעם גאַנצן יסוד געשטעלט, אויפצואווייזן, אַז גאָרדאָן באַזיצט ניט די פונקציע פון אַן אמתן פּאָעט, און איז מער בעל לשון ווי דיכטער.

ווי אַ פירוש צו זיינע אייגענע ווערטער, גייט בריינין אַרויס מיט אַ צעטל טענות, וואָס דורך זיי ווערט אַרויסגעבראַכט וואָס אַ פּאָעט באַדאַרף באַזיצן, און גאָרדאָן באַזיצט דאָס ניט. בריינין שרייבט: „גאָרדאָן איז אַ שיין־ריידער, אַ בעל־לשון, אַ מליץ, אַ באַגאַבטער שרייבער, וואָס האָט פיל געלערנט, אָבער איז ניט קיין דיכטער. דער מענטש וואָס האָט ניט געלעבט מיט דער נאַטור, וואָס איז ניט געוואָרן אַ שותף צו מעשה־בראשית און איז ניט מיט אַלע זיינע חושים דערציטערט געוואָרן פאַר דעם גרויסן סוד פון אין־סוף; דער מענטש וואָס באַזיצט ניט קיין שטאַרקע בענקשאַפט, מעכטיקע צילן און שטרעבונגען, וואָס זיין האַרץ קלאַפּט ניט מיט דעם דופק פון זיין תקופה, וואָס האָט ניט אין קלאָרע בילדער איבערגעגעבן די אַלע

באהאַלטענע תאוות פון זיינע בני־דור; אַט דער מענטש, וואָס פילט ניט דעם אַטעם פון די קומענדיקע דורות נאָך אונדז און וואָס זיין אויג נעמט ניט אַרום אַלע דורות פון אָנפאַנג ביזן סוף; אַט דער מענטש וואָס קאָן ניט אַריינקוקן אין אונדזער האַרץ און נשמה און וואָס פאַר אים זיינען ניט אַנטפּלעקט די באַהעלטענישן פון אונדזער גייסט; אַט דער מענטש וואָס גיט ניט קיין נייעם גייסטיקן אינהאַלט און נייע אידעאַלן צו זיין פאָלק — אַזאַ מענטש איז ניט קיין פּאָעט, איז ניט קיין דיכטער".

דאָס זיינען די טענות, וואָס בריינין פלעגט אָפט אַרויסברענגען אין זיינע אַר־טיקלען אָנהייב ניינציקער יאָרן אין „המליץ", אָבער דאָרט זיינען זיי געווען אַב־סטראַקט. אין דעם אַרטיקל האָט בריינין גערעדט ממשותדיק, ער דריקט אויס:

„אַט די וויניקע וואָס וואַרטן אויפן טאָג ווען ביי אונדז וועט געבוירן ווערן אַן אמתער גרויסער דיכטער, וואָס וועט אַנקליידן פליישׁ און בלוט אויף אַלע אונדזערע האָפענונגען און גייסטיקע מעלות און וועט אין זיי אַריינבלאָזן אַ לעבנס־נשמה, און זיי וועלן טאָן לעבן, זאָל ער נאָר קומען, און מיר וועלן זיין קאָפּ באַקרוינען מיט אַ בלומען־קרויץ און מיר וועלן זיך בוקן צו זיין פוס־בענקל". און ראובן בריינין זאָגט: „יהודה ליב גאָרדאָן איז צופיל קלוג, ווי עס איז דערלויבט צו אַ דיכטער. אויך זיינע התפעלות און התלהבות זיינען אויסגערעכנט און מיט וויסן. ער איז שטענדיק וואַכזאַם און אָפּגעהיט אין דער שפּראַך און אינהאַלט פון זיינע שירים, דעריבער וועט איר ניט געפינען אין זיי אפילו קיין שאָטן פון דעם חן פון דער סטי־ליסטישער און מאָראַלישער נאַכלעסיקייט; סטיל, וואָס איז אָנגענומען ביי די מערסטע שרייבער און דיכטער, און אַ פעסטגעזעצטע מאָראַל אין לעבן, רעגן דעם אמתן דיכטער צו זיין נאַכלעסיק און ניט איבעריק פּינקטלעך, ווייל זיין סטיל און מאָראַל זיינען פון אַ גאַנץ אַנדערער וועלט, וואָס איז העכער פון דעם אַלעם, און אין זיין האַרצן פאַראַכטעט ער אַזעלכע בעלי־מדות וואָס זייער שפּראַך און מאָראַל זיינען גענומען פון אַ לערבוך".

ווי אַ באַווייז אַז גאָרדאָן איז וויט צו זיין אַן אמתער פּאָעט, ברענגט בריינין אויס־צוגן פון גאָרדאָנס אַ בריוו, אין וועלכן ער רעדט מיט גרויס ליבע און דרך־ארץ וועגן דעם דיכטער אד"ם הכהן לעבענזאָן, און ווי ער דריקט זיך אויס, ווייל אד"ם איז קאָרעקט אין דקדוק און „זיין פען האָט קיינמאָל ניט אַרויסגעלאָזן אפילו אַ קליין גראַמאַטיקאַלישן גרייז". און בריינין רופט אויס: „איר הערט, ער האָט אד"מען ליב, ניט פאַר זיינע דעות, ניט פאַר זיין טאַלאַנט, און ניט צוליב דעם אינהאַלט פון זיינע שירים, נאָר ווייל זיין פען לאָזט קיין גרייז ניט אַרויס, און זיינע זאַכן זיינען געשריבן לויט די כללים פון לוח הפעלים און זייערע נטיות אַלץ ווי עס איז געשריבן אין בן־זאבס תלמוד־לשון עברי" 1).

מיר באַגעגענען אמת טרעפלעכע באַמערקונגען ביי בריינינען וועגן גאָרדאָנען און וועגן פּאָעזיע בכלל. ער וואַרפט אַריין אַ גוט וואָרט וועגן דעם דיכטער. בריינין שטעלט זיך מער אַרויס אין דער ראָל פון אַ פּראָקוראָר, מער פּראָקוראָר ווי קריטי־קער, דערצו נאָך אַ שטרענגער פּראָקוראָר, וואָס האָט זיך גוט צוגעגרייט צו פירן דעם פּראָצעס, האָט ניט פאַרפעלט קיין שום קלייניקייט אויספורעמען דעם באַשול־

דיקונגס־אַקט, און זען אַז דער באַשולדיקטער זאָל באַקומען דעם ריכטיקן אורטייל, אַזוי אַז אפילו דער געניטסטער אַדוואָקאַט זאָל אים ניט קאָנען ראַטעווען.

ג.

פון זכרונות און מחשבות, תביעות און טענות צום דיכטער און אויסצוגן פון זיינע שירים וואָס פון זיי איז צו דרינגען אַז ער איז ניט קיין פּאָעט, — וואָס פאַר־נעמט דעם ערשטן קאַפּיטל און דעם אָנהייב פון צווייטן, גייט ברײנין אַריבער צום אַנאַליז פון גאָרדאָנס לידער. ער האָט זיך אָפּגעשטעלט אויף אַ טייל פון זיי — די ליבע און נאַטור־לידער, און די פּאָעמעס, וואָס זיינען אַריין אין פערטן באַנד „כל שירי״. אַ ליריקער, אָדער אַ צאַרטער ליבע־דיכטער איז גאָרדאָן ניט געווען. צווישן זיינע שירים געפינען זיך אַ סך לירישע פּערל. עס איז צו דערמאָנען „אחותי רוחמה״, וואָס פרישמאַן האָט אַרויסגעשטעלט ווי אַ מוסטער צו גאָרדאָנס גרויסקייט ווי אַ דיכטער. דער ערשטער באַנד פון גאָרדאָנס לידער הייסט „שירי הגיון״, אַ נאָמען, וואָס גאָרדאָן האָט געשאַפן פאַר לירישע לידער. אין דעם דאָזיקן באַנד האָט גאָרדאָן אויך אַריינגענומען די געציילטע ליבע־און נאַטור־לידער, וואָס ער האָט געשריבן, סאָנעטן, איבערזעצונגען, און געלעגנהייטס־שירים. זיין קראַפט איז אָבער ניט אין ליריק, נאָר אין עפּיק און סאַטירע. אָנווייזן אויף גאָרדאָנס שוואַכ־קייט ווי אַ ליריקער, נאַטור, ליבע־פּאָעט, איז קיין רבותא ניט. ברײנין האָט זיך אָבער בעיקר קאָנצענטרירט אויף דעם, און מיט קריטישן טאַלאַנט מבטל מאַכן גאָרדאָנס פּאָעטישן טאַלאַנט.

„חנה״, איז דער נאָמען פון גאָרדאָנס ליבע־ליד, וויזט אויס אַז די חנה איז גאָרדאָנס אַ געליבטע געווען און פון איר איז ער אינספּירירט געוואָרן צו שרייבן דעם שיר. עס איז פון די גאָר ערשטע לידער גאָרדאָנס, געשריבן אין זיין יוגנט, אין דער ראָמאַנטישער עפּאָכע פון זיין שאַפן, אין דער צייט וואָס ער האָט געשריבן דעם „אהבת דוד ומיכל״ און די אַנדערע ביבלישע פּאָעמעס. חנה, ווי דער דיכטער שילדערט, איז די אידעאַלע פרוי, ער באַזינגט איר שיינקייט און גייסטיקע מעלות מער ווי ער שילדערט. אין אַ צווייט ליד האָט ער וועגן דער דאָזיקער חנה, אין וועלכער ער איז פול מיט אַנטוישונג, טרעפנדיק זיך מיט זיין יוגנט־געליבטער דריי־סיק יאָר שפּעטער, אַ פיל פאַרענדערטע, אַלט און אָפּגעלעבט; ער פּרוּווט שילדערן איר אַמאָליקע שיינקייט: ער שטייט פאַר אַ חורבה קאַלט אָן אַ ציטער פון איבער־לעבעניש, באַדויערט זי און זיך און נעמט דאָס פילאָסאָפיש־רואיק ווי אַ געזעץ פון דער נאַטור.

עס איז וועגן דעם דאָזיקן שיר אָנגעגאַנגען אַ מחלוקת פון קריטיקער וועגן פּאָעטישן ווערט פון ליד און צי די חנה איז ווירקלעך גאָרדאָנס אַ געליבטע געווען.

יעקב פיכמאַן, גאָרדאָנס אַ גרויסער פאַרערער, וואָס האָט כמעט ניט אויסגעלאָזן קיין איין פאַזע פון גאָרדאָנס שאַפן, וואָס ער האָט ניט באַלויכטן און אויסגעטייטשט, וואָס זיין צוגאַנג צו דעם השכלה־דיכטער איז מיט גרויס דרך־ארץ, ווי צו אַ גאָר גרויסן פּאָעט, איז אויך מיט דער מיינונג, אַז גאָרדאָן איז ניט געווען קיין ליבע־

פאָעט, אָבער ער פאַרמינערט ניט דעם פּאָעטישן ווערט פון שיר. ער האַלט, אַז אין „חנה" האָט גאָרדאָן ניט געפונען דעם ריכטיקן אויסדרוק".

יוסף קלויזנער האַלט, אַז „חנה" איז באַאיינפלוסט פון לייענען ליבע־לידער, אָבער איז ניט קיין פּראָדוקט פון דיכטערס איבערלעבענישן און געפילן. ער באַטאָנט אָבער אַז: „דאָס ליבע־ליד 'חנה' לייענט זיך נאָך היינט מיט פאַרגעניגון". י. ל. פרץ אין זיין „מה היה גאָרדאָן, בלשן או משורר?", וואָס איז אין 1896 געדרוקט אין „הצפירה", ווי אַ רעאַגירונג אויף בריינינס אַרטיקל, און מיר וועלן ביי אַן אַנדער געלעגנהייט זיך אָפּשטעלן אויף זיי, האָט צוויי קאַפּיטלעך וועגן „חנה", אין וועלכע ער האָט אַרויסגעטראָגן אַ ניט־גינסטיקע מיינונג וועגן שיר. עס האָבן אויך אַנדערע קריטיקער זיך אָפּגעשטעלט אויף „חנה".

בריינין איז אָבער דער ערשטער געווען, וואָס איז צו גאָרדאָנס איינציק ליבע־ליד צוגעטראָטן מיט אַ קריטישן אַנאַליז. נאָך מער: דאָס ליד האָט אים געזאָלט דינען ווי אַ ריכט־שנור צום דיכטערס פּאָעטישן טאַלאַנט. זייער ווייניק ליבע־לידער איז צו געפינען אין דער השכלה־ליטעראַטור. בשעת מענדעלסאָנס תלמידים האָבן גענומען אַרויסגעבן דעם „המאסף", האָט נפתלי הערץ וויזעל, דער באַדייטנדיקער דיכטער פון יענער צייט, פּאָטערלעך זיי געעצהעט צו וויכן פון „שירי עגבים" (עראָטישע לידער) און ניט ברענגען אַזעלכע שירים אין זייער אָרגאַן. אין כלל „שירי עגבים" גייען אַריין עמנואל הרומיס לידער, וואָס אין „שולחן ערוך" ווערט געבראַכט אַז מען זאָל זיי ניט לייענען אום שבת און אפילו אין דער וואָכן ניט אַריינקוקן אין זיי, וויל זיי זיינען „שירי חשק" (עראָטישע לידער). אין „המאסף" איז יאָ געדרוקט עמנואל הרומיס אַ שיר, אָבער ניט אַ ליבע־מאָטיוו, נאָר אַ מאָראַליש ליד. דער מין „שירי אהבה" האָט כמעט געפעלט אין דער ערשטער תקופה פון דער מאָדערנער העברייאישער ליטעראַטור. וואו ניט וואו שטויסט מען זיך אָן אויף אַזאַ שיר, אָבער על־פּי־רוב זיינען די לידער טיף דורכגעלעבטע, און די פּאָעטן האָבן מיט זייערע לידער באַצאָלט אַ מין צינז צו דער מוזע. יהל"ל, אַ דיכטער פיל ייִנגער פון גאָרדאָנען, האָט אין זיין ערשטן לידער־בוך, וואָס איז דערשינען אין 1872, אַ לענגערן שיר „פצעי אוהב" (די וואונדן פון פאַרליבטן) — אַ ליבע צווישן אַ געבילדעטן בחור פון הויכן רייכן ראַנג און אַ פּשוטער אומוויסנדער דינסט־מיידל. דערציילט דער פּאָעט און פילאָסאָפירט וועגן די „הייליקע, הימלסטאָכטער ליבע", וואָס איז אין דער זעלבער צייט „אַ ביטערע פרוכט אין זיסן פאַרדעקט", אַ פאַרפירערין און מערדערין. אין דער הקדמה צום בוך רעדט ער אויך אַרום דעם ענין ליבע, און איז מוסר מודעה אַז ניט פון זיינע איבערלעבענישן שילדערט ער די ערהאַבנקייט, זיסקייט און ביטערנישן פון ליבע. „איך האָב קיינמאָל ניט געליבט, איך האָב קיינמאָל זיך ניט דערקלערט אין ליבע, און קיינמאָל זיך ניט געלאָזט פאַרפירן". גאָרדאָן איז אין דעם ניט געווען קיין אויסנאַם.

בריינין שרייבט: „גאָרדאָן, ווי די אַלע העברייאישע דיכטער און שרייבער פון פאַרגאַנגענעם דור איז ניט דערצויגן געוואָרן אין פרויען־געזעלשאַפט, האָט זייערע סודות ניט אויפגעכאַפּט און ניט געזוכט צו קומען אין באַרירונג מיט זיי". ווי אַ באַווייז ברענגט ער אַן אויסצוג פון גאָרדאָנס אַ בריוו פון 1870: „אין זנות־

זינד האָב איך זיך קיינמאָל ניט אויסגעצייכנט, און אין דער דאָזיקער עברה קיינ־מאָל ניט געשטרויכלט געוואָרן און זיך ניט נאָכגעשלעפּט נאָך איר אין מיינע יונגע יאָרן, בפרט איצט״ 2). און בריינין גיט צו דעם צו אַ גאַנצן פּירוש: „זעט דעם אונ־טערשייד צווישן אַ העברייאישן דיכטער און שרייבער און אַ שרייבער אַ נישט־ייִד. טורגעניעוו האָט זיינעם אַ פריינט דערציילט, אַז ער האָט זיך געהאַט געפונען אין דער געזעלשאַפט פון פראַנצויזישע שרייבער, און יעדער איינער פון זיי האָט זיך געסטאַרעט אַרויסשטעלן זיך ווי אַ פּרויען־העלד, יעדער האָט דעם צווייטן איבער־געשטיגן מיט מעשיות און באַרימעריי וועגן זיין דערפאָלג ביי פרויען. אין מיטן האָט טורגעניעוו עפּעס אַ פרעג געטאָן איינעם, און פון זיין שאלה איז אויסגעקומען, אַז ער איז ניט אַזאַ בקי אין הלכות אישות און האָט ניט קיין אַנונג פון ליבע־סודות, און די גאַנצע פריילעכע חברה האָט אויסגעבראָכן אין אַ געלעכטער, און יעדער איינער פון זיי האָט זיך געוואונדערט ווי קאָן אַזאַ מענטש זיין אַ קינסטלער־ראָמאַ־ניסט, שילדערן די פרויען אין זייער ליבע, זייערע וועגן, געשפּרעכן און מחשבות. היינט שטעלט זיך פאָר ווי שטאַרק אונדזער דיכטער וואָלט זיך געפילט באַליידיקט אויב מען וואָלט אים חושד געווען אין איינער פון די זאַכן וואָס דער צניעותדיקער טורגעניעוו האָט אויף זיך עדות געזאָגט אין באַצוג צו פרויען״ 3).

ווי געזאָגט, איז „חנה״ פון די שוואַכסטע לידער גאָרדאָנס, כאָטש עס מערקן זיך עלעמענטן פון זיין קלאַסישן סטיל, בוי פון זאַץ און פערז. חיים תורן האָט דעם שיר אַריינגענומען אין זיין אַנטאָלאָגיע „שירי אהבה בישראל״, אָבער אין דער הקדמה צו דער דאָזיקער אַנטאָלאָגיע חזרט פיכמאַן איבער זיין נעגאַטיווע מיינונג וועגן שיר און זאָגט, אַז אין „חנה״ האָט זיך גאָרדאָן באַוויזן מיט זיין גאַנצער לירי־שער שוואַכקייט.

פיכמאַן איז אין זיין מיינונג עטוואָס באַווירקט פון בריינינען. אָבער ער ברענגט דאָס אַרויס אין געציילטע ווערטער, בשעת בריינין פאַרנעמט זיך ברייט און רעדט באריכות. בריינין האָט אין זיין קריטיק אויף גאָרדאָנס „חנה״ געשטעלט אַלס קאָנ־טראַסט מיכ״לס „חנה״. ער מאַכט פאַראַלעלן צווישן די צוויי ליבע־לידער, ברענגט פערזן פון ערשטן, צעגלידערט יעדע שורה און קומט אַרויס מיט טענות. גאָרדאָן, למשל, שילדערט (אָדער דערציילט, ווי בריינין וויל האָבן מיט רעכט), „די שיינקייט פון זיין געליבטערס אויגן, אַז זיי לייכטן ווי די זיבנטאָגיקע ליכט״ („אור שבעת הימים״). און בריינין פרעגט: „אָבער נאָך דעם אַלעם וויסן מיר ניט דעם קאָליר פון חנהס אויגן, צי זיינען זיי בלוי אָדער פון אַן אַנדערן קאָליר; מיר וויסן אויך ניט צי די דאָזיקע אויגן זיינען גרויסע צי קליינע, זייערע ברעמען און שוואַרצאַפּל?״ ער ווייזט אויך אָן אויף אומפאַרשטענדלעכע מליצות.

בריינין ברענגט אַרויס, אַז אין גאָרדאָנס „חנה״ זעט מען ניט אירע שטריכן, ער איז גאָר ניט מסוגל געווען אויפצוכאַפּן די דאָזיקע דינע שטריכן און זיי שילדערן. ער באַשטעטיקט זיינע מיינונגען מיט פערזן פון ליד, און ברענגט פערזן פון מיכ״לס ליד, צוגעבנדיק אַז מיכ״לס „חנה״ איז אַ לעבעדיק פילנדיק וועזן, און דער דיכטער „רעדט נישט פיל, רימט איר נישט, נאָר זיין רעכטע האַנט שפּילט זיך מיט אירע לאָקן״. האַלדזט זי און קושט זי״

„צאַרנט אַ מינוט, אָבער איר פּנים טוט אויך שיינען". ראובן ברײנין איז פון מיכ"לס לידער באַגײסטערט, און מיט רעכט. אין דער קורצער אָפּשאַצונג פון מיכ"לס „חנה" געפינען מיר פיינע באַמערקונגען. ער שרײבט אויך: „ווי ריין, ווי שטאַרק, ווי מענטשלעך און ווי נאַטירלעך איז די דאָזיקע ליבע. וויפל תמימות און גלויבן זי באַזיצט. דאָס איז אַן אויפריכטיקע ליבע, אַ פּאָעטישע ליבע". און ער קומט צום שלוס, אַז „דער דיכטער מיכ"ל איז פאַרליבט און זאָגט שירה, אָבער יל"ג קנעלט מיט זיין געליבטער מעטאַפיזיק ווי אַן אמתער פאַרצייטיקער פילאָסאָף". ער ברענגט אַ היפּשן אויסצוג פון שיר, צו באַווייזן אַז דאָס איז קאָפּ און ניט האַרץ־פּאָעזיע. ווי אַ ליבע־ליד איז גאָרדאָנס „חנה" שוואַך. זי איז ניט פון די פּערל אין זיין פּאָעטישער קרוין, אָבער זי איז ניט אַזוי שלעכט אַזש צו פּסלען גאָרדאָנען ווי אַ דיכטער. עס איז אויך איבעריק דער גאַנצער קריטישער אַנאַליז און שטרענגע פאָדערונגען אויפצואווייזן, אַז „חנה" איז ניט נאָך דעם געשמאַק פון אַ מאָדערנעם קריטיקער. ברײנין טענהט אויך אַז די אַלע שילדערונגען גאָרדאָנס פון „חנה" זיינען מער צוגעפּאַסט פאַר אַ פּאַספּאָרט, אָבער אויך אויף זיינע שאלות וועגן דעם קאָליר פון חנהס אויגן, זייער גרויס און מאָס, די ברעמען און שוואַרצאַפּל קאָן מען ענטפערן, אַז עס איז אַן ענין פאַר אַ געבורטשיין.

ד.

אַ היפּשן מהלך האָט י. ל. גאָרדאָן, דער אמת גרויסער דיכטער, דורכגעמאַכט פון „חנה" ביז „קוצו של יוד". דער ערשטער איז געשריבן אין די פּופּציקער יאָרן, די ראָמאַנטישע עפּאָכע זיינע, אין אָנהייב פון זיין שאַפן, און ער האָט זיך נאָך גע־טוליעט צו אד"מען, זיך געהאַלטן פאַר זיין גייסטיק קינד און „אַ ברודער צו זיין פאַרשטאָרבענעם זון" מיכ"ל, ווי ער דריקט זיך אויס אין זיין ווידמונג פון „אהבת דוד ומיכל" צו אד"מען.

דאָס צווייטע ליד איז געשריבן אין די זיבעציקער יאָרן — די רעאַליסטישע תקופה פון זיין שאַפן, בשעת זיין מוזע האָט זיך שוין ניט באַוויזן צו אים אַ צאַרטע און אײדעלע, אַ פאַרבענקטע און אין ווייסן געקליידט, נאָר ווי אַ שוואַרצער ראָב, אַ קלאַגעדיקער און מיט אַ פול מויל מיט קללות, ווי ער שילדערט זיך אַליין אין זיין ריין לירישן ליד „בעלות השחר". גאָרדאָן האָט זיך צוגעקוקט צו דער ביטערער לאַגע פון פאָלק, געזען זיין שפלות און געפילט די ווייטיקן פון זיינע וואונדן, האָט באַגריפן די סיבות, וואָס האָבן געבראַכט צו דעם צושטאַנד, און ער האָט אויפגע־הערט זינגען וועגן „פאַרגעניגן, ליבע און פריינטשאַפט, רו, פרייד און פרייהייט". ער איז געוואָרן דער השכלה־קעמפער, שטראָפער און סאָציאַלער רעפאָרמאַטאָר; דער דיכטער פון צאָרן און פּראָטעסט; דער פּראָקוראָר פון די „פאַרפירערישע פירער און פאַלשע לערער און דער מליץ־יושר פאַר דעם געקריוודעטן יחיד".

אין „קוצו של יוד" האָט גאָרדאָן דערגרייכט אַ הויכע מדרגה פון קלאַסישער שלמות. זי איז ניט נאָר איינע פון זיינע בעסטע פּאָעמעס, נאָר אויך איינע פון די בעסטע פּאָעטישע שאַפונגען פון דור, וואָס האָט אַן אויסערגעוויינלעכן איינדרוק

געמאַכט סיי מיטן אינהאַלט און סיי מיט דער שפּראַך. זי איז געדרוקט אין „השחר" אין יאָר 1878, אָבער פאַרטראַכט און געפּלאַנט זי צו שרייבן האָט דער דיכטער מיט עטלעכע יאָר פריער.

אין בריוו צו פריינט רעדט ער אָפּט וועגן דער פּאָעמע, טיילט זיי מיט אַז ער האַלט אין מיטן שרייבן און אַז אויף איר וועט ווערן אָנגערופן מרים מארקל־מאָזע־סאָנס נאָמען.

י. ל. קאַנטאָר, אַ שרייבער מיט אַ איראָפּיאַישן געשמאַק און אַ ניכטערן בליק, האָט געשריבן צו סמאָלענסקינען, ער זאָל למען השם אַרויסבאַקומען די פּאָעמע פון גאָרדאָנען און וואָס פריער פאַרעפנטלעכן אין „השחר". י. ל. פּרץ, וועלנדיק באַקענען זיין כלה העלענע מיט דער פּרויען־עמאַנציפּאַציע בכלל און דער אונטער־דריקטער יידישער פרוי בפרט, זעצט פאַר איר איבער די ערשטע סטראָפן פון „קוצו של יוד", וואָס איז דערשינען אין יאָר, וואָס ער האָט דעם בריוו געשריבן. ער שרייבט צו דער כלה: „נישט קענענדיק גענוג רוסיש, וועל איך זיך באַמיען דיר איבערזעצן עטלעכע העברייאישע סטראָפעס פון י. ל. גאָרדאָנס פּאָעטיש ווערק אויף יידיש". ער האָט איבערגעזעצט דעם ברויזנדיקן אַריינפיר אין ערשטן קאַ־פּיטל פון דער פּאָעמע, אין וועלכן דער גרויל און טראַגישע לאַגע פון דער יידישער פרוי איז קרעפטיק געשילדערט, און צום סוף פון דער איבערזעצונג גיט פּרץ צו: „דאָס איז אַ טרויעריקע, אָבער אויף קיין האָר ניט איבערגעטריבענע באַשרייבונג" 4).

אָנהייב אַכציקער יאָרן שרייבט דובנאָוו אַן אָפּהאַנדלונג איבער גאָרדאָנס שירים אין „וואָסכאָד", שטעלט זיך פיל אָפּ אויף דעם „קוצו של יוד", און אַ דאַנק איר פאַר־גלייכט ער גאָרדאָנען צו נעקראַסאָוון 5). אויך פרישמאַן, אין זיין שאַרפער קריטיק אויף לילינבלומס קריטיק אויף גאָרדאָנס שירים, ווייזט אָן אויף נעקראַסאָוון, און אין ענלעכעס צווישן „קוצו של יוד".

עס איז אַ פּאָעמע פון גרויסן פאַרנעם, וואָס איר דיכטער האָט מיט גרויס ליבע, צאַרטקייט און פאַרשטענדעניש געשילדערט די לאַגע פון דער יידישער פרוי אין די זעכציקער־זיבעציקער יאָרן אין אַלע מאָמענטן פון איר לעבן, אירע מעלות און מידות, איר איבערגעגעבנקייט צום מאַן און קינדער, אמתע ליבע און געדולד צו טראָגן אַלע לאַסטן. דער מיט פּאַטאָס געשריבענער אַריינפיר, מיט געפיל צו דעם גורל פון דער יידישער פרוי, וואָס הייבט זיך אָן:

יידישע פרוי, ווער־מען גייט אָן דיין לעבן?
גייסט אין דער פינצטער און גייסט דאָרט פאַרלוירן;
דיין ווייטיק און פרייד און דיין האָפן און שטרעבן
זיי שטאַרבן אין דיר באַלד אָפּ מיט זייער געבוירן 6).

דאָס האָט געמאַכט אַן אומגעהויערן רושם אויפן לייענער, און דער גורל פון בת־שוע, די העלדין פון דער פּאָעמע, וואָס איז אייגנטלעך דער גורל פון יעדער יידישער פרוי, ניט געלאָזט רוען.

ברײַנין האָט זיך מיט דעם אַלעם ניט גערעכנט. ער האָט ניט גענומען אין באַטראַכט דעם סאָציאַלן מאָטיוו פון דער פּאָעמע, זיך ניט פאַרטיפט אין די פּראָב־

לעמען וואָס גאָרדאָן האָט באַרירט, און ניט אָנגעוויזן אויף דעם שוואונג און בריטן פאַרנעם, דעם דערציילערישן טאַלאַנט פון דיכטער, און אויף די העכסט פּאָעטישע סטראָפן און בילדער וואָס וואַרפן זיך פאַרן אויג, וואָס פרישמאַן און פרץ זייַנען שטאַרק פאַרכאַפּט געוואָרן פון זיי, און קריטיקער פון אונדזער צייט זייַנען באַגייסטערט פון זיי. זיין צוגאַנג איז דורכאויס נעגאַטיוו. די זעלבע חסרונות וואָס ער האָט אָנגעוויזן אין „חנה", געפינט ער אויך אין בת־שוע. אָט די „יידישע פרוי וואָס אונדזער דיכטער האָט איר מיט אַ באַזונדערער לייַדנשאַפט געשילדערט און זיין פולע גייסטרייַכקייט אין איר אַרייַנגעטאָן", ווי ער שרייבט, און גיט צו: „לאָמיר זעען ווי אַזוי דער דיכטער האָט איר נשמה פאַרשטאַנען, איר האַרץ באַנומען". ברענגט ציטאַטעס, און ווייזט אויף, אַז פון גאָרדאָנס שילדערונגען קאָן מען ניט האָבן אַ באַגריף פון בת־שועס שיינקייט, כאַראַקטער און אייגנשאַפטן, און מען מוז אים גלויבן אויפן וואָרט.

בריינינס קריטישער צוטריט צו דער פּאָעמע איז אי פון עסטעטיש־קינסטלע־רישער און אי פון פסיכאָלאָגישער אויפפאַסונג.

פון בריינינס אַנאַליז קומט אויס אַז גאָרדאָן איז קיין פסיכאָלאָג ניט געווען, ער האָט ניט פאַרשטאַנען די קעגנזאַץ־כאַראַקטערן צווישן בת־שוען און איר מאַן. זיינען אפשר אָט די קעגנזאַצן אַן אונטערשייד פון טעמפּעראַמענט: רעכנט אויס אַלץ וואָס וואָלט דורך די דריי יאָר זיכער פאָרגעקומען צווישן זיי.

בריינין רעכנט אויס פיל זאַכן און שטריטן, וואָס וואָלטן צווישן פאַרפאַלק פאָרגעקומען, און אין דער פּאָעמע געפינט זיך אפילו קיין רמז ניט פון דעם. גאָרדאָן ווייסט נאָר צו דערציילן אַז די גאַנצע צייט האָט בת־שוע „געטראָגן, געבאָרן און געזייגט קינדער און הלל האָט געדאַוונט און געלערנט". ער ברענגט ראיות, אַז גאָרדאָן איז ניט געווען קיין פסיכאָלאָג און אַ דיכטער מיט פאַנטאַזיע אַרייַנצודרינגען אין די נשמות פון זיינע העלדן.

בריינין שרייבט: „גרויסע דיכטער דרינגען אַריין אויך אין דעם אינערלעכן לעבן פון בלינדן, טויבן און שטומען און געפינען ביי זיי גאַנצע וועלטן; אויך צווישן אַרבעטער, וואָס גראָבן אין די בערג, וואָס זייער לעבן גייט ביי זיי אַוועק אין גראָבן די טיפענישן פון דער ערד און זעען ניט דעם שיין פון ליכט, און זיינען אָפט הונגע־ריק — אויך צווישן זיי געפינען אמתע פּאָעטן נשמה און האַרץ עמפינדלעכקייט, ליבע און האַס, פאַרצווייפלונג און האָפענונג, בענקעניש און לייַדנשאַפט". בריינין ברענגט אַ באַווייז פון דעם סאָציאָלאָג מאַקס מילערס אַ דערציילונג וועגן ליבע־גע־פילן ביי ווילד־פרימיטיווע שבטים אין אַפריקע, און פרעגט: „הייתכן אַז הלל איז דורך די גאַנצע דריי יאָר ניט נתפעל געוואָרן פון זיין ווייבס שיינקייט און מעלות, ווי גאָרדאָן שילדערט איר?"

בריינינס פסיכאָלאָגישער אַנאַליז און טענות וואָלטן אפשר געהאַט אַ ממשות, ווען עס וואָלט זיך געהאַנדלט וועגן אַ מאָדערנעם אייראָפּייאישן ראָמאַן, און ניט אַ פּאָעמע, וואָס שילדערט דאָס יידישע לעבן אין ליטע אין 60־70קער יאָרן, און מיט אַ סאָציאַלן מאָטיוו דערצו. בריינין אַליין איז זיך סותר, ווייל פריער שרייבט ער, אַז גאָרדאָן האָט גוט געקאַנט די יידישע פרוי אין תחום המושב, און „אַז ער

האָט געשילדערט אין דער צווייטער עפּאָכע פון זײַן פּאָעטישן שאַפן". ווי ווײַט גאָרדאָן איז געווען פּסיכאָלאָג צי ניט, אין „קוצו של יוד" איז ער פּסיכאָלאָגיש אויסגעהאַלטן, כאָטש ער האָט זיך ניט געגריבלט אין די נשמות פון זײַנע העלדן, לויט ברײַנינס פאָדערונגען. בת־שוע איז ניט אַ באַזונדער טיפּ פרוי, מיט באַזונדערע אײגנשאַפטן און אַ באַזונדער פּסיכאָלאָגיע, זי איז די פאַרקערפּערונג פון דער יידישער פרוי בכלל. „דאָס איז די לעבנס־געשיכטע פון דער וואונדער־שיינער בת־שוע", ענדיקט דער דיכטער דעם ברויזנדיקן פּראָלאָג אין וועלכן ער שילדערט מיט האַרץ די טרויעריקע לאַגע פון דער יידישער פרוי בכלל.

גאָרדאָן האָט בת־שוען געשילדערט מיט גרויס צערטלעכקייט און רחמנות. ער האָט אייגנטלעך געשילדערט אַן אַלגעמיין בילד פון דער יידישער פרוי און איר קרוודע און באַליידיקונג אין דער פּאָעמע זיך אָנגענומען; ער האָט בת־שוס לאַגע רירנדיק געשילדערט און אירע צרות דערציילט, און דערביי אָנגעוויזן אויף די סיבות וואָס האָבן געבראַכט דורכגעווייקטע טרערן, אירע צרות און דערציילט, אַזוי אַז ביז אים האָט קיינער ניט אַרויסגעבראַכט די ביטערע מערכה פון דער יידישער פרוי אין אַזאַ פּאַטאָס און ברויז. ער האָט אין געשמידטע פערזן און רירנ־דיקע בילדער געמאָלט איר רעככט. דער דיכטער איז אָנגעזאָפּט מיט טרערן און פול מיט רחמנות צו בת־שוען, און צו דער זעלבער צייט פול מיט בייסיקער סאַ־טירע און שנײַדנדיקער קריטיק אויף די יעניקע וואָס האָבן פאַרפינצטערט איר לעבן און געבראַכט די אומגליקן אויף איר, צי דאָס איז איר מאַן הלל, צי דער רב דער אכזר, ופסי הכוזרי. ער האָט צו שטאַרק פאַרשוואַרצט דעם רב (אין וועלכן עס איז געשילדערט דער שאווועלער רב, ר' יוסף זכריה שטערן), און אחד־העם האָט ריכטיק באַמערקט, אַז שולדיק אין דער טראַגעדיע איז ניט דער רב, נאָר וואָס מיר זײַנען געוואָרן אַן „עם הספר", אַ פאָלק וואָס איז געבונדן צום געזעץ פון ספר, און בשעת „ער האָט געפּסלט דעם גט איז ער געווען פול מיט רחמנות צו דער אומגליקלעכער", איז אָבער געבונדן צום דין, אַזוי אַז אַלע עמאָציעס און געפילן ווערן פאַררוקט און בטל פאַרן „פּינטעלע פון אַ ייד".

און ריכטיק באַמערקט אויך יהל"ל אין זײַן קריטיק אויף ברײַנינס קריטיק: „מיר באַדאַרפן ניט אַרײַנגיין אין וויכוחים מיט דעם דיכטער וועגן איינצלהייטן, וואָס פיל פון זיי זײַנען כלל ניט ריכטיק, אָבער ניט זיי זײַנען דער עיקר, און וואָס דער דיכטער האָט געהאַלטן פאַרן עיקר דאָס האָט ער געמאָלן, ווי אַ קינסטלער און אַן אמתער דיכטער, וואָס פאַר אים איז קיין גלייכן ניט געווען צו אים".

פון „קוצו של יוד" איז ברײַנין אַריבער צו דער פּאָעמע „שומרת יבם", אויך אַ טראַגעדיע־שילדערונג פון אַ יונגער צוויי־און־צוואַנציק יאָריקער פרוי, וואָס לעבט גליקלעך מיט איר מאַן; טייבל איז איר נאָמען און אויך איר מאַן הייסט יונה. און ווי „צוויי טויבן אין נעסט האָבן זיי פון ליבעס־קוואַל פרייד געשעפּט און גע־נאָסן פון ליבע". ער איז אָבער יונגערהייט געשטאָרבן, ניט איבערלאָזנדיק איר קיין קינד, און אין דער זעלביקער צייט האָט זײַן מוטער אויף דער עלטער אַ קינד געבוירן. אַזוי אַז די יונגע ווייבל וועט מוזן וואַרטן ביז דאָס קינד וועט אויסוואַקסן און איר געבן חליצה. אין אַזאַ פאַל האָט דער יידישער דין אַזאַ עצה, די פרוי באַ־

קומט פון שטאַרבנדיקן מאַן אַ גט. ניט לייכט האָט די ווייב געפּועלט ביי זיך איינ־צושטימען אויף דעם און ניט לייכט איז געווען צו רעדן מיטן גוססדיקן מאַן ער זאָל איר געבן דעם גט, אָבער ווען זיין אייגענע מוטער האָט אים דערקלערט זיין לאַגע, האָט ער מסכים געווען צו דעם, אָבער דער קאַזיאַנער ראַבינער האָט געפאָדערט צוואַנציק רובל באַצאָלט פאַר פאַרשרייבן דעם גט אָפיציעל אין מעטריקן־בוך, האָט געפאָדערט תיכף ומיד אים געבן דאָס געלט, איז דערווייל דער קראַנ־קער אויסגעגאַנגען, און די יונגע פרוי האָט יאָרן אָפּגעשמאַכט ביז זי האָט גע־קענט באַקומען חליצה.

עס איז אַ טראַגעדיע וואָס האָט אויך צו טאָן מיט אַ גט, אָבער דאָ איז ניט דער יידישער דין שולדיק און ניט דער רב דער מחמיר איז דער גורם, נאָר דער פרייער געשטודירטער ראַבינער, וואָס גאָרדאָן שפּאָט אים אויס, שטעלט אים מיט ביסנדיקער סאַטירע אַרויס צו שאַנד. די טענדענץ איז אין דער דאָזיקער פּאָעמע ניט אַזוי בולעט, זי ווערט פאַרטונקלט פון דער קינסטלערישער פאָלקאָמענהייט און פּאָעטישער בילדלעכקייט, אַזוי אַז פּרק האָט אַ באַגייסטערטער אויסגעשריגן: „שומרת יבם' איז דורכאויס בילד". דער גאַנצער חליצה־ענין ווערט אַ נעבן־זאַך און דער עיקר זיינען די שילדערונגען פון קראַנקן מאַן וואָס ראַנגלט זיך מיטן לעבן, די פּלעשלעך מעדיצינען וואָס זיינען פול אין יעדן ווינקל פון הויז, דאָס ווייב, וואָס זיצט שוין די זיבעטע וואָך ביים מאַנס בעט; זיצט שטיל, איר פּנים ווי קאַלך, די אויגן ווי בלוט, עסט ניט און שלאָפט ניט, רוט ניט אַ מינוט, אַליין אויסגעמוטשעט באַדינט זי דעם קראַנקן מאַן און קיין זאַך איז ניט שווער פאַר איר צו ראַטעווען אים. ווי אַ יידישע טאָכטער ווייסט זי איר פליכט צו זיין איבערגעגעבן צום מאַן. אָט די צאַרטקייט און טריהייט, אָט די טראַגעדיע וואָס דער טויט צעשיידט דעם פאַרליבטן און איבערגעגעבענעם פּאָרל, האָט גאָרדאָן אַרויסגעבראַכט מער ווי די טראַגעדיע וואָס זי וועט דאַרפן וואַרטן אויף חליצה. בריינין ווייזט אויף, אַז אַזאַ רב איז אַ זעלטנהייט אפילו צווישן די וואָס האָבן געענדיקט דעם ראַבינער־אינ־סטיטוט, און זאָגט אַז „דער וויץ איז שיין, באַוווירצט מיט פעפער, און אַזאַ ליד האַלטן אונדזערע לייענער פאַר דערהויבענע פּאָעזיע". ער באַטאָנט, אַז „אויך היינט איז נויטיק אויפצוקלערן, אַז אַזאַ שיר ווי „שומרת יבם" איז ניט מער ווי געגראַמטע מליצה און וויצן". אַן ענלעכע דערקלערונג מאַכט ער אויך וועגן זיינע נאַטור־לי־דער: „לייענענדיק גאָרדאָנס נאַטור־לידער קומט ניט וועלנדיק אַרויף אויף אונדזער געדאַנק צונצס ווערטל: די יידישע ליריק איז פילאָסאָפיע (אדון עולם) און זייערע תפילות — לאָגיק (רבי ישמעאלס רייד וועגן שלש עשרה מידות)".

גאָרדאָן דער דיכטער האָט שלעכט אָפּגעשניטן ביי בריינינען, אָבער אויך דער פּראָזע־שרייבער איז אַרויס אַ צעקאַליעטשעטער. עס איז אַ קוריאָז, בריינין אַליין האָט עטלעכע מאָל זיך דערקלערט ווי גאָרדאָנס אַ תלמיד בנוגע סטיל, און גאָרדאָן איז ווירקלעך אַ מייסטער געווען אין פּראָזע, האָט פאַר מענדעלען שוין גענומען שרייבן אָט דעם היינטיקן מאָדערנעם העברייאישן סטיל, אָבער בריינין שטעלט אים אַרויס ווי אַ מליץ און פּראָזעלאָג, אין אידיאָם און אין אויפנעמען די שיינקייט, ווייכקייט און ניואַנסן פון דער שפּראַך. אין דעם ווידערשפּרעכט זיך בריינין, און

די ציטאַטעס פון גאָרדאָנס פעליעטאָנען לײקענען אָפּ זײן מײנונג. ער שטעלט זיך ברײט אָפּ אױף גאָרדאָן דעם פובליציסט און רעדאַקטאָר פון „המליץ", און דעם אײנציקן שבח װאָס ער קען זאָגן װעגן אים, איז װאָס ער האָט זיך באַצױגן ערנסט און מיט רעספּעקט צו שרײבער, האָט ניט דערלאָזן זײ זאָלן באַװאָלט װערן, האָט דערמוטיקט יונגע שרײבער, געלערנט זײ און גערן געדרוקט זײ.

*
**

ברײנינס קריטיק אױף גאָרדאָנען איז געװען אַ געװאַגטער שריט. ביז אים האָט קײן שרײבער זיך ניט דערלױבט אַזױ צו שרײבן װעגן דיכטער. ליליענבלום האָט קריטיקירט גאָרדאָנס אידײען, אָבער װעגן די שירים און דעם דיכטער גופא האָט ער אַ הױכע מײנונג. אָנהײב פון זײן קריטיק שרײבט ער: „דער דאָזיקער דיכטער אונדזערער איז ניט אומזיסט באַליבט בײם פובליקום. אין די לידער פון פריערדיקע פּאָעטן דאַרף מען זוכן אַ גוט ליד, בשעת גאָרדאָנס שירים זײנען כמעט אַלע שײן". ברענגנדיק אַ סטראָפע פון שיר „אשקא דריספק", װעלכן ברײנין האָט מבטל געװען און קײן שום טעם ניט געפונען אין אים, שרײבט ליליענבלום: „צי האָט אונדזער פובליקום ביז גאָרדאָנען געלײענט אַזאַ שיר?" דאָך האָט ליליענבלומס קרי־טיק שטאַרק דערצאָרנט פרישמאַנען, װעלכער האָט אָנגעשריבן אַ קעגן־קריטיק. װען פרישמאַן האָט שאַרף אָנגעגריפן גאָרדאָנען פאַר זײן פּאָזיטיװער שטעלונג צו חיבת ציון און נאַציאָנאַליזם, האָבן דר. ש. בערנפעלד און דר. י. קאַמינער פאַרטײדיקט דעם דיכטער מיט אַרטיקלען אין „הצפירה". פרישמאַן װידער האָט גאָרדאָנס גרױס־קײט װי אַ דיכטער ניט געמינערט. „איך האָב געשריבן גוטס אױף יל"גן — שרײבט ער אין זײן ענטפער צו בערנפעלדן — און איך האָב ביז הײנטיקן טאָג קײן חרטה ניט אױף דעם. יל"ג איז בײ מיר שטענדיק געװען דער אױסדערװײלטער ײדישער דיכטער, װאָס האָט קײן גלײכן ניט בײ אונדז, אפשר װעל איך מיכ"לן שטעלן עפּעס העכער פון אים". און דאָ קומט ברײנין מיט אַ פאַרניכטנדיקער קריטיק, רײסט אַרונטער דעם דיכטער און פאַרלײקנט זײן פּאָעטישן טאַלאַנט אינגאַנצן.

עס האָט זיך דעמאָלט געמערקט אַ טענדענץ, אַ געװיסער אָפּנױג פון גאָרדאָנס טענדענציעזע לידער, און אחד־העם אין פּראָגראַם פון „השלח", װאָס איז געדרוקט אין ערשטן העפט, אין װעלכן עס איז אױך געדרוקט דער אָנהײב פון ברײנינס אַר־טיקל באַמערקט דאָס, און זאָגט אַז אפשר װעט ער װײניק שירים געבן אין „השלח", באַטאָנענדיק: „װײל די מערסטע פון אונדזערע הײנטיקע דיכטער גײען ניט אין יל"גס װעג, צו פאַראײניקן די פּאָעזיע מיטן דענקען װעגן אונדזער לעבן און פילע געברױכן אונדזערע. און פּאָעזיע אַלײן, השתפכות הנפש װעגן נאַטור־שײנקײט און זיסקײט פון ליבע און דאָס גלײכן — זאָלן אונדזערע בחורים זוכן אין ליטעראַ־טור פון אַנדערע שפּראַכן און װעלן אין אַ געניגנדיקער מאָס געפינען". אין מיטן די נײנציקער יאָרן איז די העברעיִשע ליטעראַטור פאַרפלײצט געװאָרן מיט ליבע־לידער, לירישע און עראָטישע, די מערסטע — פּאָעטיש שװאַך, אַ נאָכמאַכונג פון הײנע און אַנדערע דיכטער. אױך ליליענבלום איז שאַרף אַרױסגעטראָטן קעגן דער

ליבע־לידער מגפה אין זיין אַרטיקל „דברי זמר", וואָס איז געדרוקט אין „לוח אחיאסף".

בריינין האָט מיט דעם קיין שייכות ניט געהאַט. ער האָט דעמאָלט בכלל ניט איבעריק אינטערעסירט זיך מיט דער מאָדערנער העברעיאישער פּאָעזיע. מיט זיין קריטיק איז ער אויסן געווען דעם גאָרדאָן־קולט צו צעשטערן. עס איז ניט געווען אַ רעוויזיע פון גאָרדאָנס שאַפונגען, ווייל עס איז נאָך צו פרי געווען אַזאַ רעוויזיע צו מאַכן. עס איז ריכטיקער געווען אַ פּאַרמעסט אַרונטערנידערן גאָרדאָנען פון זיין הויך און אַרונטערזעצן אים פון זיין פּאָעטישן פּעדעסטאַל. אויב איר ווילט — האָט ער געשפּילט די ראָל פון אַ געטער־ברעכער. אפשר האָט ער אין דעם געפּרואווט נאָכמאַכן פרישמאַנען, וואָס האָט אין זיין יוגנט אַרונטערגעריסן סמאָלענסקינען, דעם גאָט פון די משכילים און דער יוגנט אין די זיבעציקער און אַכציקער יאָרן, אָבער פרישמאַן האָט סמאָלענסקינס גרויסקייט ווי אַ שרייבער ניט פאַרקלענערט, ווי בריינין האָט געטאָן צו גאָרדאָנען. אין יענער צייט איז בריינין אַרויס אויך קעגן פרישמאַנען און זיין אויטאָריטעט ווי אַ קריטיקער געוואָלט צעשמעטערן. עפּעס אַן אומצופרידנקייט האָט בריינינען געריצט, עפּעס האָט ער געזוכט, ער האָט דאָס ניט געפונען ביי ביאַליקן וואָס איז געגאַנגען אין גאָרדאָנס פוסטריט און אויך ניט אין פּרצס לידער. ער האָט אָבער געוואָלט אַז אין דער העברעיאישער פּאָעזיע זאָל קומען אַ שינוי. אין זיין אַרטיקל וועגן גאָרדאָנען האָט ער דאָס באַמערקט, אָבער ניט ווי געהעריק אַרויסגעבראַכט. ער האָט אין זיין אַרטיקל באַוויזן טאַלאַנט, אָבער צום דיכטער איז ער ניט גערעכט געווען. ער איז צו איינזייטיק געווען און צופיל האָט ער געזוכט אַרויסברענגען שוואַכע שטעלן אין גאָרדאָנס ליריק, ניט אָפּשטעלן זיך אויף גאָרדאָן דעם עפּיקער, דער דיכטער פון יידישער מאַרטירלאָגיע, סאַטיריקער און פאַבל־שרייבער. עס עקזיסטירן ניט פאַר אים אַזעלכע לידער ווי "בין שיני אריות", „במצולות ים", „צדקיהו בבית הפקדות", „דוד וברזילי" און „אסנת בת פוטיפרע", וואָס אָן זיי און פיל אַנדערע קאָן מען גאָרניט צוטרעטן צו גאָרדאָנס אָפּשאַצונג. אין „אסנת בת פוטיפרע" האָט גאָרדאָן מייסטערהאַפט אַרויסגעבראַכט זליכהס ווייבערשן רייץ, און הייסע ליבע צו יוספן, קנאה און שנאה. עס איז אַ פּלאַסטיש קונסט־ווערק, און די פּאָעמע אַליין ווייזט, אַז דער ענין ליבע איז גאָרדאָנען ניט אַזוי פרעמד געווען. אין זיינע ביבלישע פּאָעמעס געפינען זיך קאָלאָסאַלע נאַטור־בילדער. גענוג צו דערמאָנען די באַלאַדע „דוד וברזילי". אויך די אידיליע „ושמחת בחגיך" האָט פיינע נאַטור־שילדערונג. זי באַזיצט אויך פאָלקסטימלעכן חן. ניט אומזיסט האָט זי פאַרכאַפּט פּרצן, און אין זיין פּאָלעמיק מיט בריינינען וועגן גאָרדאָן שטעלט ער זי אַרויס ווי אַ מוסטער און ברענגט גאַנצע סטראָפן פון איר.

בריינין האָט אויך אונטערשאַצט גאָרדאָנס פּובליציסטיק. ער האָט אַרויסגעכאַפּט ציטאַטן פון עטלעכע ניט געלונגענע מאמרים אין „המליץ" פון סוף אַכציקער יאָרן, אָבער האָט ניט דערמאָנט זיינע אַרטיקלען סוף זעכציקער און אָנהייב זיבעציקער יאָרן, וואָס זיינען געשריבן מיט אַ געזונטער לאָגיק, טעמפּעראַמענט, פּאַטאָס און שאַרפער סאַטירע. גאָרדאָן, האָט ווי אַ פּובליציסט מוטיק געקעמפט פאַר זיינע אידייען, און זיינע אַרטיקלען האָבן אַ געוואַלטיקן רושם געמאַכט. בריינין האָט

באַרירט גאָרדאָנס וואַקלענדיקע שטעלונג צום ישוב ארץ־ישראל, האָט אָבער ניט דערמאָנט זיין אַרטיקל אין „השחר" אָנהייב זיבעציקער יאָרן אין וועלכן ער ווייזט זיך אַרויס ווי אַ נאַציאָנאַליסט און ציוניסט, אין זיינע אַרטיקלען „על גאולתנו ופדות נפשנו" און „עזרא ועזרה", געדרוקט אָנהייב אַכציקער יאָרן אין „המליץ", וואָס אין זיי האָט ער מקדים געווען אחד־העמען מיט דעם געדאַנק פון מרכז רוחני אין ארץ־ישראל. בריינין האָט אויך ניט אַוועקגעשטעלט גאָרדאָנען אין די ראַמען פון זיין צייט, און די עפּאָכעס וואָס זיינע שירים זיינען געשריבן, וואָס איז נויטיק צו פאַרשטיין זיין פּאָעטישע אַנטוויקלונג, זיינע אָנשויאונגען און אידייען, און זיין פּאָעטישן אני מאמין בכלל. בריינינס אַרטיקל האָט אַ סך שוואַכע פּונקטן, אָבער ער האָט אין זיין צייט אַ גרויסן רושם געמאַכט און אַרויסגערופן אַ פּאָלעמיק. בערנפעלד, י. ל. פּרץ און נאָך פיל שרייבער האָבן רעאַגירט אויף דעם אַרטיקל. אויך אין אונדזער צייט מערקט זיך נאָך אַן אָפּקלאַנג פון דער דאָזיקער פּאָלעמיק.

ווענן דעם וועל איך שרייבן אַ באַזונדער אַרטיקל.

הערות

1) בריינין האָט דאָ אַרויסגענומען אַ פּאָר ווערטער פון אַ זאַץ. גאָרדאָנס כוונה איז אַ גאַנץ אַנדערע. אין 1858 ווייזט ער אָן אין אַ בריוו צו זיין פריינט און שפּעטערדיקן מחותן, דעם דיכטער זאב וואָלף קאַפּלאַן, אויף פעלערן אין זיינע שירים, און עצהט אים ווי אויסצובעסערן. ער גיט צו: „אויב די פּראָזע־שרייבער טרעטן אויף אַזעלכע עברות מיט זייערע טריט, דאַרף מען זיי ניט פאַרענטפערן. זיי זיינען פאַרברעכער אין דעם; בפרט דיכטער, וואָס זייערע אותיות זיינען מנוקד און וואָס זייער שפּראַך באַדאַרף זיין געזיפּט מיט דרייצן זיפּן ריין פון יעדן פלעק אין דקדוק גרייז". ער ציטירט די ווערטער ווענן אד"מען, וואָס בריינין ברענגט, און גיט צו: „ניט ווי דער פאַרשטאָרבענער ר' מ. א. גינצבורג, וואָס האָט אויסגעבריית דעם מויל פון זיין פּען און האָט זיין שלונג אויסגעלערנט שלינגען גרויסע גראַמאַטיקאַלישע פעלערן און זיי זיינען ניט געבליבן שטעקן אין זיין גאָרגל". דאָ זעט מען גאָרדאָנס ערנסטן צוגאַנג צו דער שפּראַך, און ניט ווייל ער כאַפּט התפעלות פון אדמ"ס קענען דקדוק. ער קריטיקירט גינצבורגס נאַכלעסיקייט אין דקדוק... אינטערעסאַנט איז, אַז אין 1869 האָט גאָרדאָן אַרויסגעטראָגן אַ ניט־גינסטיקע מיינונג ווענן אד"מען ווי אַ דיכטער, געהאַט כמעט די זעלבע מיינונג ווי בריינין ווענן גאָרדאָנען.

2) דער יונג פאַרשטאָרבענער דיכטער מרדכי צבי מאנע, דערמאָנט אין אַן עסיי „העינים וחכמת הפרצוף" דיכטער (היינע, וועלטמאַן, קאָלצאָוו, בייראָן און אַנדערע), וואָס האָבן אין זייערע לידער באַזונגען שוואַרצע אָדער בלויע אויגן, שרייבט: „אונדזער דיכטער יהודה ליב גאָרדאָן רימט בלויע אויגן, נאָכן געשמאַק פון נאָרדישע דיכטער". און ברענגט אַ ראיה פון גאָרדאָנס ליד „אסנת בת פּוטיפרע".

3) זע סמאָלענסקינס בריוו צו גאָרדאָנען און דר. ג. אלקושעס בוך „צרור איגרות של פּרץ סמולנסקין אל יהודה ליב", ז"ז 55, 28־27.

4) געבראַכט אין „בריוו און רעדעס פון י. ל. פּרץ", פון נחמן מייזיל, ניו־יאָרק, 1944, ז"ז 33־31.

5) אַדאַנק דעם „קוצו של יוד" רופט דובנאָוו אויך אָן גאָרדאָנען „נאַציאָנאַלער דיכטער". זע ווענן דעם ליליענבלומס באַמערקונג אין זיין „בקורת לכל שירי יהודה ליב גאָרדאָן" אין „מליץ אחד מני אלף", 1884, ז"ז 27־26.

6) אין י. י. לינעצקי — י. י. שוואַרצס איבערזעצונג „העברייאישע פּאָעזיע", 1942, ז"ז 296.

מ. אונגערפעלד (תל־אביב)

ראובן ברײַנין און חיים נחמן ביאַליק און זייער בריוו־אויסטויש

א.

פון דעם בריוו־אויסטויש צווישן ראובן ברײַנין און חיים נחמן ביאַליק (וואָס פון ערשטן בריוו, געשריבן אין 1894, און לעצטן, געשריבן אין 1929 איז אַ צייט־מהלך פון 35 יאָר) זיינען אויפגעהיט געוואָרן בלויז אַכט, דריי בריוו פון ביאַליקן צו ברײַנינען און פינף בריוו פון ר. ברײַנין צו ח. נ. ביאַליק.

ווען ראובן ברײַנין האָט אין יאָר 1894 אָנגעהויבן אַרויסצוגעבן אין ווין זיין פּערטל־יאָר־שריפט „ממזרח וממערב", האָט אים דער איין־און־צוואַנציק־יאָריקער חיים נחמן ביאַליק צוגעשיקט דורך זיין, ביאַליקס, יוגנט־פריינט, נאַראַדיצקי פון זשיטאָמיר, אייניקע העברייאישע שירים. ראובן ברײַנין האָט אָפּגעדרוקט אינעם ערשטן העפט פון זיין שריפט דעם שיר „שירת ישראל" און אין דעם צווייטן העפט — די שירים „ברכת עם", „רחוב היהודים", „ותנפנף החסידה". ר. ברײַנין האָט, ווי עס איז געווען זיין שטייגער, זיך שטאַרק באַגייסטערט מיט די שירים, וואָס דער זשיטאָמירער יונגערמאַן האָט אים צוגעשיקט. ער האָט געשריבן צו אים: „... איך האָב קיינמאָל נישט געלייענט אַזעלכע שירים, זיי זיינען העכער פון יעדן לויב און געזאַנג".

די דאָזיקע עטלעכע שירים האָט ח. נ. ביאַליק דערנאָך אַריינגענומען אין זיין ערשטן לידער־בוך, וואָס איז דערשינען אין יאָר 1901, אינעם וואַרשעווער פאַרלאַג „תושיה". ער האָט זיי פאַרעפנטלעכט אָן די אויסבעסערונגען־ענדערונגען, וואָס ראובן ברײַנין האָט אין זיי געמאַכט. אין דער צווייטער לידער־זאַמלונג, אַרויסגעגעבן אין יאָר 1908, האָט ביאַליק אַרויסגעלאָזט די שירים, וואָס ברײַנין האָט זיי אַזוי שטאַרק געלויבט, ווי ער האָט אויך אויסגעלאָזט נאָך אייניקע פון זיינע לידער.

אין דעם בריוו, וואָס ביאַליק האָט געשיקט צו ברײַנינען מיט די שירים, האָט ער געשריבן, אַז ער וויל זיך באַראָטן מיט אים וועגן דער פּאָעמע „המתמיד", וואָס ער האָט דאַן געהאַלטן אין שרייבן. זעט אויס, אַז ער האָט זיך דאַן גערעכנט מיט דער מיינונג און געשמאַק פון ראובן ברײַנין, וועלכער איז געווען עלטער פון אים אויף אַ 11 יאָר און איז שוין געווען גוט באַקאַנט אין דער ליטעראַרישער וועלט... ווען ס'איז דערשינען דאָס ערשטע העפט פון „ממזרח וממערב", האָט ביאַליק אויסגעדריקט אומצופרידנקייט און געהאַט טענות צום רעדאַקטאָר פון דער שריפט. אין אַ בריוו, געשריבן צו י. ח. רבניצקי, כ"ז אב תרנ"ד (1894), זאָגט ער צווישן אַנדערן: „דאָס ערשטע העפט פון 'ממזרח וממערב' האָט אויף מיר נישט געמאַכט קיין גוטן איינדרוק... אַ סך נאַרישקייטן און שטרוי זיינען דאָרט אַריינגענומען געוואָרן..."

װען ח. נ. ביאַליק איז צוגעטראָטן אין יאָר 1907 װידער צו רעדאַקטירן אין װאַרשע דעם בעלעטריסטישן טײל פון „השלח״, װאָס אחד העם האָט פריער רע־דאַקטירט, האָט ער זיך געװענדט צו ר. ברײַנין, מיט דער בקשה זיך צו באַטײליקן אין דעם זשורנאַל. ר. ברײַנין האָט אים געהאַט צוגעזאָגט צוצושיקן עפּעס, אָבער ער האָט, װײַזט אױס, נישט געהאַלטן קײן װאָרט, און אפשר האָט ער יאָ עפּעס צוגעשיקט, נאָר ביאַליק האָט עס נישט אָנגענומען. װײַל אין דער צײַט, װאָס ביאַליק האָט רעדאַקטירט דעם „השלח״, האָבן מיר נישט דאָרטן קײן זאַך פון ראובן ברײַנין. און גראָד זײַנען פאַרעפנטלעכט געװאָרן מערערע שאַפונגען פון ברײַנין אין די יאָרן, װען דער „השלח״ איז דערשינען אונטער דער רעדאַקציע פון אחד העם, — און זאַכן פון פאַרשײדענעם כאַראַקטער.

װען ראובן ברײַנין איז צוגעטראָטן צו רעדאַקטירן דעם צענטן פאַרגרעסערטן יובל־באַנד פון „לוח אחיאסף״, אין 1903, האָט אים ביאַליק צוגעשיקט זײַן באַ־רימטן שיר „עם דמדומי החמה״, װאָס איז דאָרטן פאַרעפנטלעכט געװאָרן.

ב.

ראובן ברײַנין האָט זיך צום ערשטן מאָל געטראָפן מיט ביאַליקן אין 1907, אויפן אַכטן ציוניסטישן קאָנגרעס אין האַאַג. װעגן אָט דער ערשטער באַגעגעניש און נאָענטער באַקאַנטשאַפט האָט ברײַנין געגעבן דערצײלט אין זײַן העברײאישן טאָגבוך, װאָס ער האָט געפירט אַלע יאָרן און װאו ער האָט פאַרשריבן אומדירעקט און אָפנהאַרציק זײַנע אײַנדרוקן. דער טאָגבוך איז טײלװײַז פאַרעפנטלעכט גע־װאָרן אין העברײאיש אין דריטן באַנד פון זײַנע „כל כתבי״, ניו־יאָרק 1940 (דער פראַגמענט איז אין אַ יידישער איבערזעצונג געװען אָפּגעדרוקט אין „יידישע קולטור״, 1940, נ״ב 11־12, ז״ז 58־60). מיר װעלן ברענגען אײניקע אויסצוגן, װאָס װײַזן װי ברײַנין האָט דאַן אויפגענומען דעם דיכטער און מענטש ביאַליק. ברײַנין רעדט װײניקער װעגן זײַן דיכטונג: „איך װיל בלויז פאַרצײכענען דעם אײַנדרוק, װאָס עס האָט אויף מיר געמאַכט ביאַליק דער מענטש אין משך פון די צװײ װאָכן, װאָס מיר פלעגן זיך אָפט טרעפן, צוזאַמען שפּאַצירן, שמועסן און דיסקוטירן״.

ראובן ברײַנין שרײַבט: „... איך האָב אויסגעפונען, אַז אין זײַנע אויגן ליגט פאַרבאָרגן אַ קאָנצענטרירטער כוח, נישט קײן פּאָעטישער כוח, נישט קײן נשמה־פײַער, נאָר עפּעס אַן ענערגיע, עפּעס אַן אויסדרוק, װאָס שטרײַכט שטאַרק אונטער זײַן פּערזענלעכקײט, אַ פּערזענלעכקײט, װאָס האָט אַ פעסטן װילן. און ביאַליק אינגאַנצן, מיט זײַן מיטעלן װאוקס איז װי געגאָסן און איז שטאַרק װי אַ פעלז. דערמיט איז ער ממש דער היפוך פון מיכה יוסף בערדיטשעװסקי, — בײדע זײַנען זײ נישט הויך־געװוקסיק, אָבער דער לעצטער איז מיט זײַן גוף כולו גײַסט, איז אַ סימבאָל פון רוחניותדיקײט, פון פיזישער אויסגעטאָנעקײט, דער סימבאָל פון דעקאַדענץ, און ביאַליק פאַרמאָגט אין זיך עפּעס גשמיותדיקײט, עפּעס ערדישעס פון זײַן (דערצײלונג) „אריה בעל גוף״. ער האָט אין זיך עפּעס פון אַ

פּרימיטיוון מענטשן, וואָס איז נאָענט צו דער נאַטור, און וואָס די קולטור האָט נאָך נישט באַוויזן אויסצוזויגן פון אים זיין פרישקייט און קראַפט"...

און ווייטער: „... ער פירט זיך אויף פשוט, ער בלאָזט נישט פון זיך, און איז נישט קיין גרויסהאַלטער. עס איז אין אים פאַראַן פיל נאַטירלעכקייט, און דאָס האָט מיר אימפּאָנירט... אין זיין קליידונג און אין זיין גאַנצן הילוך איז פאַראַן עפּעס פון מאַקסים גאָרקיס 'באָסיאַקעס'..."

„איך וויל דאָ פאַרצייכענען — שריבט ווייטער ראובן בריינין אין זיין טאָג־בוך — אַ פּסיכאָלאָגישע באַמערקונג, וואָס איך האָב געהערט פון ביאַליקן. איך ווייס נישט, צי דאָס איז זיינס, צי ער האָט עס געהערט פון עמעצן. יעדנפאַלס איז עס זייער אינטערעסאַנט. אָט וואָס ער האָט געזאָגט: 'אַ טאַלענטירטן שרייבער, וואָס פאַרמאָגט וויסן און איז אַ אינטעליגענטער מענטש, וועט מען דערקענען סיי אין זיינע רייד און סיי אין זיין הילוך, אַז עס איז פאַראַן אַ פאַרבינדונג צווישן זיין שרייבן און זיין וויסן. גאַנץ אַנדערש איז אָבער מיט אַ געניאַלן דיכטער. ער קאָן זיך זיין אויך אַן עם־הארץ, אָן וויסן, און עס וועט נישט זיין קיין שום פאַרבינדונג צווישן זיין געניאַליטעט און זיין עם־הארצות. די געניאַליטעט איז עפּעס אַזאַ מין כוח, וואָס שטייט אויסער אים און נאָר צייטנווייז באַהערשט ער זי'. די דאָזיקע ווערטער — זאָגט בריינין — קאָן מען אָפּפרעגן, אָבער עס איז כדאי זיך צוהערן צו זיי. און נאָך האָט ער מיר געזאָגט: 'ווען איך שרייב נישט און אַרבעט נישט אַ לענגערע צייט, פאַרליר איך גאָרנישט, וואָרום אין דער צייט פון אַרומגיין ליידיק זאַמלען זיך אָן אין מיר אינערלעכע כוחות, זיי ווערן קאָנצענטרירט און באַפעסטיקט אין מיר אַזוי שטאַרק, אַז איך פאַרדין גאָר פון מיין ליידיקגייעריי'".

בריינין דערציילט אויך, אַז ער איז געווען מיט ביאַליקן אין דעם בילדער־מוזיי אין אַמסטערדאַם. מען האָט זיך אָפּגעשטעלט ביי רעמבראַנדטס בילדער. „איך האָב געזען און זיך איבערצייגט, אַז ביאַליק באַנעמט די בילדער אויף אַן אייגנאַרטיקן אופן. גאַנץ אָפט האָט ער מיר געזאָגט, אַז עס זיינען אים ליבער אַ פּאָר גרעזלעך אין פעלד ווי די אַלע אַנטיקן אין מוזיי. מיט באַגייסטערונג האָט ביאַליק גערעדט וועגן פעלד און וואַלד. און די באַגייסטערונג איז נישט געווען קיין געמאַכטע, קיין געקינצלטע". בריינין פאַרענדיקט די פאַרצייכענונגען אין זיין טאָג־בוך, פון 15טן סעפּטעמבער 1907, מיט די ווערטער: „עס איז מיר אינטערעסאַנט — צי ח. נ. ביאַליק שטייט שוין איצט אַלס דיכטער אויף דער העכסטער מדרגה פון זיינע שאַפערישע מעגלעכקייטן, אָדער ער האַלט ערשטע ביים אָנהייב באַרג פונעם העברייאישן פּאַרנאַס, און ער וועט נאָך שטייגן און אַרויפשטייגן אויף דער העכסטער הויך. אויב דאָס זאָל געשען, וועלן מיר דעמאָלט באמת דערלעבן צו האָבן אַ גרויסן און קרעפטיקן דיכטער".

ג.

דאָס איז געווען, ווי געזאָגט, אין 1907. אין לויף פון די ווייטערדיקע עטלעכע יאָר איז אַלץ געוואַקסן דער אָנזען און דאָס אָרט פון ח. נ. ביאַליק אין דער יידישער וועלט און אין דער העברייאיש־יידישער דיכטונג.

ראובן ברײנין, װעלכער לעבט אין די יאָרן פֿונעם ערשטן װעלט־קריג אין מאָנטרעאָל, אָפּגעריסן פֿון דער גרױסער קאָכעדיקער װעלט, פֿאַראינטערעסירט זיך באַזונדערס און ספּעציעל מיט ביאַליקס שאַפֿן און ער נעמט זיך זײער ערנסט צו שטודירן אים. און נאָך מער — אין לױף פֿון אַ צװײ יאָר פֿאַרטיפֿט ער זיך אין דעם דיכטערס שאַפֿערישער װעלט. מיר זעען עס פֿון די לענגערע פֿאַרצײ־כענישן, װאָס זײנען פֿאַרעפֿנטלעכט אין דעם צװײטן באַנד העברײאישע כתבים (דערשינען אין ניו־יאָרק 1936, ז״ז 151־168). עס זײנען בלעטער (אין העברײאישן רופֿט ער זײ „דפּים מקוטעים מספרי בני דורי״ — אָפּגעריסענע בלעטער פֿון מײן בוך „מײנע מיטצײטלער״). זײ זײנען געשריבן פֿון 4טן יולי 1915 ביז 18טן מאַי 1917. עס װערן געגעבן לענגערע באַטראַכטונגען, שטימונגען, פֿאַר־שײדנערלײ געדאַנקען, מיט װעלכע ברײנין איז צוגעטראָטן צו ביאַליקן און װעלכע קומען אים אַרױף בײם שרײבן אין דער צײט, װאָס ער פֿאַרנעמט זיך דורכאױס מיטן דיכטער און מיט זײן שאַפֿונגס־װעלט. די פֿאַרצײכענישן זײנען פֿאַר זיך זײער אינטערעסאַנט, זײ ברענגען אױך אַרױס ברײנינען דעם קריטיקער און אָפּשאַצער אין אַ נײ ליכט, און זײ װײזן, װי אײגנאַרטיק ער האָט אױפֿגעפּאַסט זײן ראָל פֿון אַ קריטיקער און װי אחריותדיק ער האָט זיך געגרײט צו שרײבן װעגן ביאַליקן.

ראובן ברײנין הײבט אָן זײנע פֿאַרצײכענישן, אױף װעלכע עס זײנען געװנוי אָנגעגעבן די דאַטעס: „נאָך דעם װי איך האָב באַשלאָסן צו שרײבן אַ באַזונדערן בוך װעגן דעם משורר חיים נחמן ביאַליק, לײען איך און לײען װידער אַלץ, װאָס איז אַרױס פֿון זײן פֿעדער, סײ אין ליד, סײ אין פּראָזע. איך שאַף די מעגלעכקײט, אַז זײנע װערטער זאָלן װירקן אױף מיר מיט זײער גאַנצער קראַפֿט. און װען איך לײען איצט זײנע שאַפֿונגען, װיל איך אָפּװישן פֿון מײן זכרון אַלץ, װאָס אַנדערע האָבן געזאָגט און געשריבן װעגן אים. אַלץ האָב איך אױסגעמעקט. איך װיל נישט און דאַרף נישט זײן באַאײנפֿלוסט פֿון די פֿריערדיקע קריטיקער, סײ פֿון די פֿאַר־ערער און סײ פֿון די, װאָס פֿאַרמינערן זײן באַדײטונג... איך האָב אױך פֿאַרבאַ־האַלטן אין זיך מײנע קונסט־מיטלען, מײנע קריטיק־מעטאָדן, װאָס איך פֿלעג זיך מיט זײ באַנוצן ביז אַהער אין מײנע אַרבעטן װעגן דיכטער און דערצײלער. איך טרעט צו צו ביאַליקס לידער װי אַ פּשוטער לײענער, װעמען עס איז צופֿעליק אַרײנגעפֿאַלן אין האַנט אַ ספֿר, װאָס ער האָט װעגן זײן מחבר קײנמאָל נישט געהערט״.

די שורות האָט ברײנין געשריבן אין יולי 1915, מיט עטלעכע װאָכן שפּעטער, דעם 28טן אױגוסט, שרײבט ברײנין: „איך האַלט אין אײן לײענען ביאַליקס שירים. איך בין אים איבערגעגעבן בלב ונפש. איך בין אינגאַנצן אין זײן רשות און אונטער זײן השפּעה״.

און מיט אַ צװײ װאָכן שפּעטער פֿאַרצײכנט ברײנין: „איך האָב די לעצטע טעג אױפֿגעהערט צו לײענען װערק פֿון גרױסע נישט־ײדישע דיכטער... זײער גאָט איז נישט מײנער, זײערע טרױמען זײנען נישט מײנע. מיר דאַכט זיך איצט, אַז אין מײנע יונגע יאָרן האָב איך איבערגעטריבן זײער װערט. די אײראָ־

פייאישע קולטור ווערט איצט חרוב. זי אַליין האָט זיך אויסגעגראָבן פאַר זיך אַ קבר. און איך געפין נישט אין דער איצטיקער צייט קיין אינהאַלט, קיין דערהויבנקייט אין די שאַפונגען פון די דיכטער, זיי זיינען מיר איצט געוואָרן פרעמד... איך לייען די לעצטע טעג בלויז ביאַליקס לידער. זיי ליגן אויף מיין אַרבעט־טיש אַרום דעם תנ״ך. און אַט לייען איך אונדזערע ערשטע נביאים, די וויזיאָנערן, און אַט — דעם לעצטן נביא־וויזיאָנער... ביאַליק איז איצט מיין דיכטער... איך וויל נישט אָפּטרעטן פון אים, כ׳וויל נישט אַוועק פון זיינע צאַרטע און קרעפטיקע וויזיעס...״

עס איז געווען, דאַרף מען געדענקען, די שווערע צייט פונעם ערשטן וועלט־קריג און פון די שרעקלעכע פּורעניותן, וואָס זיינען געקומען אויף די יידישע מאַסן אין רוסלאַנד. ברייגין שרייבט דאָן: „... איך געפין זיך איצט אין דער קאַלטער קאַנאַדע, וויט פון וואָסער ס׳איז ליטעראַרישער און פּאָליטישער סביבה... פון וויטן פאַרנעם איך און פון נאָענט פיל איך, ווי אונדזער וועלט ווערט צעשטערט און ווי אונדזער אַלטע קולטור ווערט חרוב... און פון אַלע משוררים, וועלכע האָבן אויף מיר געמאַכט ווען־עס־איז אַן איינדרוק, איז פאַרבליבן איצט איין ביאַליק, ער איז דער סאַמע נאָענטסטער צו אונדזערע נביאים און וויזיאָנערן, וואָס האָבן מיך באַהערשט פון מיינע יינגסטע יאָרן ביז איצט... — — זיינע שירים זיינען געוואָרן פאַר מיר איינער פון די טיילן פון די הייליקע שריפטן (כתבי הקודש), איך לייען ביאַליקן, שנים מקרא ואחד תרגום׳, און וואָס עס איז געשריבן אין זיינע ספרים איז הייליק פאַר מיר״.

ברייגין גיט צו: „... מיר, יידן, וואָס טרינקען זיך איצט אין בלוט און וואָס ליידן אַזוי שרעקלעך פון דער וועלט־מלחמה, מער פון אַלע אַנדערע פעלקער, — מיר פאַרמאָגן אַ גרויסן משורר, אַ גרויסן וויזיאָנער. חיים נחמן ביאַליק איז זיין נאָמען״.

ברייגין האָט אין יענע יאָרן זיך געראַנגלט מיט דער השפעה פון ביאַליקן אויף אים. ער האָט אויך נישט געוואָלט פאַרזען ביאַליקס בלויזן. ער פאַרצייכנט דעם 15טן פעברואַר 1916: „פול מיט ווידערשפּרוכן און ווידעראַנאַנדן איז אונדזער דיכטער, און דאָך איז ער דער גאַנצסטער, דער פאָלקאָמסטער ביי אונדז. וואונ־דערלעך איז אונדזער פאָלק, פיל מיט היפּוכים און גלייכצייטיק אַזוי רייף און גאַנץ, און אַזוי וואונדערלעך איז אויך ער, אונדזער דיכטער... און וואָס עס פאַרמאָגט אונדזער אומה, פאַרמאָגט אויך ביאַליק. קלוגשאַפט און נאַאיוויטעט, רייפקייט און קינדישקייט, אַלטקייט, זיקנה, גלייכצייטיק מיט פרישקייט״.

דעם 2טן מאַי 1916 האָט ברייגין געשריבן אין זיינע ביאַליק־פאַרצייכענישן: „עס איז אָפן פאַר מיר ביאַליקס שירים, איך מעסט די דיסטאַנץ, וואָס איז צווישן אונדז... איך האָב געהאַט בדעה צו שרייבן אַ קריטיק איבער ביאַליקן, — און איך זינג גאָר שירה פאַר אים. זיין גייסט הערשט איבער מיר...״

און מיט אַ יאָר שפּעטער האָבן מיר אַזאַ טיף־רירנדיקן אויסדרוק: „... דיכ־

טער מײנער — דו קאָנסט אױך שװײגן, — און װי מוראדיק עס איז דײן שװײגן!... מיר זיצן און װאַרטן אױף דײן נײער שירה, — דאָס געזאַנג פון גאולה, די שירה פון װידעראױפלעבונג!...״

ד.

אַזױ האָט אױסגעזען די ביאַליק־אױפפאַסונג בײ ברײנינען אין די שװערע יאָרן פונעם ערשטן װעלט־קריג, װען ביאַליק האָט געלעבט אין אָדעס, און ברײנין אין מאָנטרעאָל... אױך ביאַליק האָט געהאַט גוטע, האַרציקע געפילן צו ברײנינען. ער האָט אַמאָל אין אַ בריװ צו אים זיך געװענדט מיט די װערטער: „טײערער ברודער, געהױבענער (נעלה) חבר!״ אגב, ביאַליק, װי אַ גרױסער פאַרערער פון יהודה לײב גאָרדאָן, האָט נישט געקאָנט מוחל זײן ברײנינען זײן אַמאָליקע שאַרפע נעגאַטיװע קריטיק פון דעם װאונדערלעכן העברעאישן משורר, װאָס ער האָט אַלעמאָל געהאַלטן אים פאַר זײן רבי און לערער...

די גוטפרײנטשאַפטלעכע באַציאונגען פון די צװײ — ברײנין און ביאַליק — זײנען צעשטערט געװאָרן, און די סיבה דערפון איז געװען אַ גאָר זײטיקער ענין, װאָס האָט אַרײנגעבראַכט אַ שאַרפן ריס צװישן זײ.

דאָס איז געװען אין יאָר 1929.

די מעשה איז גוט באַקאַנט געװען אין יענער צײט. ראובן ברײנין האָט זיך צוריקגעקערט פון אַ באַזוך אין סאָװעטנפאַרבאַנד, און אין זײנע אַרטיקלען־אײנדרוקן פון דאָרטן האָט ער נישט באַרירט די פאַרפאָלגונגען אױף די ציוניסטן און אױף דער העברעאישער שפּראַך אין סאָװעטנפאַרבאַנד. דערצו זײנען דאַן פאַרשפרײט געװאָרן טרױעריקע ידיעות װעגן אַרעסטן און פאַרשיקונגען אין לאַגערן פון ײדן פאַר זײער סימפּאַטיע צום ציוניזם און ארץ־ישראל. אױך זײנען געװען דאַן ידיעות, אַז די ײדן, װאָס האָבן געקראָגן פון זײערע קרובים אין אַמעריקע דאָלאַרן, האָבן געהאַט אױסצושטײן צרות, און די דאָלאַרן װאָס זײ האָבן געקראָגן אָפּ, געזעצלעך, זײנען קאָנפיסקירט געװאָרן, און קעגן די ײדן זײנען פאַרפירט געװאָרן פּראָצעסן...

און אַזױ װי ברײנין האָט, אין זײנע קאָרעספּאָנדענציעס, געדרוקט אין ניו־יאָרקער „טאָג״, װעגן דעם נישט איבערגעגעבן, האָט עס אַרױסגערופן גרױסע אומצופרידנקײט צװישן די ציוניסטן איבער דער װעלט און באַזונדערס — אין ארץ־ישראל. אױף אַ פאַרזאַמלונג פון שרײבער און כלל־טוער, װאָס איז אָפּגעהאַלטן געװאָרן אין תל־אביב אונטערן פאָרזיץ פון ח. נ. ביאַליק, זײנען געמאַכט געװאָרן פאַרװאורפן אױפן אָדרעס פון ר. ברײנין. עס איז אָנגענומען געװאָרן אַ שאַרפע רעזאָלוציע קעגן אים. ברײנין האָט דערױף רעאַגירט מיט אַ שאַרפן אַרטיקל אין ניו־יאָרקער „טאָג״ אונטערן נאָמען „איך קלאָג אָן מײנע ריכטער״. זײן טענה איז געװען, הלמאי מען האָט אַרױסגעטראָגן אַן אורטײל קעגן אים אין זײן אָפּװעזנקײט, אײדער מען האָט אים פּערזענלעך אױסגעהערט און אױפגענומען זײנע תשובות אױף די פאָרװאורפן.

אין חודש סעפּטעמבער 1929 זײנען געװען אין בערלין בײדע — ברײנין און ביאַליק. דעמאָלט האָט ביאַליק זיך געװענדט צו ראובן ברײנין מיט אַ פאָרשלאָג

אויפצוקלערן דעם סכסוך אין דער עפנטלעכקייט, און איבערגעבן עס צום ערן־געריכט פונעם ציוניסטישן קאָנגרעס. ר. בריינין איז דערויף איינגעגאַנגען און געבראַכט די אָנקלאָגע צום פאָרזיצער פונעם ערן־געריכט דר. ס. גראָנעמאַן. די פאַרהאַנדלונגען פונעם געריכט האָבן געדויערט עטלעכע טעג, עס זיינען אויסגע־הערט געוואָרן עדות, און לסוף איז ח. נ. ביאַליק פריי געשפּראָכן געוואָרן, מען האָט נישט איינגעזען, אַז ער איז באַגאַנגען אַן עוולה מיט דער באַשולדיקונג קעגן ראובן בריינינ...

וועגן דעם משפט גופא און די אַלע פּרטים איז אין זיין צייט פיל געשריבן גע־וואָרן אין דער פּרעסע. עס האָט ניט קיין דירעקטע שייכות צו אונדזער דאָזיקער אָפּהאַנדלונג.

ה.

מיר ברענגען וויטער דעם בריוו־אויסטויש צווישן ראובן בריינין און ח. נ. ביאַליק (איבערזעצט פון אין העברייאיש):

בריוו פון ראובן בריינין צו חיים נחמן ביאַליק

1.

ווין, דעם 28טן מערץ 1894.

מיין געערטער הער, שלום!

איך בעט אייך, מיר מוחל זיין פאַר מיין פאַרשפּעטיקטער תשובה. איך בין געווען מער ווי צוויי וואָכן קראַנק און אַז כ׳בין געזונט געוואָרן, האָב איך געמוזט זיך אַריבערציען אויף אַן אַנדער דירה. און דערפאַר האָט זיך אַ ביסל פאַרשפּע־טיקט דאָס דרוקן פונעם צווייטן העפט. אייערע שירים, וואָס איר האָט געשיקט צו מיר דורך ה׳ נאַראַדיצקי, האָב איך באַקומען. איך האָב זיי געלייענט און זיי זיינען מיר וואויל געפעלן. עס פעלן מיר אויס ווערטער אויסצודריקן אייך מיין התפעלות. איך וועל נישט איבערטרייבן, ווען איך וועל אייך זאָגן, דאָס קיינמאָל האָב איך נישט געלייענט אין העברייאיש אַזעלכע דערהויבענע לידער. זיי זיינען העכער פון יעדן לויב און געזאַנג. אייער אויסגעצייכנטן שיר ״רחוב היהודים״ האָב איך אַריינגעגעבן אין צווייטן העפט. איך וועל נישט פאַרמינערן אייער שכר (לוין). איך ווייס, ווי צו שאַצן אייער טאַלאַנט און אייער שאַפן. אייער ליד „ותנפנף החסידה״ איז שוין אויסגעזעצט געוואָרן און איך האָב עס אייך אַרויסגעשיקט. איך בין גרייט מיט מיין גאַנצן האַרצן אייך צו געבן אַן עצה איבער דער פּאָעמע, וואָס איר שרייבט איצט, און אייך ענטפערן אויף אַלע פראַגן. דאָס מאָל שרייב איך זייער קורץ; אָבער איך וועל אייך נאָך שרייבן באריכות. דערלויבט מיר צו פאַר־ריכטן (אין די שירים) אַ פּאָר גרייזן, וואָס אייער פעדער האָט אַדורכגעלאָזט.

איך פאַרער אייך און איך שעץ אייך זייער,

ר. בריינין.

.2

בערלין, דעם 2טן נאָװעמבער 1907.

מײן טײערער הער,

איך בין געװען זעקס װאָכן אין די סקאַנדינאַװישע לענדער און ערשט מיט אַ פּאָר טעג צוריק האָב איך זיך צוריקגעקערט פון װעג. איך האָב דאָ אױפן שרײב־טיש געפונען אײער בריװ. דערפאַר האָט זיך פאַרשפּעטיקט מײן תשובה. איך בעט איך מיר מוחל זײן. איך האָב מיך באמת געפרײט איבער דער גוטער בשורה, אַז דער „השלח" װעט װידער אָנהױבן צו דערשײנען. מיט מײן גאַנצן האַרצן װיל איך מיטאַרבעטן מיט אײך. אין אַ צװײ טעג אַרום װעל איך אײך צושיקן עפּעס אַ זאַך. איך בין גרײט צו זײן פון די שטענדיקע מיטאַרבעטער פונעם „השלח".

האָפנדיק צו שרײבן אײך די נאָענטע טעג, בין איך איצט מקצר און זאָג שלום וברכה צו אײך און צו אײער ליטעראַרישער טעטיקײט.

אײער,

ראובן ברײנין.

.3

פּאַריז, דעם 15טן דעצעמבער 1907.

מײן געהױבענער (אין העברײאישן — נעלה) הער,

אײער פּאָסט־קאַרטל, װאָס איר האָט מיר געשיקט אַהײם, איז מיר ערשט הײנט איבערגעשיקט געװאָרן, און איך איל אײך צו ענטפערן, אַז קומענדיקע װאָך װעל איך זיך צוריקקערן אַהײם און װעל תיכף פאַרענדיקן אַ סקיצע פאַר דעם „השלח". צוליב מײן רײזע, האָט זיך פאַרהאַלטן מײן אַרבעט. אַן אמתן דאַנק אײך פאַר דעם ערשטן העפט פון אײער מאַנאַטשריפט, װאָס איר האָט מיר צוגעשיקט, און עס טוט מיר זײער באַנג, װאָס איך האָב נישט געהאַלטן װאָרט. איך װעל זיך באַמיען צו פאַרשטאַרקן מײן מיטאַרבעט אין „השלח".

מיט געפילן פון אַכטונג און כבוד,

אײער,

ראובן ברײנין.

.4

בערלין, כ"ד אלול, תרפ"ט, דעם 29טן סעפּטעמבער 1929.

צום דיכטער הער ח. נ. ביאַליק.

אַלס ענטפער אױף אײער בריװ פון נעכטן, בין איך אײך מודיע, אַז איך בין גרײט אָנצוגעבן אַ קלאַגע אױף אײך פאַר דעם קאָנגרעס־געריכט און איך פרײ זיך, װאָס דאָס איז אױך אײער באַגער.

ביז איצט, אײנס אַזײגער נאָכמיטאָג, האָט זיך מיר נישט אײנגעגעבן צו שטעלן זיך אין פאַרבינדונג מיט דר. גראַנעמאַן, טראָץ דעם װאָס איך האָב געפּאַטערט דערױף אײניקע שעה. איך האָף אָבער, אַז אין לױף פון טאָג, װעל איך אים דער־

גרייכן, און דאַן וועל איך אייך מיטטיילן וועגן אָרט און צייט פון אונדזער משפּט פאַר יושר און גערעכטיקייט. אויך מיין צייט אין בערלין איז באַגרענעצט, דער־פאַר וועל איך אויך זיך באַמיען צו צואײלן דעם ענין, כדי מיר זאָלן נישט פאַרלירן די געלעגנהייט, וואָס איז אונדז געגעבן געוואָרן אויפצוקלערן דעם אמת.

און איך בין א. א. וו.,

ר. ברײַנין.

5.

בערלין, שאַרלאָטענבורג, דעם 30טן סעפּטעמבער 1929.
צום דיכטער ח. נ. ביאַליק,
ג. ה.

איך בין געווען היינט פּאַרמיטאָג אין ביוראָ פון דר. גראַנעמאַן, און איך האָב אים, ליידער, נישט געטראָפן, ווייל ער איז אין דער צייט געווען פאַרנומען אין די גערירכטן. האָב איך אים אָנגעשריבן אַ בריוו אין זיין ביוראָ אויף דער שרייב־מאַשין, — כדי צו לאָזן ביי מיר אַ קאָפּיע — מיין אָנקלאַגע אויף אייך און געבעטן גראַנעמאַנען, ער זאָל אונדז ביידן איינלאַדן צום קאָנגרעס־געריכט. איך האָב אי־בערגעגעבן אייער אַדרעס. מיין בריוו וועט מען אים תיכף איבערגעבן, ווען ער וועט זיך צוריקקערן אין זיין ביוראָ.

און איך בין א. א. וו.,

ראובן ברײַנין.

בריוו פון חיים נחמן ביאַליק צו ראובן ברײַנין

1.

אָדעס, דעם 27טן נאָוועמבער 1907.
געהויבענער הער ר. ברײַנין,

אין אייער בריוו האָט איר מיר צוגעזאָגט צוצושיקן „אין אַ צען טעג אַרום" עפּעס פאַר דעם „השלח". וואו איז די צוגעזאָגטע זאַך? עס איז איצט נישט קיין צייט צו שווייגן, מיין געערטער שרייבער!

מיט טרייע כבוד־געפילן,

ח. נ. ביאַליק

2.

בערלין, דעם 14טן אָקטאָבער 1921, י"א תשרי תרפ"ב.
(דער בריוו איז געשיקט קיין ניו־יאָרק).
שלום וברכה צום ווייטן ברודער, ראובן ברײַנין,

איר וועט דאָך זיכער געפינען פּלאַץ אין „התורן" און אין „הדואר" פאַר דעם

אַרטיקל פֿון צבי װיסלאַװסקי װעגן דעם „דביר״. דער ענין איז זײער אַ װיכטיקער און איז נוגע אונדז אַלעמען.

און דערמיט באַגריס איך אײַך, טײַערער ברודער און געהױבענער חבר! און שלום, שלום צו אונדזערע חברים און אנשי שלומנו, פֿון יענער זײַט ים.

ח. נ. ביאַליק.

3.

בערלין, סעפּטעמבער 1929.

צום שרײַבער ראובן ברײנין, װעלכער געפֿינט זיך איצט אין בערלין,

געערטער הער!

איך האָב געהאַט די געלעגנהײט צו לײענען אײַער אַרטיקל אין ניו־יאָרקער „טאָג״ פֿונעם 17טן אױגוסט הײ־יאָר „איך קלאָג אָן מײנע ריכטער״, אין װעלכן איר טרעט אַרױס קעגן דעם שװערן אורטײל, װאָס איז אַרױסגעטראָגן געװאָרן קעגן אײַך און קעגן אײַער שטעלונג צו רוסלאַנד, נישט אין אײַער בײַזײַן, אױף דער שרײַבער און עסקנים־שרײַבער־פֿאַרזאַמלונג אין תל־אביב, און איר זעט אין דעם אַן אומרעכט קעגן אײַך. אַזױ װי איך בין געװען דער פּרעזיצער פֿון דער פֿאַרזאַמלונג, בין איך, לױט מײַן מײנונג, שולדיק אין אַרױסטראָגן דעם אומגע־רעכטן פּסק־דין. אַזױ װי איר געפֿינט זיך איצט אין בערלין און צופֿעליק האָבן מיר זיך דאָ צונױפֿגעטראָפֿן און אױך די עדות, װעלכע קאָנען אױפֿקלערן דעם ענין, — שלאָג איך אײַך פֿאָר זיך צו װענדן מיט אײַערע טענות צום קאָנגרעס־גע־ריכט, װעלכער געפֿינט זיך איצט אין בערלין (אַדװאָקאַט ס. גראַנעמאַן, טױענציג־שטראַסע 14), און ער װעט, נאָכן אױסהערן די טענות פֿון בײדע צדדים און די עדות, אױפֿקלערן דעם ענין און אַרױסטראָגן אַן אורטײל. איך נעם אָן אין פֿאָראױס דעם פּסק־דין, װאָס מען װעט אַרױסטראָגן.

מיר דאַכט זיך, אַז דאָס איז דער אײנציקער ריכטיקער װעג אױפֿצוקלערן דעם אמת און אײַך רײנצװאַשן פֿון זינד. זעלבסטפֿאַרשטענדלעך דאַרף דער ענין גלײַך דערלײדיקט װערן, נישט אָפּצולײגן, װײַל מיר בײדע זײַנען דאָ געסט אין בערלין, און די צײַט איז קורץ, און אױך אײנער פֿון די עדות קלײַבט זיך צו פֿאַרלאָזן באַלד בערלין. איך באַשטים דעריבער די צײַט אַרײַנצוברענגען די אָנקלאָגע אױף צװײ טעג נאָכן דערהאַלטן פֿון מײַן בריװ, נישט שפּעטער.

אױב איר װעט נישט אָננעמען דעם פֿאָרשלאָג, װעל איך עס באַטראַכטן, אַז איר מײַדט אױס דעם ענין, און איך װעל מיר דערלױבן צו פֿאַרעפֿנטלעכן דעם בריװ.

בכבוד,

ח. נ. ביאַליק.

ז.

דער עצם פֿאַקט, װאָס ראובן ברײנין האָט זיך געװענדעט מיט אַן אָנקלאָגע קעגן ביאַליקן צום ערן־געריכט פֿון דעם ציוניסטישן קאָנגרעס, באַװײַזט, אַז ער האָט זיך די גאַנצע צײַט באַטראַכט װי אַ ציוניסט, און ער איז געװען פֿעסט אײַ־

בערצייגט, אַז מען האָט געהאַנדלט קעגן אים נישט שיין און אַז מען האָט אים געטאָן אַ גרויסע עוולה. ווייל ווי האָט מען געקאָנט גאָר אים באַשולדיקן, אַז ער באַרעכטיקט רדיפות אויף ציוניזם, אויף העברייאיש, אויף רעליגיע און בכלל אויף יידיש לעבן? אין זיינע קאָרעספּאָנדענציעס פון זיין רייזע איבער סאָוועטנ־פאַרבאַנד האָט ער בכלל נישט באַרירט וועגן דעם אַלעמען און אַ פשיטא, אַז ער האָט נישט געגעבן קיין הסכם אויף די פאַרשיידענע מעשים.

ראובן ברײנין איז לויט זיין טבע געווען אַן ענטוזיאַסט. אַלעמאָל איז ער גענייגט געווען צו זען בלויז די ליכטיקע זייטן פונעם לעבן און נישט זיינע שאָטנס. בעתן באַזוך אין סאָוועטנפאַרבאַנד האָט ער געהאַט די מעגלעכקייט צו זען פיל ליכטיקע מאָמענטן אויף דער יידישער גאַס: יידן זיינען געוואָרן גלייכ־באַרעכטיקטע בירגער, זיי זיינען ניט גערודפט געוואָרן און פיל פון זיי פאַר־נעמען די העכסטע פּאָסטנס אין דער מדינה, די טויערן פון אַלע בילדונגס־אינסטיטוציעס זיינען ברייט געעפנט פאַר זייערע קינדער. אינעם אַלגעמיינעם לעבן גילטן פאַר אַלע, אויך פאַר יידן, די זעלביקע געזעצן. ווי איינער וואָס האָט אַליין אויף זיך גופא געפילט ווי אַ ייד די פאַרפאָלגונגען אין צאַרישן רוס־לאַנד, האָט די איצטיקע גלייכבאַרעכטיקונג געמאַכט אויף אים אַ געוואַלדיקן איינדרוק און אַרויסגערופן ביי אים באַגייסטערונג. מיט אָט די איינדרוקן און געפילן האָט ער זיך געטיילט מיט די לייענער אין זיינע אַרטיקלען. און ער האָט אויך געגלויבט אין די רייד פון די, וואָס האָבן אים פאַרזיכערט, אַז די אַלע מעשיות וועגן די דאָלער־רדיפות זיינען אויסגעזויגן פון פינגער, און ער האָט דעריבער וועגן דעם נישט געשריבן.

אָבער די „הדואר"־לייט אין ניו־יאָרק און די „מגן"־לייט אין ארץ־ישראל האָבן אים באַשולדיקט, אַז ער האָט בכיוון פאַרשוויגן די פאַרפאָלגונגען אויף ציוניזם און העברייאיש.

עס איז דערביי אינטערעסאַנט, אַז אויף זיין צוריקרייזע פון סאָוועטנפאַר־באַנד קיין אַמעריקע האָט ברײנין זיך אָפּגעשטעלט אויף אַ צייט אין ווין. איך האָב אים דאָן באַזוכט אין זיין האָטעל און אים אויפמערקזאַם געמאַכט אויף די אָנגריפן אויף אים אין אַ טייל פון דער ציוניסטישער פּרעסע. ברײנין איז געווען שטאַרק אויפגעבראַכט און מיט טיפן צער פעסטגעשטעלט, אַז עס איז פשוט אַ בלבול אויף אים. אויפן אָרט האָט ער מיר דיקטירט אַ דערקלערונג פאַר דער פּרעסע. אויף אַ פאַרזאַמלונג, וואָס מען האָט לכבוד אים איינגעאָרדנט אין דעם אָלימפּיאַ־זאַל אויף דער ראָטגאַס, האָט ברײנין ברייט געשילדערט גראַד זיינע איינדרוקן פון אַ פריערדיקן באַזוך אין ארץ־ישראל און אויך, ווי זיין שטייגער, האָט ער זיך אָפּגעשטעלט דורכאויס אויף די ליכטיקע מאָמענטן און געמאָלט די לאַגע אין הייליקן לאַנד מיט ראָזע פאַרבן. צווישן אַנדערן האָט ער באַוויזן, אַז מיטן צוריקקער פון יידישן פאָלק אין דעם לאַנד פון די אבות קערט עס זיך צוריק אום צו דער צייט פון די מלכים און נביאים, און אַז מיר וועלן שאַפן דאָרטן אַ נייעם ספר הספרים, אַ המשך פון אַלטן תנ"ך. ער האָט עס געזען און

געשפּירט אױף שריט און טריט. ער האָט צװישן די קינדער אין לאַנד געזען צוקונפטיקע אײנשטײנס, גדולים װי דער װילנער גאון, און דיכטער װי ר׳ יהודה הלוי, הײנע, ביאַליק א. אַז. װ... מיט אַזאַ באַגײסטערונג האָט ער דאַן גערעדט װעגן דער צוקונפט פון ארץ־ישראל... און מיט דער זעלבער באַגײסטערונג װעגן ארץ־ישראל האָט ער אױך גערעדט אױפן באַנקעט, װאָס די העברײער האָבן פאַר אים אײנגעאָרדנט אין אַ גרױסן זאַל פון אַ װינער קאַפע־הױז.

ראובן ברײנין איז אַלזאָ געפאַלן אַ קרבן פון אַ באַדױערנסװערטיקער מיס־פאַרשטײעניש. װי באַקאַנט, האָבן זיך גראָד געפונען גוטע ציוניסטן און העברײער אין אַמעריקע און אין אַנדערע לענדער, װאָס האָבן פאַרטײדיקט ברײנינען און זײנען געװען שטאַרק אױפגעבראַכט קעגן די אומבאַרעכטיקטע אָנפאַלן אױף אים. פאַר ברײנינען איז עס אָבער געװען אַ שטאַרקער קלאַפּ, װאָס האָט אים װײ געטאָן...

עס איז נױטיק דעריבער באַטראַכטן פונדאַסנײ די אַלע פאַקטן, כדי צו רעהאַ־ביליטירן ראובן ברײנינען, װעלכער האָט געהאַט אַזעלכע גרױסע פאַרדינסטן פאַר דעם ציוניזם און פאַר דעם העברײאישן שאַפן.

די אױפגעהיטע בריװ פון ברײנין און ביאַליק פון די פריאיקע יאָרן װײזן, װי די צװײ שרײבער האָבן זיך באַצױגן אײנער צום צװײטן, אײדער עס איז גע־קומען צו דעם טרױעריקן סכסוך צװישן זײ.



ח. נ. ביאַליק בײם שרײב־טיש.
אױף דער װאַנט — בילד פון אחד־העם (צײכענונג).

נחמן מייזיל

ראובן ברײַנין און דר. חיים זשיטלאָווסקי

.1

ראובן ברײַנין און דר. חיים זשיטלאָווסקי — אין פלוג צוויי גאַנץ אַנדערע פּערזענלעכקייטן, פאַרשטייער פון צוויי גאָר באַזונדערע וועלטן, יעדער איינער פון זיי איז זיך געגאַנגען זײַן באַזונדערן וועג, און פאַרקערפּערט אין זיך גאָר אַנדערע אידייען און אידעאַלן. און דערצו האָב זיי דאָך פאַרמאָגט פאַרשיידנאַרטיקע כאַראַקטערן און אייגנשאַפטן. אָבער ווי אַנדערש און פאַרשיידן זיי זײַנען ניט געווען, האָבן זיי דאָך געהאַט אין זייער גאַנג און וואוקס פיל נאָענטס און געמיינזאַמס. און סיי דאָס אַנדערשדיקע און סיי דאָס ענלעכע אין זיי איז אינטערעסאַנט און עס העלפט פיל ביים אַרויסברענגען זיי ביידן און יעדן איינעם פון זיי וואָס קלאָרער און פולער.

לאָמיר פרואוון ציען פאַראַלעלן, און מאַכן אַנאַלאָגיעס צווישן זיי, באַטאָנען די אַנדערשקייטן, די חילוקי־דעות אין זיי במשך פון פיל יאָרן, און אויך געפינען דאָס קרובהשע אין זיי.

קודם־כל באַדאַרפן מיר זיי באַטראַכטן ניט נאָר ווי יחידים, ווי פאַראייַנצלטע מענטשן, וואָס האָבן זיך געלעבט און געוואַקסן, זיך אַנטוויקלט, געווען באַווירקט און אויך געווירקט אין פאַרשיידענע סביבות און קרייזן און וועלכע האָבן אַדורכגעמאַכט כלערליי איבערוואַנדלונגען. מיר מוזן יעדן איינעם פון זיי און זיי ביידן אויפנעמען ווי פאַרטרעטער פון פאַרשיידענע קרייזן און סביבות, לערעס און וועלט־אָנשויאונגען, וואָס האָבן געהערשט און באַוועלטיקט זייערע מיטצײַטלער און דערנאָך זײַנען זיי געוואָרן די אויסגעשפּראָכענע פאַרקערפּערער און לסוף — די אַדורכפירער פון אַט די אידייען און אידעאַלן.

ווען מיר פאָלגן נאָך נאָך זייערע זוכענישן, געראַנגלענישן און שטרעבונגען, זעען מיר אין דעם אויך די גלגולים, די איבערוואַנדלונגען פון געוויסע שיכטן אין זייערע דורות און תקופות. און ס'ווערט קלאָר, אַז זייערע אינדיווידועלע בלאָנדזשענישן און געפינסן זײַנען אייגנטלעך און אין תוך די בלאָנדזשענישן און געפינענישן פון דער יידישער אינטעליגענץ פון זייערע דורות און פון געוויסע צייט־אָפּשניטן. מיר ווילן זען, אַז ווי פאַרשיידן עס זײַנען ניט געווען די וועגן־אומוועגן פון יעדן איינעם פון זיי, זײַנען דאָך געווען ענלעכע און אפילו בשותפותדיקע פאַרמעסטן ביי זיי. און אוודאי זײַנען אָפט געווען איינע און די זעלביקע סיבות און פאַקטאָרן, וואָס האָבן געטריבן און געשטויסן זיי אויף אַנדערע וועגן און זיכער זײַנען אויך געווען די זעלביקע השפעות פון וועלט־אידייען, פון וועלט־לערעס אויף זיי ביידן, וואָס יעדער פון זיי האָט אַנדערש פאַרדייעט און איבערגעשטאַלטיקט.

װעלן מיר גײן כסדר און באַטראַכטן יעדן אײנעם פֿון זײ און זײ בײדן, כדי צו זען און באַגרײפֿן דאָס געמײנשאַפֿטלעכע און דאָס אַנדערשדיקע אין זײ.

זײ זײנען געבוירן געװאָרן כמעט אין אײן צײט, ראובן ברײנין — אין 1862, און חיים זשיטלאָװסקי — אין 1865, אײנגאַנצן מיט דרײ יאָר שפּעטער. בײדע זײנען געבוירן אין יידישע שטעטלעך, אײנער — אין לאָדי, מאָהילעװער גוב., און דער צװײטער — אין אושאַטי, בײ װיטעבסק. בײדע — אין יידישע טראַדיציאָנעלע משפּחות, אָבער שוין ניט קײן שטרענג־רעליגיעזע און פֿאַנאַטישע. אין די ייִנגערע יאָרן האָבן בײדע זיך געפֿונען אונטער דער השפּעה פֿון דער חב״דישער ליובאַװיטשער חסידות, אײנגעזאַפּט אין זיך תורה, יידיש װיסן און מיט דער צײט אויך געװען פֿאַרבלענדט פֿון דער השכלה־ליכט. אין די פֿריִע דערװאַקסלינג־יאָרן האָבן זײ זיך געפֿונען, דירעקט און אומדירעקט, אונטער דער געבענטשטער השפּעה פֿון דער פֿאָלקיסטיש־רעװאָלוציאָנערער און ראַדיקאַלער רוסישער ליטעראַטור פֿון סוף 70ער און אָנהײב 80ער יאָרן. אַזױ װי ראובן ברײנין האָט ערשט צו זײן 16טן לעבנס־יאָר אָנגעהויבן שטאַרקער זיך אינטערעסירן מיט דער העברײאישער ליטעראַטור און מיט די שאַפֿונגען פֿון דער רוסישער, און אויך דײטשישער ליטעראַטור, קומט אויס, אַז כמעט אין אײן צײט האָבן זיך פֿאַר די צװײ יונגעלײט, אין זײערע באַזונדערע װעלטן, געעפֿנט די טויערן פֿון דעם װעלט־שאַפֿן.

אָבער אין דער צײט, װאָס ראובן, דער עלטערער פֿון די צװײ (אויף דרײ יאָר), איז מער פֿאַרכאַפּט געװאָרן פֿון די בעלעטריסטישע װערק פֿון טורגעניעװ, טאָלסטאָי, דאָסטאָיעװסקי און פֿון די קריטיקער, װאָס האָבן זײ באַגלײט אויף זײערע װעגן, איז חיים (דאַן — האָט ער נאָך געהײסן יעפּים) שוין געװען מער אונטער דער השפּעה פֿון די סאָציאַלע דענקער, פֿון קאַרל מאַרקס, פֿערדינאַנד לאַסאַל און פֿון אַנדערע סאָציאַליסטישע לערער און װעגװײזער.

2.

זײ בײדן װערט ענג אין זײערע הײמען און סביבות און זײ נעמען זיך רײסן אין אַנדערע פֿרײע װעלטן. ברײנין פֿאַרלאָזט, סוף 1879, זײן שטעטל און פֿאָרט קײן האָרקע, אַרײנצוטרעטן דאָרטן אין דער באַרימטער אַגריקולטור־שולע, אָבער ניט קאָנענדיק זיך אײנלעבן מיטן דאָרטיקן דירעקטאָר, דעם אַנטיסעמיט, קומט ער קײן סמאָלענסק, װאו ער פֿאַרברענגט אַ פּאָר יאָר. דאָרטן, װי ער דערצײלט אַלײן, האָט ער „פֿלײסיק שטודירט די רוסישע ליטעראַטור, גאַנץ באַזונדערס די קריטיק פֿון בעלינסקי, פּיסאַרעװ און סקאַביטשעװסקי״. און דער יונגער חיים באַשליסט, צוזאַמען מיט זײן יוגנט־חבר שלמה זאַנװול (ש. אַנסקי), צו פֿאַרלאָזן די „בורזשואַזע הויז״, די גימנאַזיע אין װיטעבסק. ער אַנטלויפֿט פֿון דער הײם, קומט קײן קאַלוגאַ, דערנאָך קײן טולאַ, װאו ער באַטײליקט זיך אין די פּראָפּאַגאַנדע־טעטיקײטן, װאָס די רוסישע פֿרײהײט־קעמפֿער האָבן געפֿירט צװישן דער רוסלענדישער יוגנט.

סמאָלענסק און טולאָ, צווי עכטע און טיף־רוסישע שטעט.

און ביידע, ראובן און חיים, אין פאַרשיידענע סביבות, לערנען און שטודירן אין די פרעמדע רוסישע שטעט רוסיש, דייטש און פראַנצויזיש. עס פּירט זיי אַרויס פון די ענגע ד׳ אמות, וואָס דאָס יידישע לעבן, די העברייאישע פּרעסע און ליטעראַטור, האָט פאַר זיי אַרומגעצוימט. זיי לאָזן זיך שוועבן אין נייע וועלטן, ווייט פון דער אייגענער היים, אָבער איינער רייסט זיך צו דער ניי־העברייאישער ליטעראַטור, קניפּט־אָן באַציאונגען און פאַרבינדונגען מיטן „השחר" און מיט די דעמאָלטדיקע העברייאישע משוררים און דערציילער, און דער צווייטער — ווערט מיטגעריסן פון דעם וויכטיקן רעוואָלוציאָנערן רוסיש זשורנאַל „סאָווערמעניק" און מיט די אידעאַלן פון די ראַדיקאַלע רוסישע דענקער. יעדער איינער פון זיי האָט אויסצושטיין שווערע געראַנגלענישן, און דער רעזולטאַט ביי יעדן איינעם פון זיי איז אַן אַנדערער: בריינין גייט אויפן וועג פון אַ העברייאישן פאַרשריטלעכן משכיל, ווערט אַ מיטגליד פונעם נאַציאָנאַל־ציוניסטישן קרייז „בני־ציון", הייבט אָן צו שרייבן העברייאיש אין „המליץ", און וואָס־ווייטער ווערט ער אַלצמער מיט לייב און לעבן אַריינגעצויגן אין דער העברייאישער שאַפונגס־וועלט. און אַנשטאָט פּושקין, נעקראַסאָוו — י. ל. גאָרדאָן, אַנשטאָט טורגעניעוו קומט פּרץ סמאָלענסקין, אַנשטאָט פּיסאַרעוו — מ. ל. ליליענבלום. דער ווייטערדיקער וועג איז שוין אַן אָנגעצייכנטער — דער וועג פון דערנענער און רויזן פון אַ צוזאַגנדיקן דערפאָלגרייכן העברייאישן שרייבער.

אַנדערש איז דער וועג ביים יינגערן חיים זשיטלאָווסקי. די פּאָגראָמען אין רוסלאַנד, די געענדערטע שטימונגען ביי דער רוסיש־יידישער אינטעליגענץ, די פּאַלעסטינאָפילישע באַוועגונגען, די ביל״וצעס רופן ביי אים אַרויס, אין 1882־1883, אַ שאַרפן אידייאישן איבערבראָך. ער ווערט מיטגעריסן מיט די נאַציאָנאַלע שטימונגען, און שטאַרק ניט צופרידן מיט דער שטעלונג פון די „נאַראָדניקעס" צו דער יידן־פראַגע, הייבט ער אָן צו זוכן אייגענע וועגן צו פאַרענטפערן די האַרבע פּראָבלעמען, וואָס קומען אויף פאַרן יידישן פאָלק אויפן וועג פון זיין אויסלייזונג און ווידעראויפלעבונג.

ראובן בריינין גייט פעסט אויף דעם וועג, וואָס עס האָט אויסגעפּלאַסטערט פריער משה העס און (אין 1882) דר. לעאָן פּינסקער און די אַלע איבעריקע, ווי ער דערציילט וועגן דעם מיט אַ באַזונדערער באַהאַרצקייט אין זיין „לעבנס־בוך" (ניו־יאָרק, 1946, — געשריבן אין 1923) אינעם קאַפּיטל „די סיבה פון בני־ציון אין מאָסקווע". שוין דאָן ווערט ער דער קעמפער פון העברייאיש, און ווי ער שרייבט: „ווען איך מאַך קיין טעות ניט, בין איך געווען דער ערשטער אין רוסלאַנד, וועלכער האָט אויפגעהויבן, סיי טעאָרעטיש און סיי פּראַקטיש, די באַוועגונג פאַר דער אויפלעבונג פון דער העברייאישער שפּראַך אַלס אומגאַנגשפּראַך אין די נאַציאָנאַלע קרייזן" (ז׳ 260).

אין דער זעלביקער צייט (אין 1885) ראַנגלט זיך דער 20־יאָריקער זשיטלאָווסקי אין אינערלעכע אידייען־שטרייטן. ער באַשליסט צו גרינדן אַן אומלעגאַלע יידישע אָרגאַניזאַציע מיטן נאָמען „תשועת ישראל", מיטן ציל צו באַ־

קעמפֿן דעם חיבת־ציון־געדאַנק און צו פּראָפּאַגאַנדירן דעם פּראָגרעסיװ־יידישן נאַציאָנאַליזם אויף סאָציאַליסטישע יסודות מיט יידיש אַלס נאַציאָנאַלע שפּראַך... דערצו אָבער איז נויטיק געװען צו קריגן די צושטימונג פֿון דער רוסישער „נאַראָדנאַיאַ װאָליאַ״... ער פֿאָרט אַװעק קיין פּעטערבורג, פּונקט װי פֿריער, ראובן ברײנין, קיין מאָסקװע, אָבער מיט גאָר אַנדערע צילן — ער דאַרף דאָרט שטודירן אין דער ביבליאָטעק די יידישע געשיכטע און די נאַציאָנאַלע פֿראַגע אין פֿאַרבינדונג מיט די אידעאַלן פֿון סאָציאַלן פּראָגרעס. ער באַקומט דאָן דעם אָפּזאָג פֿון „נאַראָדנאַיאַ װאָליאַ״ צו שאַפֿן אַ פֿאַרלאַג, װײל מ׳זעט אין אים דעם „סעפּעראַטיזם״, און דאָס מאַכט אויף אים אַ שטאַרקן אײנדרוק.

3.

הכלל, צװײ טרוימער, צװײ קעמפֿער (אין העברייאיש — „חולמים ולוחמים״) — און יעדער איינער מיט זיין גאַנג, געשטויסן און געפּירט פֿון דעם עקשנות־דיקן װילן צו געפֿינען אַ נייעם װעג. איינער — נאַציאָנאַליזם און העברייאיש, דער צװייטער — סאָציאַליזם און יידיש.

װאָס װייטער װערט די גייסטיקע דיסטאַנץ צװישן די צװײ שרייבער־קעמפֿער אַלץ גרעסער, און די חילוקי־דעות (מיינונגס־פֿאַרשיידנקייטן) — אַלץ שאַרפֿער, פּונקט װי אין יידישן לעבן גופא, קומט פֿאָר די שטאַרקע דיפֿערענצירונג פֿון די װידערשפּרעכנדיקע װירקנדיקע ריכטונגען און פֿון זייערע פֿירשפּרעכער.

אין 1888 פֿאַרעפֿנטלעכט ראובן ברײנין אַן אַרטיקל „עוצו עצה״ (גיט אַן עצה) און באַלד אַ סקיצע „גסיסת הסופר״, — אינעם ערשטן באַדױערט ער די טרויעריקע לאַגע פֿון די טאַלאַנטפֿולע יידישע יונגעלייט, װאָס האָבן ניט קיין פּאַסיקע מעגלעכקייטן װי צו פֿאַרװענדן זייערע פֿיאיקייטן, און אינעם צװייטן שילדערט ער די לעצטע מינוטן פֿון פּרץ סמאָלענסקין, װאָס איז אים, דעם שרייבער־אָנפֿאַנגער, געװען באַזונדערס נאָענט, ליב און טייער. די צװײ אַרױס־טריטן האָבן אַרױסגערופֿן לויב־געזאַנגען פֿון דעם גרויסן י. ל. גאָרדאָן און באַ־װאונדערונג ביי די דעמאָלטדיקע משכילים־שרייבער.

און חיים זשיטלאָװסקי פֿאַרנעמט זיך אויף אַ גאָר אַנדערן דרך, ער פֿאַר־פֿאַסט אין רוסיש אַ ביכל (128 ז״ז): „געדאַנקען װעגן די געשיכטלעכע גורלות פֿונעם יידנטום״; ער האָט עס ניט װאו צו דרוקן, גיט ער עס אַרויס אויפֿן אייגענעם חשבון. עס רופֿט אַרויס פֿאַרשיידענע מיינונגען און צװישן אַנדערע — אַ שאַרפֿע קריטיק פֿון דעם יונגן ש. דובנאָװ, דאָס איז געװען סוף 1887.

און אַזױ איז שוין אין אָנהייב פֿון זייערע קולטור־געזעלשאַפֿטלעכע און לי־טעראַרישע טעטיקייטן געװאָרן קלאָר דער מהות, כאַראַקטער און אינטערעסן־קרייז פֿון די צװײ אומרואיקע זוכנדיקע און שטרעבנדיקע יונגעלייט און עס װערן אָנגעצייכנט זייערע װייטערדיקע װעגן. דער מער־פֿאַרמעגלעכער חיים זשיטלאָװסקי שטודירט אין ציריך, דערנאָך אין בערן, װאו ער װערט אַריינגע־צויגן אין די העפֿטיקע פּאָליטישע שטרייטן, דאָרט באַקומט ער זיין דאָקטאָראַט.

און דער עלטערער פון אים ראובן בריינין מוז זיך פאַרנעמען מיט העברייאישע „שטונדן" און אַ צייט איז ער אויך דער סעקרעטאַר ביים מאָסקווער גביר, דעם נדבן, קלמן זאב וויסאָצקי, ביז ער ווערט פאַרבעטן, סוף 1889, קיין פעטערבורג צו אַרבעטן אינעם העברייאישן „המליץ".

און דערביי קומט פאָר אַ מערקווירדיקע זאַך: ראובן בריינין וואָס לעבט און לעבט זיך אויס צווישן יידן און איז פאַרטאָן אינגאַנצן אין דער יידישער וועלט, רייסט זיך כסדר אין דער גרויסער וועלט, בענקט נאָך אוניווערסאַליזם, און דר. חיים זשיטלאָווסקין, וואָס איז אַריינגעצויגן אין ניט־יידישע קרייזן, ציט צו יידישע, צו יידישקייט־פּראָבלעמען. ביי זייביידן, און ביי יעדן איינעם, אויף אַ באַזונדערן אופן און שטייגער, קומט פאָר דער אַלטער, גוט־באַקאַנטער גע־ראַנגל, דער „ויתרוצצו", ווען די קינדער האָבן זיך געשטויסן אין דער מוטער רבקהס בויך, און דער רבונו של עולם האָט געזאָגט צו איר: „צוויי אומות זיינען אין דיין לייב, און צוויי פעלקער וועלן זיך פון דיינע אינגעווייד צעשיידן".

און גראָד דער „גויאישער" חיים זשיטלאָווסקי, ווען ער איז פאַרכאַפּט מיט פּראָבלעמען פון רוסישער אויסלייזונג, אַרבעט פאַר זיין דאָקטאָראַט אויף אַ טעמע „אברהם אבן דוד, ראב"ד הראשון, און דער אָנהייב פון אַריסטאָטעלישן פּעריאָד אין דער רעליגיאָנס־פילאָסאָפיע". און ראובן בריינין פאַרנעמט זיך מיט „חידושים אין דער העכערער מאַטעמאַטיק אויף דעם געביט פון דיפע־רענציאַל רעכענונג", שיקט זיין ווערק צו ה. ז. סלאָנימסקי, וואָס „ראָט אים אַלץ אָנצוואווענדן צו שטודירן מאַטעמאַטיק אין אַן אייראָפּייאישן אוניווערסיטעט". און ר. בריינין דערציילט אין „פון מיין לעבנס־בוך": „ביים געזעגענען זיך, פאַר מיין אָפּרייזן קיין ווין, האָט מיר דער אַלטער חיים זעליק סלאָנימסקי פאַ־טערלעך פאַרזאָגט: ׳פלייסיק און ערנסט צו שטודירן מאַטעמאַטיק און פיזיק, אַרויסשלאָגן זיך פון קאָפּ די נאַציאָנאַליסטישע מעטאַפיזיק און די פוסטע חלומות פון די בני־ציון׳ " (ז׳ 377).

4.

און אַ מערקווירדיקע זאַך, זיכער איז עס ניט מער ווי אַ צופאַל:ביידע האָבן דעביוטירט אין יידיש אין איין יאָר — אין 1891. ר. בריינין האָט פאַר־עפנטלעכט אַן אַרטיקל „איין ערנסט וואָרט — אַן די חובבי־ציון" (אינעם זאַמל־בוך „דאָס היילִיקע לאַנד"), און חיים זשיטלאָווסקי דרוקט זיין ערשטע שאַפונג אין יידיש, אַ פרייע איבערזעצונג פון ס. פּריודאָמס פּאָעמע „דער חלום פון אַ ליידיקגייער" און אַ יידישע איבערזעצונג פון היינעס „דאָס שקלאַפן־שיף".

אָבער דאָס זיינען ביי זיי בלויז איינצלנע אויפטריטן אין יידיש. ראובן בריינין זעצט־פאָר זיין פּראָדוקטיוו שאַפן אין העברייאיש, און חיים זשיטלאָווסקי פאַר־נעמט זיך אויף אַלץ ברייטערע דרכים פון סאָציאַל־נאַציאָנאַלע און רעוואָלוצי־אָנערע קאַמפן און שטרייטן. ער האַלט נאָך אַלץ אין פאָרשן און זוכן ענטפערס אויף די פראַגן, וואָס מאַטערן אים, דעם ייד צווישן ניט־יידן. אין 1892 פאַר־

עפנטלעכט ער אין רוסיש די בראָשור „אַ ייד צו יידן״ („יעוורעי ק׳ יעווריעיאַם״), וואו ער פאַרלאַנגט צו קעמפן ניט נאָר פאַר בירגערלעכער, נאָר אויך פאַר נאַציאָנאַלער גלייכבאַרעכטיקונג.

און ווידער ווערן זיי, די צוויי שרייבער, די טרוימער־קעמפער צעשיידט. חיים זשיטלאָווסקי ווערט מיטרעדאַקטאָר פון די צייטשריפטן „רוסקי ראַבאָטשי״ (רוסישער אַרבעטער) און „נאַקאַנוניע״ (ערב), וואו ער פאַרעפנטלעכט אַ צאָל טעאָרעטישע אַרבעטן (אונטערן נאָמען ס. גריגאָראָוויטש)), און ראובן בריינין, לעבנדיק אַ צוויי יאָר אין מערב־אייראָפּע, לכתחילה אין ווין, און באַקענענדיק זיך מיט די וויכטיקסטע דענקער, גייסטיקע פירער פון אייראָפּע, זעט ער איין די נויטווענדיקייט צו פאַרברייטערן די גרענעצן און אַרויספירן דעם יידישן געדאַנק פון די ראַמען, וואָס זיינען געשטעלט פאַר אים. ער הייבט אָן אַרויסגעבן אַ זשורנאַל „ממזרח וממערב״ (ווין, 1894־1896), וואו ער קעמפט פאַר דעם, אַז די העברייאישע ליטעראַטור זאָל זען באַפרידיקן די אַלגעמיין־מענטשלעכע גייסטיקע באַדערפענישן, ניט נאָר די ריין יידיש־נאַציאָנאַלע. ער גייט זיך פאַנאַנדער מיט די יידישע דענקער, וועלכע זיינען געווען קעגנער פון „הרחבת הגבולין״ (אויסברייטערן די גרענעצן). ניט נאָר דאַרף מען עפענען אַ פענצטער קיין אייראָפּע, נאָר מ׳דאַרף ברענגען אייראָפּע (דעם מערב) אין דער יידישער וועלט און ליטעראַטור, אָבער אין די ראַמען פון דער נאַציאָנאַל־ציוניסטישער און העברייאיסטישער באַוועגונג. און אַלץ וואָס בריינין נעמט־פאַר און פּריידיקט, איז פאַר די עקזיסטירנדיקע ציוניסטישע קרייזן פון אַלערליי גרופּירונגען און מיט העברייאיש אין צענטער.

דר. חיים זשיטלאָווסקי פאַרנעמט זיך אַלע מאָל אויף נייע וועגן. אין 1896 גרינדעט ער אין אויסלאַנד אַ גרופּע יידישע סאָציאַליסטן מיטן צוועק אַרויסצוגעבן סאָציאַליסטישע ליטעראַטור אויף יידיש. ער האָט אפילו צוגעגרייט אַן איבערזעצונג (אונטער זיין רעדאַקציע) פון דעם „קאָמוניסטישער מאַניפעסט״. ער שרייבט אויך אָן פאַר י. בלומענשטיינס „מעשה מיט 4 ברידער״ אַן אַריינפיר „פאַרוואָס דווקא יידיש?״, אָבער מען האָט זיך אָפּגעזאָגט צו דרוקן די פאַררעדע (זי איז אָפּגעדרוקט געוואָרן אין „פאַרווערטס״ ערשט אין 1900), און ער העלפט גרינדן אַ יידישן פאַרלאַג „צייטגייסט״.

און אָט קומט פאַר דער ציוניסטישער קאָנגרעס אין באַזעל, אין 1897, און ווי אַנדערש יעדער איינער פון די צוויי נעמט אויף אָט די וויכטיקע געשעעניש אינעם יידישן לעבן. ראובן בריינין ווערט דער טרובאַדור פון דער ציוניסטישער באַוועגונג און ער שרייבט שפּעטער אפילו אַ גרויסע מאָנאָגראַפיע וועגן ט. הערצל („חיי הרצל״, ניו־יאָרק, 1919). און ח. זשיטלאָווסקי נוצט אויס דעם קאָנגרעס צו באַקענען די דעלעגאַטן און געסט מיטן פּראָגראַם פונעם ניי־געגרינדעטן יידישן פאַרלאַג. אויף דער פאַרזאַמלונג טרעט ער אַרויס מיט אַ שאַרפער רעדע, וואָס איז געווען דער תמצית פון זיינע שפּעטערדיקע יידישיסטישע אַרויסטרעטונגען. אין 1898 פאַרעפנטלעכט ער (אונטערן נאָמען „בן־אהוד״) אינעם בונדישן אומלעגאַלן זשורנאַל „דער יידישער אַרבעטער״ (נ׳ 6) אַן אַרטיקל „ציוניזמוס אָדער

סאָציאַליזמוס", וואו ער זאָגט צווישן אַנדערן: „דער סאָציאַליזם איז גאָרניט אויסן אָפּצושאַפן אַלע פעלקער, צונויפקנעטן זיי אין איין טייג און מאַכן פון דעם טייג איין לאַבן — מענטשהייט".

באַזונדערס וויכטיק פאַר דער כאַראַקטעריסטיק פון דעם דעמאָלטדיקן דר. חיים זשיטלאָווסקי איז די באַמערקונג, וואָס די בונדישע רעדאַקציע האָט צו־געגעבן צום 5טן קאַפּיטל פון זיין אָפּהאַנדלונג, אַז „דער אַרטיקל [קאַפּיטל 5 דריקט אויס ניט אונדזער, נאָר דעם אויטאָרס מיינונג..." די רעדאַקציע צווייפלט, „צי וועט זיך די יידישע פאָלקס־שפּראַך, דער 'זשאַרגאָן', אַזוי אַנט־וויקלען, אַז זי וועט ווערן אַ קולטור", און „צי וועט דאָס לעבן ברענגען דאַצו [דערצו], אַז עס וועט זיך מיט דער צייט אויסבילדן אַ ספּעציעלע יידישע ליטע־ראַטור און וויסנשאַפט, אַ ספּעציעל יידישע קולטור". און נאָך וויכטיקער איז צו באַטאָנען די באַוואָרעניש פון די בונדישע פירער — „צי איז [בכלל] נויטיק צו פאַרבינדן די יידישע אַרבעטער פון פאַרשיידענע לענדער".

דאָ זעען מיר גאַנץ באַשיינפּערלעך, ווי אַזוי דר. חיים זשיטלאָווסקיס וויזיעס און טרוימען זיינען דאַן, אין 1898, אויפגענומען געוואָרן קעגנעריש אפילו אין די פירנדיקע יידישע אַרבעטער־קרייזן.

5.

מיר האָבן ניט קיין מעגלעכקייט אין אונדזער דאָזיקער אָפּהאַנדלונג וועגן די צוויי שרייבער, די טרוימער־קעמפער, צו גיין בהדרגה, טריט נאָך טריט און אָפּשטעלן זיך אויף זייערע אַלע אַרויסטרעטונגען, אויף זייערע פאַרשיידענע פּרוּוון צו פּראָפּאַגירן זייערע אידייען און געדאַנקען און אויף די אַלערליי ווערק, וואָס זיי האָבן פאַרעפנטלעכט אין יענע און אין די שפּעטערדיקע יאָרן, — ווערק, וועלכע זיינען וועגן־און קען־צייכנס פון זיי און פון זייערע מיטווירקער און מיטשאַפער.

לעבנדיק אין ווין, דערנאָך אין בערלין, האָט ראובן בריינין פאַרעפנטלעכט כמעט אין אַלע העברייאישע, און שפּעטער אויך אין די יידישע טאָגבלעטער, צייטשריפטן, זאַמלביכער, הונדערטער אַרטיקלען, רייזע־באַשרייבונגען, שילדע־רונגען און איינדרוקן פון באַגעגענישן מיט די פאַרשיידנסטע אייראָפּייאישע, יידישע און ניט־יידישע שרייבער, פאָרשער, קינסטלער, דענקער, און וועגן די אַלערליי וויכטיקע ליטעראַרישע און קינסטלערישע געשעענישן. דערצו פאַרפאַסט ער ביאָגראַפיעס, מאָנאָגראַפיעס וועגן העברייאישע שרייבער (פרץ סמאָלענסקין, אברהם מאַפּו) און אַלץ — מיטן ווילן אַריינברענגען אין די געצעלטן פון שם (באהלי שם) די שיינקייטן פון דער דרויסנדיקער וועלט (יפיפותו של יפת).

און דר. חיים זשיטלאָווסקי גייט זיך עקשנותדיק אויף זיין אָנגעצייכנטן וועג — ער גרינדעט אין 1900 דעם „אַקאַדעמישן פאַרלאַג פאַר סאָציאַלע וויסנשאַפטן" אין דייטש, וואָס האָט איבערגענומען דעם זשורנאַל „סאָציאַליסטישע מאָנאַטס־העפטע". ער איז דער איניציאַטאָר פון דער „אַגראַר־סאָציאַליסטישער ליגע"

צו פאַרשפּרייטן סאָציאַליזם צווישן די פּויערן און אויך מיטן ציל צו פאַראייניקן אַלע רוסישע „נאַראָדניקעס״ (פאָלקיסטן). און אָט פּאָרט ער אַרום איבער פאַרשיידענע שטעט און לענדער, האַלט לעקציעס וועגן די פּראָבלעמען פון סאָציאַליזם, און איינע פון זיי — „וועגן סינטעטישן מאָניזם״, וואָס איז געוואָרן דער יסוד פאַר דער פילאָסאָפישער אָנשויאונג פון דער רוסישער סאָציאַל־רעוואָלוציאָנערער פּאַרטיי. ער באַטייליקט זיך אָפט אין די ראַדיקאַלע רוסישע זשורנאַלן און אויך אין נ. מיכאַילאָווסקיס באַוואוסטן זשורנאַל „רוסקאָיע באָגאַטסטוואָ״ (אַן אָפּהאַנדלונג „דער מאַטעריאַליזם און די דיאַלעקטישע לאָגיק״, — דערשינען אין בוכפאָרם, איבערגעזעצט אין יידיש, אין „דאָס נייע לעבן״, 1913).

ראובן ברייגין ווערט אַלצמער אַריינגעצויגן אין דער קינסטלעריש־ליטעראַרישער וועלט. אין זיין טאָג־בוך (העברייאיש, פון נאָוועמבער 1907) שרייבט ער טאַקע, אַז „קינסטלער און דיכטער זיינען שטענדיק מער אינטערעסאַנט ווי וויסנשאַפטלער. די ערשטע פאַרמאָגן זייער אייגענע וועלט. זיי קוקן אויף דער דרויסנדיקער וועלט מיט זייערע אייגענע אויגן און זיי גיבן אונדז שטענדיק אַ טייל פון זייערע אייגענע נשמות. אין דער צייט, וואָס די לעצטע, די וויסנשאַפטלער, זיינען געצוואונגען, לויט דער נאַטור פון זייער שאַפן, צו זיין אָביעקטיוו און זיי אבסטראהירן זיך גופא. זיי גיבן אונדז ניט זייערע נשמה־טראַכטעניש, ניט זייערע וויזיעס און טרוימען, נאָר פאַקטן, ציפערן, געזעצן און אַלגעמיינע אויסטייטשונגען... אונדזערע חכמים האָבן געזאָגט: „חכם עדיף מנביא״ — אַ דענקער איז מער, בעסער ווי אַ נביא. און איך זאָג: אַ נביא, אַ דיכטער, אַ קינסטלער איז בעסער, העכער פון אַ וויסנשאַפטלער, פון אַ וויסנשאַפטלעכן בעל־מלאכה״...

און אינטערעסאַנט, ווי דר. חיים זשיטלאָווסקי באַווייזט (אין זיינע זכרונות) ווי דער פּובליציסט האָט אַרויסגעשטויסן אין אים דעם פּאָעט. ער דערציילט, ווי ער האָט אַמאָל געאַרבעט אויף אַ פּאָעמע, און די אַרבעט האָט אים ניט באַפרידיקט. „מיינע געדאַנקען זיינען שוין ווייט־ווייט פון דעם ענין און פון דער ׳פּאָעמע׳. זיי שטעקן ערגעץ טיף אין אַ טעאָרעטישן פּראָבלעם און גראָבן זיך אין אים אַלץ טיפער און טיפער...״ און ווייטער: „...אָט טראַכט איך וועגן איינדרוקן פון לעבן, אָבער ניט ווי אַ קינסטלער, וואָס נעמט זיי ווי זיי זיינען, און וויל נאָר רעטושירן זיי, כדי בוילעטער צו מאַכן זייער תוך. איך טראַכט וועגן זיי ווי אַ ׳פּובליציסט׳.״ און דר. זשיטלאָווסקי אין זיינע באַמיאונגען זיך אַליין צו באַגרייפן, זאָגט: „אויך האָב איך באַמערקט, אַז אַרום קאָפּ פלעגט ווערן וואַרעם ניט פון פּאָעטישע חזיונות [אילוזיעס], נאָר פון טעאָרעטישע רעיונות [געדאַנקען]. בין איך, הייסט עס, גאָרניט קיין פּאָעט, נאָר אַ פּובליציסט, מיט אַ שטאַרקער נטיה [נייגונג] צו אַן אייגענעם טעאָרעטישן שאַפן...״

ווי טרעפלעך און ווי פּרעכטיק יעדער איינער פון זיי האָט כאַראַקטעריזירט זיך און זיינע אייגנשאַפטן!

6.

גאַר באַזונדערס און ספּעציעל גייען זיך פאַנאַנדער זייערע וועגן, זייערע שטימונגען אין די יאָרן 1905־1906, ווען עס הייבן אָן האַסטיק צו וואַקסן די רעוואָלוציאָנערע כוחות, ווען אויך אין דער יידישער וועלט הייבט זיך אָן אַ נייע אויפבּרויז־צייט, און די יידישע פאָלקס־מאַסן, און מיט זיי — די יידישע שפּראַך, הייבן אָן צו פאַרנעמען וויכטיקע פּאָזיציעס אין לעבן. דר. ח. זשיטלאָווסקי זאָגט זייער טרעפלעך וועגן דער צייט, אַז ביז אַהער האָט ער געאַרבעט פאַר יידן, און איצט קומט שוין אַ צייט, וואָס ער אַרבעט צווישן יידן. ער קומט קיין אַמעריקע, וואו ער פירט אָן פיל־פאַרצווייגטע טעטיקייטן און אַגיטירט פאַר זיין נאַציאָנאַל־יידישער פּראָגראַם. ער פאַרעפנטלעכט אַרטיקלען, אין צוגאָב צו זיינע דער־פאָלגרייכע רעפעראַטן, וואו ער פאַרטיידיקט און פאָרמולירט זיינע אידייען וועגן סאָציאַליזם, נאַציאָנאַליזם, אויטאָנאָמיזם א. אַז. וו. נאָך אַ קורצער צייט פון פאַרברענגען אין אַמעריקע, קערט ער זיך אום צוריק קיין אייראָפּע, וואו ער אַרבעט פּלייסיק פאַר ס״ר און פאַר די „סיימיסטן״. ער טרעט אַרויס מיט וויכטיקע קאַמף־אַרטיקלען, ווי „בריוו פון אַ יידישן סאָציאַליסט״, „דער עקאָנאָמישער מאַטעריאַליזם און די נאַציאָנאַלע פראַגע״, פּאָלעמיזירט מיט שמעון דובנאָוו („הער דובנאָווס גייסטיקער נאַציאָנאַליזם״) א. אַ.

לחלוטין אַנדערש איז דער געמיט־צושטאַנד ביי ראובן בריינין. דאָס זעען מיר אין די גאַנץ־פּעסימיסטישע און פאַרצווייפלטע בלעטער פון זיין העברייאישן אינטימען טאָגבוך, פון די יאָרן 1906־1908. ער געפינט זיך אין אַ זייער שווערער לאַגע, האָט פיל שטרויכלונגען און קלעפּ, ער איז פול מיט זאָרגן, מאַטעריעלע און גייסטיקע, ער איז ווי אַרויסגעריסן פון זיין באָדן, עס הערשט אין זיינע קרייזן אַ כאַאָס, ער פילט זיך איינזאַם, אָפּגעריסן און דערווייטערט פון אַלץ לעבעדיקס, — הכלל, דער באָדן און מיט אים אַלע אויפגעבויטע נאַציאָנאַל־העברייאישע בנינים, שאָקלען זיך, טרייסלען זיך. הקיצור, יגון ואנחה — ווייעט פון ראובן בריינינס טאָגבוך — אַ טרויעריקער דאָקומענט, אַ טרויעריקע מגילה פון אַ זייער טרויעריקער צייט פאַר אים און פאַר זיינע אַנשויאונגען.

ס׳אַר אַ שאַרפער אונטערשייד צווישן די צוויי וועלטן — אין וועלכע עס איז טעטיק איינער און עס לעבט — דער צווייטער!

און אָט ווידער אַ וויכטיקע קולטור־געזעלשאַפטלעכע געשעעניש אין דער יידישער וועלט, און מערקווירדיק, ווי פאַרשיידן און אַנדערשדיק עס האָבן עס אויפגענומען און אויף דעם רעאַגירט די צוויי שרייבער, — דער העברייאישער ראובן בריינין און דער יידישער דר. חיים זשיטלאָווסקי. שוין אין דעם אַליין זעט מען באַשיינפערלעך די צוויי יידישע פּערזענלעכקייטן, זייער מהות און כאַ־ראַקטער, זייער וועלט־באַנעם און לעבנס־פילאָסאָפיע. מיר מיינען די יידישע שפּראַך־קאָנפערענץ, וואָס איז פאָרגעקומען אין טשערנאָוויץ — אין אויגוסט 1908.

אין יענער צייט, אָנהייב 1908, איז שוין דר. חיים זשיטלאָווסקי דער אויס־געשפּראָכענער אויסגעהאַלטענער קעמפער פאַר יידיש. ער גרינדעט אין ניו־יאָרק

דעם חודש־זשורנאַל „דאָס נייע לעבן״, אין יוני 1908 גיט ער אַרויס אַ אינטע־רעסאַנט העפט: „דאָס פּראָגראַם און די צילן פון דער מאַנאַטשריפט״, וואָס איז גלייכצייטיק אַ באַגרינדונג פון זיין וועלט־באַנעם און זיין צוגאַנג צו פּראָבלעמען פונעם יידישן קולטור־שאַפערישן לעבן און פון זיין אויפפאַסונג פון דער יידישער שפּראַך. „עס איז פאַר אונדז זיכער און קלאָר, אַז זי האָט אין זיך די קראַפט אויסצודריקן די טיפסטע און פאַרוויקלסטע געדאַנקען פון וויסנשאַפט און פילאָ־סאָפיע; אַז אין איר, ווי אין יעדער אַנדערער קולטור־שפּראַך, קאָנען אַריבער־געטראָגן ווערן אַלע, אפילו די שווערסטע ווערק פון דער אַלמענטשלעכער לי־טעראַטור״. און ער באַטאָנט, אַז „ביי קיין פאָלק האָט ניט אַזוי אומפאַרשעמט לאַנג געדויערט דער צושטאַנד, ווי עס דויערט דאָס אומפאַרשעמטע שעמען זיך [׳צו רעדן און צו לייענען אין דעם ׳פאָלקס־זשאַרגאָן׳] פון דער יידישער אינ־טעליגענץ״.

דר. חיים זשיטלאָווסקי איז געווען איינער פון די איניציאַטאָרן פון דער שפּראַך־קאָנפערענץ אין טשערנאָוויץ און פון די אַלע ניו־יאָרקער איניציאַטאָרן איז ער — דער איינציקער — געפאָרן קיין טשערנאָוויץ, געווען איינער פון די וויכטיקע פירער־אָנפירער פון דער שפּראַך־קאָנפערענץ, וואו ער האָט ליידנשאַפטלעך געקעמפט פאַר דער חשיבות פון יידיש און דערנאָך — און אַזוי אַלע יאָרן — ניט אויפגע־הערט און ניט מיד געוואָרן צו וויזן די גרויסע און וויכטיקע ראָל, וואָס „טשער־נאָוויץ״ האָט געשפּילט אינעם יידישן קולטור־לעבן. אין עפנטלעכע מינדלעכע און שריפטלעכע אַרויסטרעטונגען האָט ער מיט אַלץ שטייגנדיקער באַגייסטערונג גערעדט וועגן טשערנאָוויץ. „די צוקונפט וועט באַווייזן, צי די גאַנצע שפּראַך־באַוועגונג איז געווען נאָר אַ קליינער פּאַראַגראַף אין דער געשיכטע פון יידישן פאָלק. צי [גאָר] אַ שער־בלעטל צו אַ גאַנץ נייעם פּרק״.. (זע אויספירלעכער וועגן דעם אין אונדזער אָפּהאַנדלונג וועגן דר. ח. זשיטלאָווסקין אין „פאַרגייער און מיטצייטלער״, ז״ז 173־181).

לחלוטין אַנדערש און פול מיט „עגמת־נפש און גייסטיקע יסורים״ האָט אויפ־גענומען די זעלביקע שפּראַך־קאָנפערענץ ראובן בריינין. ער פאַרצייכנט אין זיין העברייאישן טאָגבוך, דעם 9טן סעפּטעמבער 1908 (ער איז דאַן געווען אין מאָריענבאַד): „די ידיעות וואָס זיינען געווען אין די צייטונגען וועגן דער שפּראַך־קאָנפערענץ אין טשערנאָוויץ און די פּריוואַטע בריוו, וואָס איך האָב באַקומען פון דאָרטן, האָבן דערדריקט מיין געמיט, מיין גייסט און אַריינגעוואָרפן אַ קאַלטע פאַרצווייפלונג אין מיין האַרצן״. און ווייטער: „די דאָזיקע קאָנפערענץ איז אַ גייסטיקע מפּלה פאַר אונדזער פאָלק, אַ מאָראַלישע ירידה, און זי פאַרמאָגט אַ ביטערע היסטאָרישע איראָניע״. און ווייטער גיסט אויס זיין צעוויייטיקט האַרץ ר. בריינין אינעם טאָגבוך: „...ס׳איז געווען שווער פאַר מיר אָט דער טאָג, עס איז ווי אַ חורבן־טאָג פאַר אונדזער פאָלק, אַ גייסטיקער חורבן. אַ נייעם קאַלב האָבן די זשאַרגאָניסטן אָפּגעגאָסן און זיי האָבן גערופן צו אונדזער פאָלק; אָט דאָס איז דיין גאָט, ישראל!... זאָל זיין וואָס עס זאָל זיין, — און איך וועל זיך פאַר דעם קאַלב [עגל] ניט בוקן!...״

עס וואָלט כדאי געווען איבערצוזעצן אינגאַנצן די קינות פון ר. ברייניך, אָבער מיר האָבן דאָ קיין פּלאַץ ניט (מיר שיקן אָפּ די, וואָס אינטערעסירן זיך צום ב׳ 3 פון „כל כתבי ר. ברייניך״, ניו־יאָרק, 1940, ז״ז 257־259). מיר ווען ברענגען נאָך אייניקע אויסצוגן, וואָס גיבן אונדז אַ באַגריף, ווי ר. ברייניך איז געווען דערשיטערט פון די רעזאָלוציעס פון דער קאָנפערענץ: „צוליב אונדזערע זינד זיינען מיר פאַרטריבן געוואָרן פון אונדזער לאַנד, און צוליב אונדזער אָפּגע־לאָזנקייט וועט די העברייאישע שפּראַך, די שפּראַך פון אונדזערע נביאים, פאַרגעסן ווערן. מיט אונדזערע אייגענע הענט פאַרלעשן מיר דאָס לעצטע ליכט, מיט אונדזערע אייגענע הענט ווישן מיר אָפּ אונדזער ירושה, און מיר וועלן פאַרבלייבן אָרעם, די טויזנט־יאָריקע קולטור ווערט אויסגעמעקט פון אונדזער נאַציאָנאַלן ווערק, און אָנשטאָט דעם — וועט זשאַרגאָן פאַרנעמען דאָס אָרט. און אונדזער תורה וועט זיך אָנהייבן ניט פון בראשית [און די תורה האָט זיך באַדאַרפט אָנהייבן פון בראשית], נאָר פון ׳בבא־מעשיות׳...״ (ז״ז 258־259).

אָט אַזוי האָט דער סענסיטיווער העברייאישער ראובן ברייניך אויפגענומען די טשערנאָוויצער שפּראַך־קאָנפערענץ און געזען אין איר בלויז אומגליק, פאַר־ראַט לגבי דער יידישער קולטור־געשיכטע.

7.

אָבער דאָס לעבן, די ווירקלעכקייט איז אַ גוטער רופא. אין די ווייטערדיקע יאָרן קומען פאָר נייע געשעענישן, נייע אַנטוויקלונגען, און ראובן ברייניך ווערט אויסגעהיילט פון זיין דערשיטערנדיקן געמיט־צושטאַנד.

אינעם אַריינפיר צו זיין „לעבנס־בוך״, געשריבן אין 1923, זאָגט ר. ברייניך: „... איך בין שטענדיק געווען הונגעריק און דורשטיק נאָך לעבעדיקע, דענקנ־דיקע מענטשן, צו וואָס פאַר אַ שול, אָדער צו וואָס פאַר אַ פּאַרטיי אָדער קרייז זיי זאָלן ניט געהערן ... און איך מוז צוגעבן, אַז איך האָב אויך פון מיינע אידייען־קעגנער פיל געלערנט״... און מיר, פון אונדזער זייט, וועלן צוגעבן, אַז ער האָט אויך פיל געלערנט פונעם אַרומיקן לעבן גופא.

אין 1910 קומט ראובן ברייניך קיין אַמעריקע, קיין ניו־יאָרק. לכתחילה גיט ער אַרויס אַ העברייאיש וואָכנבלאַט „הדרור״, און ער פאָרט דערנאָך אַריבער קיין מאָנטרעאָל, קאַנאַדע, וואו ער דערנעענטערט זיך, דערוויל אפשר מעכאַ־ניש, צו יידיש, צו יידישער קולטור־געזעלשאַפטלעכע טעטיקייטן, און ער באַ־מערקט גאָר אַליין ניט, ווי ער ווערט איבערגעאַנדערשט, פאַרענדערט. אין זיין טאָג־בוך, וואָס איז פאַרעפנטלעכט, פעלן אויס בלעטלעך פון עטלעכע יאָר, — פון 1909 ביז 1914, — ווייסן מיר ניט גענוי די פּרטים פון זיין איבערוואַנדלונג אין אָט די יאָרן. צו זיין 52סטן געבוירנטאָג, פּורים 1914, שרייבט ער אַריין אינטע־רעסאַנטע שורות: „ס׳איז די נאַכט פון מיין געבוירנטאָג. איך גיב זיך אָפּ אַן אייגענעם דין־וחשבון. איך באַטראַכט מיין לעבנס־גאַנג. איך פּרוביר אונטער־צופירן אַ סך־הכל פון מיינע אַרבעטן און פון מיינע באַשטרעבונגען, איך פאַר־

גלײך מײן װילן צו מײנע מעגלעכקײטן. איך קוק אויף צוריק און איך דרינג אַרײן אין דער צוקונפט, און איך געפין אויס, אַז עפּעס אַ געהײמע האַנט פירט אָן און געוועלטיקט איבער מײן גורל״.

פאַרשטײט זיך, אַז דאָס וואָס אים איז אויסגעקומען זיך אײנצושפּאַנען אין אַ טעגלעכער צײטונג, וואו ער האָט באַדאַרפט צושטעלן הונדערטער שורות אַ טאָג, — דאָס האָט אים ניט געקאָנט באַפרידיקן. דאָ, אין 1914, האַלט ער נאָך אַלץ, אַז ער שרײבט ייִדיש — „אַ שפּראַך, וואָס מײן נשמה איז ניט פאַרבונדן מיט איר״, — ער זעט אין דעם „אַ שטראָף פאַר באַגאַנגענע און ניט־באַגאַנגענע זינד״... אָבער ער גופא גיט צו, אַז „מײנע אַרבעטס־פעיִקײטן האָבן זיך זײער געמערט און געשטאַרקט״. מען דאַרף אויך נעמען אין באַטראַכט, אַז מיט 50 יאָר צוריק אין מאָנטרעאָל געװען אַ פּראָװינץ־שטאָט, און ראובן ברײנינען, דעם וועלט־ייִד און וועלט־מענטש, איז דאָרט געװען זײער ענג. אָבער עס איז קײן ספק ניט, אַז דאָס טרעפן זיך פּנים אל פּנים מיט פאַרשײדענע ייִדישע מענטשן, מיט אַלערלײ ייִדישע טאָג־טעגלעכע פראַגן האָט דאָך געהאַט אויך גוטע פּאָזיטיווע מאָמענטן. פיל פאַרעפנטלעכע בלעטער (פונעם העברעיִשן טאָגבוך, געשריבן אין מאָנטרעאָל) גיבן אונדז איבער אינטערעסאַנטע אײנצלהײטן פון זײן דאָרטיקן לעבן. אָנהײב 1917 טרעפן מיר אים שוין אין ניו־יאָרק, — און מיט אַן איבער־רײס פון עטלעכע װאָכן (יוני 1911), — װען ער מאַכט אַ רײזע קײן אײראָפּע, — איז ראובן ברײנין װידער אין ניו־יאָרק און ס׳הײבט זיך אָן פאַר אים אַ אינטע־רעסאַנט פילקאָלירנדיק לעבן, מיט פאַרשײדענע פּאַסירונגען און געשעענישן, וואָס ציט זיך איבער 19 יאָר, — עס זײנען די װיכטיקסטע פּעריאָדן, טײלן פון זײן רוישיק, רײך לעבן, װען ער האָט געהאַט באַרג־אַרויפן און באַרג־אַראָפּן, אַלערלײ איבערלעבענישן, צײטן, װען ער געפינט זיך אין סאַמע אויבנאָן פון דעם נאַציאָנאַל־העברעיִשן קולטור־שאַפערישן לעבן, און דערנאָך, נאָך זײן באַ־זוך אין סאָװעטנפאַרבאַנד, און זײנע מינדלעכע און שריפטלעכע אַרויסטרעטונגען, — ווערט ער פון אײן טײל ייִדישער געזעלשאַפט דערװײטערט און איזאָלירט און פון אַ צװײטער טײל — דערנענטערט, פאַרערט און טיף און הויך געשעצט.

אינעם טאָגבוך, װאָס ראובן ברײנין האָט געשריבן פאַר זיך און אין וועלכן ער האָט אַרײנגעטראָגן, װי ער דריקט זיך אויס אַלײן „בלויז די אײגענע האַרץ־און נשמה־ציטערן און װאָקלענישן״ און וואו „ער גיט אַ פולשטענדיקע פרײהײט פאַר זײנע טראַכטענישן, געפילן און אײנדרוקן״, — אינעם טאָגבוך געפינען מיר אַ שליסל צו זײנע איבערוואַנדלונגען און אויך צום גײסטיקן איבערבראָך, װאָס איז פאַרגעקומען אין אים.

אָט לײענען מיר אַ פאַרצײכעניש, װאָס ער האָט געמאַכט אין ניו־יאָרק, דעם 8טן אַפּריל 1921, נאָך האַלבער נאַכט: „ . . . איך בין געװען אויך הײנט אין דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע, און יעדעס מאָל, װאָס איך קום אַרײן אַהין, װער איך דערשיטערט ביזן גרונט. ניטאָ קײן ייִדישער גײסט אין דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע — מען האָט דאָרטן פײנט די ייִדן און באַזונדערס — די ייִדישע פאָלקס־מאַסן, און אויך די ייִדן, װעלכע האָבן נאָך ניט פאַרלוירן זײער ייִדישן

גייסט, וועלכע האָבן נאָך ניט באַוויזן אײַנגאַנצן זיך צו אַמעריקאַניזירן, און אוודאי און אוודאי קאָנען זיי ניט פאַרלדיין די יידן, וואָס רעדן זייער שפּראַך, יידיש אָדער העברייאיש. די אַמעריקאַנער ציוניסטן האָבן אויף זייער חשבון אויסגעהאָדעוועט און אויסגעכאָוועט באַאַמטע [פּקידים], וועלכע האָבן זיי פיינט און זיינען זיי מבזה [מעוואַזע], — באַאַמטע און באַדינער, וואָס דערנידעריקן און טויטן אָפּ דעם אמתן ציוניזם" (ז' 397).

און אויף מאָרגן, דעם 9טן אַפּריל, שרייבט ר. ברײַנין אָן אַ לענגערע פאַר־צייכענונג פון עטלעכע זייטן, ווי ער וואָלט אַדורכגעמאַכט אַ האַסטיקן, דראַסטישן גייסטיקן (און אויך פיזישן, פסיכישן) קריזיס, און „עס האָט זיך אין אים דער־וועקט אַ ווילן, אַ דראַנג צו אַרבעט, און אויך צו קעמפן קעגן די פאַרדאַרבער פון אונדזער אויפלעבונג".

לאָמיר זיך אומקערן צו דר. חיים זשיטלאָווסקי, פון די זעלביקע יאָרן, און גאָר בקיצור אָנמערקן זיין גאַנג, ווען ער איז געווען געוואַלדיק שאַפעריש־פּראָ־דוקטיוו סיי מינדלעך און סיי שריפטלעך. מיר האָבן די פאַרשטעלונג, ווי אַדאַנק טשערנאָוויץ זיינען געעפנט געוואָרן ביי אים פאַרשיידענע באַהאַלטענע קוואַלן. סוף 1909 האָט אָנגעהויבן צו דערשיינען דער מאָנאַטלעכער זשורנאַל „דאָס נייע לעבן", וואָס איז אויך געווען דאָס נייע לעבן פון דעם רעדאַקטאָר און הויפּט־מיט־אַרבעטער פונעם זשורנאַל. אין 1909 פאָרט ער אַרום איבער אַמעריקאַנער שטעט און האַלט פאַרטיפטע אינטערעסאַנטע לעקציעס, וואָס אַזעלכע האָט מען ביז אים דאָ ניט געהאַלטן. אין 1910 דערשיינט זיין וואָגיק ווערק: „די פילאָסאָפיע, ווי זי איז און ווי זי האָט זיך אַנטוויקלט" (2 בענד, קנאַפּע 600 זייטן).

8.

מיר האָבן ניט קיין מעגלעכקייט אויסצורעכענען אַלדאָס, וואָס דר. חיים זשיטלאָווסקי האָט באַוויזן אויפצוטאָן אין די אַלע וויטערדיקע יאָרן. אין 1911 פאַרמעסט זיך דר. זשיטלאָווסקי אָנצושרייבן די „גייסטיקע געשיכטע פונעם יידישן פאָלק" (אין 6 בענד) צום 25סטן יובל פון זיין ערשטער אַרבעט. ער גרייט שוין מאַטעריאַל, אָבער דערנאָך האָט ער איבערגעריסן די אַרבעט. אין 1912 דערשיינען זיינע ערשטע 4 בענד „געזאַמלטע שריפטן". אין 1913 מאַכט ער אַ לעקציע־טור איבער די סטודענטישע קאָלאָניעס פון פראַנקרייך, בעלגיע, דייטשלאַנד, עסטרייך און שווייץ. ער פאַרעפנטלעכט דאָן אין „יידישע וועלט" (ווילנע) זיין באַוואוסטן אַרטיקל: „ווען און ווי אַזוי איך בין געוואָרן אַ יידישיסט". אין 1914 באַזוכט ער ארץ־ישראל, מיט זייער פיל כוונות און דערוואַרטונגען, אָבער פאַרלאָזט גיך דאָס לאַנד צוליבן טעראָר פון די העברייאיסטן־פאַנאַטיקער, וועלכע האָבן ניט דערלאָזט אים עפנטלעך אויפטרעטן אין יידיש. ביים אויסברוך פונעם וועלט־קריג קומט ער צוריק קיין אַמעריקע. אין 1914 (נאָוועמבער) הייבט ער אָן מיטצו־אַרבעטן אין „טאָג". אין 1915 באַטייליקט ער זיך אין דער באַוועגונג פאַרן „אַמעריקאַנער יידישן קאָנגרעס", ווערט נעענטער צו די פּועלי־ציון, און אַזוי כסדר.

אין די אַלע יאָרן גײט בײַ אים האַנט־אין־האַנט „מדרש" און „מעשה", טעאָרעטישע אויפקלערונגען און פּראַקטישע מעשים. ער פֿאַרפֿענטלעכט פֿיל אָפּהאַנדלונגען, פֿילאָסאָפֿישע און געזעלשאַפֿטלעכע, אָפּהאַנדלונגען וועגן פֿאַרשײדענע תקופֿות אין דער ייִדישער געשיכטע. אין 1922 באַנײַט ער דעם זשורנאַל „דאָס נײַע לעבן" (צוזאַמען מיט ש. ניגער). אין 1923־1924 באַזוכט ער די ייִדישע ישובֿים אין אײראָפּע און אומעטום קומט ער אין באַריר מיט אַ גרויסן עולם פֿאַרערער, חסידים און תּלמידים.

עס איז אינטערעסאַנט און כאַראַקטעריסטיש די צװײ יובֿל־פֿײַערונגען פֿון ראובן ברײַנין און דר. ח. זשיטלאָװסקי צו זײער אַלט װערן 60 יאָר — דער ערשטער — אין 1922, דער צװײטער — אין 1925. די יובֿל־קאָמיטעטן, די יובֿל־זאַמלונגען, די אָפּהאַנדלונגען לכּבֿוד און װעגן די צװײ יובֿילאַרן — דאָס אַלײן איז אַן ענין פֿון אַ באַזונדערער באַטראַכטונג און באַהאַנדלונג — עס איז װי צװײ גאַנץ באַזונדערע גײַסטיקע װעלטן בײַ דעם אין ייִדישן פֿאָלק, װעלכע האָבן, אויסערלעך, װײניק באַריר און געמײנזאַמע פּונקטן.

אין די װײַטערדיקע יאָרן איז יעדער אײנער פֿון די צװײ אויסגעשפּראָכענע שרײַבער־דענקער, יעדער אויף זײַן אופֿן און שטײגער, פֿאַרנומען מיט שמידן די רינגען פֿון זײערע אײגענע גאָלדענע קײטן. ראובן ברײַנין, נאָכן פֿאַרלאָזן קאַנאַדע (סוף 1916), װאו ער האָט פֿאַרעפֿנטלעכט הונדערטער אַרטיקלען, עסײען, הײבט אָן (אין 1919) מיטצואַרבעטן אין „ייִדישן טאָגעבלאַט" און דערנאָך אין „טאָג". און אין די אַלע אַרטיקלען, זכרונות, באַגעגענישן מיט פֿאַרשײדענע גרויסע ייִדן און ניט־ייִדן האָבן מיר גלײַכצײַטיק אויך פֿיל װיכטיקע שטריכן און מאָמענטן פֿון ראובן ברײַנין דעם מענטש און שרײַבער. ער אַלײן זאָגט װעגן זײַנע זכרונות: „איך האָב בײַ יעדער געלעגנהײט געזוכט צו האָבן אַ שאַרפֿן װיכּוח מיט קעגנער פֿון מײַנע אײגענע אָנזיכטן װעגן ייִדישע פּראָבלעמען, װעגן פֿאַרשײדענע ריכ־טונגען אין דער פֿילאָסאָפֿיע, ליטעראַטור און קונסט װי װעגן אַלגעמײנע װעלט־און לעבנס־פּראָבלעמען. און איך מוז צוגעבן, — איך האָב אויך פֿון מײַנע אידײען־קעגנער פֿיל געלערנט" („פֿון מײַן לעבנס־בוך", ז׳ 28).

ראובן ברײַנין אַלײן באַטאָנט (אין 1936, אין דער הקדמה צום צװײטן באַנד פֿון זײַנע העברײיִשע שריפֿטן, ניו־יאָרק), אַז „צוטרעטנדיק אַרויסצוגעבן זײַנע װערק אין העברײיִש, מוז ער אַפֿריער זאָגן אָפֿענע און קלאָרע װערטער װעגן דער ענדערונג, װאָס ער האָט אַדורכגעמאַכט אין משך פֿון יאָרן אין זײַנע מײנונגען און אָנשױאונגען װעגן דער גרויסער װעלט בכלל און דער ייִדישער בפֿרט". און דערבײַ, מיט דער אָפֿנהאַרציקײט, װאָס איז כאַראַקטעריסטיש פֿאַר אים װען ער רעדט װעגן זיך, שרײַבט ער: „איך האָב ניט געקאָנט שטײן בלײַבן די גאַנצע צײַט אויף אײן באַשטימטן און פֿאַרגליװערטן פּונקט. איך האָב מיך אָװעקגערוקט פֿון מײַן פּלאַץ — און לחלוטין נײַע האָריזאָנטן האָבן זיך אַנטפּלעקט פֿאַר מיר, אין דער צײַט, װאָס מײַנע נעכטיקע חבֿרים, — דאָס רובֿ העברײיִשע שרײַבער, — זײַנען פֿאַרבליבן שטעקן אויף זײערע ערטער, װי זײ װאָלטן געװען צוגעקלאַפּט צו זײערע ערטער מיט טשװעקעס. און פֿאַרשטײט זיך, אַז עס איז געװאַקסן דער

מהלך [דיסטאַנץ] צווישן אונדז. טיפע אָפּגרונטן טיילן אונדז פאַנאַנדער״.

און מיט אַנדערע ווערטער רעדט דר. ח. זשיטלאָווסקי גופא וועגן די סתירות, וואָס ער פאַרמאָגט: „מיינע ווידערשפּרוכן — און אַזעלכע זיינען געוויס געווען — זיינען אַ פּועל־יוצא פון פאַרשיידענע אומשטענדן און פאַרשיידענע צייטן. עס שטאַמט פון דעם ווילן צו כאַפּן דעם אמת, אַמאָל אין איין טייל, אַמאָל — אין אַנ־דער טייל. אָבער דאָס זיינען ווידערשפּרוכן לפנים [אויסערלעכע], ווידערשפּרוכן — אײדער מ׳טראַכט זיך אין זיי אַריין״. און אַמאָל האָט ער געזאָגט וועגן זיך אירא־ניש: „פון דר. זשיטלאָווסקין איז ניט אויסצוהאַלטן — טענהט מען, — אָט איז ער אַזוי, און שפּעטער ליאַרעמט ער וועגן גאָר אַנדערש. אָט דרינגט ער, אַז היינט איז שבת, און אָט — אַז היינט איז זונטיק. אָבער... דערוויל איז טאַקע אַוועק שבת, און ס׳איז געקומען זונטיק״.

און ווען ראובן בריינין איז אַלט געוואָרן 75 יאָר (1937) האָט ער געשריבן וועגן זיך: „די אינערלעכע וועלט פונעם שרייבער איז רייך און פילפאַרביק, ער איז פול מיט אינערלעכע ווידערשפּרוכן און מיט טיפע קעגנזאַצן... — — — — יעדער ריכטיקער שרייבער און קינסטלער האַלט שטענדיק אין איין שטערבן און בענקען נאָך העכערס און שענערס, אין איין האָפן און אַנטוישן זיך. צו גלייכער צייט שטויסט ער די מענטשן פאַראויס, און ער ווערט אַליין אויך געשטויסן״... (זע „פון מיין לעבנס־בוך״, ז׳ 26).

9.

און עס גייט אַזוי ביי די צוויי שרייבער דער ווייטערדיקער וועג, אַ זיגזאַגי־שער, און מיט רויזן און דערנער און מיט שטערונגען און שטרויכלונגען. זיי ווערן געטריבן פון אייגענעם אומרו, און זיי באַמיען זיך צושלאָגן צו אַ רואיקן ברעג. זיי בויען זייערע היימען, פאָרן פון שטאָט צו שטאָט, פון לאַנד צו לאַנד, און כסדר מיט אַ געוואַלדיקן דורשט און דראַנג צו טרעפן זיך מיט מענטשן, מיט פאַר־טרעטער פון אידייען, פון גייסטיקע וועלטן. ראובן בריינין אינעם „אַריינפיר״ צו זיין לעבנס־געשיכטע (געשריבן אין 1923) זאָגט גאַנץ קלאָר: „איך האָב זיך קיינמאָל ניט געוואָלט, און אויך לויט מיין טעמפּעראַמענט און ווען ניט געקאָנט, איינשליסן אין אַן ענגן קרייז... גראָד אין די קרייזן פון אידייען־קעגנער, אין קרייזן פון אַנטקעגנזעצטע ריכטונגען, האָב איך געשמידט און געגרונדעט [געגרונדיקט] מיינע נאַציאָנאַלע אָנזיכטן״... (ז׳ 27).

און מיט אַנדערע ווערטער האָט דר. חיים זשיטלאָווסקי אין איינער אַ גע־זעגענונגס־רעדע, וואָס איך האָב אָפּגעשריבן אין וואַרשע אין 1928, געזאָגט וועגן זיך: „... איך האָב געוואָלט און געשטרעבט אַריינצוטראָגן אין דער יידישער קולטור דעם גייסט פון פאָרשן, פון ניט־צופרידנקייט און דעם גייסט פון ווידער־שפּרוכן, און אויך אויסצולערנען יעדן איינעם ווי צו באַקעמפן דעם קעגנער״.

און אַ מערקווירדיקע זאַך, — און ווער וואָלט עס אַמאָל געקאָנט זיך פאָר־שטעלן, — אַז אָט די צוויי גאַנץ פאַרשיידענע דענקער־שרייבער זאָלן זיך אין די לעצטע יאָרן פון זייער לעבן, פון זייערע געראַנגלענישן אין דער יידישער וועלט,

— זאָלן אַדורכמאַכן אַ געמיינזאַמען, בשותפותדיקן וועג און דערגיין כמעט צו איין פונקט, צו איין ציל.

עס שטייט געשריבן: „טורא בטורא לא פגע, אינש באינש פגע״, — אַ באַרג מיט אַ באַרג קאָן זיך ניט צונויפטרעפן, אָבער אַ מענטש מיט אַ מענטשן טרעפט זיך יאָ צונויף.

די לעצטע צען־צוועלף יאָר פון זייער לעבן האָבן די צוויי „דערוויי̇טערטע״ זיך דערנעענטערט, די צוויי „פרעמדע״ האָבן זיך פאַראייניקט...

און אָט דער רייכער קאַפּיטל אין דער לעבנס־געשיכטע פון די צוויי גדולי־הדור איז אַ זייער און זייער אינטערעסאַנטער, קאָלירפולער, פול מיט איבעראַשנדיקע דראַמאַטישע פּאָליטיש־געזעלשאַפטלעכע און קולטור־שאַפערישע פּאַסירונגען אין אונדזער יידישער קולטור־געשיכטע.

דאָס לעבן בכלל און דאָס יידישע לעבן בפרט און די אַלע קאַטאַקליזמען און די אַלע ניט־געדאַכטע און ניט־געאַנטע געשעענישן אין דער וועלט האָבן גע־בראַכט און געפירט דערצו, אַז ראובן ברייני̇ן און דר. חיים זשיטלאָווסקי, ניט צונויפגערעדטערהייט, זיי, די אויסגעהאַלטענע קעמפער און די אומקאַפּראַמיסלעכע טרעגער פון באַזונדערע אידייען און אידעאַלן, — זאָלן אין יענע יאָרן ווערן פריינט און פאַרטיידיקער פון דעם ניט פּאָפּולערן, אין די רעכטע סאָציאַליסטישע און בירגערלעכע קרייזן, סאָוועטנפאַרבאַנד. און זיי האָבן, ווי באַוואוסט, דערפאַר באַצאָלט אַ גאַנץ הויכן פּרייז... אָבער זיי האָבן זיך דערפאַר ניט דערשראָקן, און די אַלץ־וואַקסנדיקע ביטערע שנאה צו זיי האָט זיי ניט אָפּגעשראָקן...

10.

ראובן ברייני̇ן און דר. חיים זשיטלאָווסקי האָבן אויף זייערע עלטערע יאָרן זיך זייער שווער „פאַרזינדיקט״. זיי האָבן אַרויסבאַוויזן טיפע סימפּאַטיע צום סאָוועטישן יידנטום און בשעתם געלייגט גרויסע האָפענונגען אויף דער געראַכ־טער ליי̇זונג פון דער יידן־פראַגע אין ראַטנפאַרבאַנד פון יענע יאָרן.

דעם 2טן יוני, 1934, אויף דער פייערונג פון דער פּראָקלאַמירונג פון דער יידישער אויטאָנאָמיע אין ביראָבידזשאַן, האָט ר. ברייני̇ן, ווי פיל יידישע שריי־בער און טוער, דערקלערט: „איך בין איבערצייגט אַלס מענטש און אַלס ייד, וועלכער גלויבט אין דעם לעצטן נצחון פון דער סאָציאַליסטישער גערעכטיקייט אויף די יסודות, אויף וועלכע עס איז געגרינדעט דער ראַטנפאַרבאַנד, אַז די ביראָ־בידזשאַנער דעקלאַראַציע איז אַ וועלט־פּאַסירונג פון דער גרעסטער באַדייטונג״. און אין דער זעלביקער דערקלערונג האָט ער צוגעגעבן: „ווען איך האָב נאָך מיין ערשטן באַזוך אין ראַטנפאַרבאַנד, מיט אַכט יאָר צוריק, זיך געווענדעט צום וועלט־יידנטום מיט אַן ענערגישן רוף צו מיטאַרבעט אין דער יידישער קאָלאָ־ניזאַציע אין קרים און אין אוקראַינע, בין איך פון מיינע נעכטיקע פריינט, מיט וועלכע איך האָב געאַרבעט צענדליקער יאָרן, דערקלערט געוואָרן אַלס אַ פאַר־רעטער״.

און דאָס נעמלעכע איז, נאָך אין אַ פאַרגרעסערטער פאָרם, פאָרגעקומען מיט דר. חיים זשיטלאָווסקי, וואָס זיינע אַלטע פריינט, חסידים, נאָכפאָלגער, פאַרערער האָבן אים דערקלערט, פאַר זיין פאַרטיידיקן, אין געוויסע פאַלן און אין געוויסע מאָמענטן, סאָוועטנפאַרבאַנד, פאַר אַ שונא פונעם יידישן פאָלק און מען האָט זיך ניט אָפּגעשטעלט, ווי באַקאַנט, פאַר ווילדע פעלשונגען און מיאוסע בלבולים צו דיסקרעדיטירן זיין שווער־פאַרהאָרעוועטן דערהויבענעם נאָמען.

און נאָך אַ ניט־פאַרגעבלעכע „זינד״: זיי ביידע (און דר. ח. זשיטלאָווסקי פיל מער און אַקטיווער)) זיינען דאָך געווען פריינט, סימפּאַטיקער און שטיצער פונעם „איקוף״...

און דאָס סאַמע טרויעריקסטע — די פאַרלוימדונגען און די אָנפאַלן אויף זיי ביידן האָבן זיך ניט אָפּגעשטעלט אויך נאָכן טויט פון די צוויי פאַרדינסטפולע גרויסע שרייבער־דענקער, די וואונדערלעכע טרוימער און קעמפער פונעם יידישן רענעסאַנס פאַר די לעצטע יאָרצענדליקער.

זיי זיינען געשטאָרבן כמעט אין איין עלטער, אַ צוויי יאָר איידער זיי האָבן דערגרייכט צו זייערע 80 יאָר, — ראובן ברײנין — דעם 30סטן נאָוועמבער 1939, און דר. חיים זשיטלאָווסקי — דעם 6טן מאַי 1943.

.1962



ד״ר חיים זשיטלאָווסקי

וויכטיקע דאַטעס
אין לעבן און אין שאַפן
פון ראובן בריינין

1862 דעם 16טן מערץ, געבוירן געוואָרן אין שטעטל ליאַדי, מאָהילעווער גוב. דער פאָטער — ר׳ מרדכי, אַ וואויל־לערנער, אַ משכיל.

1866 אָנגעהויבן לערנען אין חדר.

1868 שוין גענומען לערנען גמרא.

1875 באַקענט זיך מיט אַ ישיבה־בחור, וואָס דערנעענטערט אים צו השכלה־ספרים. הייבט־אָן לייענען ליידנשאַפטלעך. ווייזט אַרויס באַזונדערן אינטערעס פאַר מאַטעמאַטיק, וואָס זיין פאָטער, דער בעל־חשבון, דערוועקט אין אים.

1878 ווערט פאַרכאַפּט פון ח. ז. סלאָנימסקיס ספר „יסודי חכמת השיעור״, וואָס דער פאָטער ברענגט אים אַ מתנה. דער זיידע זיינער כאַפּט אים ביים „טרייף פסול״.

1879 אונטערן איינדרוק פון אברהם מאַפּוס „עיט צבוע״ און זיין העלד, דעם משכיל נעמן, באַשליסט ער זיך לערנען אַגראָנאָמיע. לאָזט זיך קיין האָרקי, צו לערנען דאָרט אין דער אַגראָנאָמיע־שול. קאָן נישט אויסקומען מיטן דירעקטאָר, דעם אַנטיסעמיט, און פאָרט אַריבער דערנאָך קיין סמאָלענסק.

1880 אין סמאָלענסק, באַקענט ער זיך נעענטער מיט דער רוסישער ליטעראַטור, לייענט די רוסישע קלאַסיקער און קריטיקער. לייענט פלייסיק העברעיִשע ביכער. געפינט זיך אונטערן איינדרוק פון מ. ל. ליליענבלומס „חטאת נעורים״ און פרץ סמאָלענסקינס „השחר״, זיינע דערציילונגען און ראָמאַנען. גרייט זיך אַלס עקסטערן צו די העכערע קלאַסן פון גימנאַזיע. שטודירט גלייכצייטיק דייטש און פראַנצויזיש.

פאַרעפנטלעכט זיין ערשטן בריוו אין העברעיִשן „המליץ״.

1882 זעצט פאָר צו דרוקן בריוו און מאמרים אין „המליץ״.

1884 באַזוכט ווילנע, וואו ער באַקענט זיך מיט די עלטערע העברעיִשע און יידישע שרייבער־משכילים. דערציילט מיט יאָרן שפּעטער די איינדרוקן פון יענעם באַזוך.

פאַרעפנטלעכט אין דער וואַרשעווער „הצפירה״ אייניקע סקיצן, שילדערונגען פונעם יידישן לעבן.

1885 צוגעשיקט צו ח. ז. סלאָנימסקי זיינע „חידושים אין דער העכערער מאַטעמאַטיק״, באַקומט פונעם אַלטן אַן ענטפער מיט לויב־געזאַנגען. דער ענטפער פאַרעפנטלעכט אין „המליץ״, מערץ 1888.

נאָך פרץ סמאָלענסקינס טויט אָנגעשריבן אין אַ האַלב־בעלעטריסטישער פאָרם „גסיסת הסופר״, וואו געשילדערט סמאָלענסקינס קינדער־יאָרן און פריצייטיקן טויט.

1887 פאַרעפנטלעכט אַרטיקלען אין „המליץ״ אונטער דער רעדאַקציע פון י. ל. גאָרדאָן, ווערט באַפריינדט מיטן דיכטער.

באַזעצט זיך אין מאָסקווע, וואו באַטייליקט זיך אינעם סטודענטישן פאַראיין „בני ציון״, אין דער העברעיִשער באַוועגונג און „שפה ברורה״, טרעט אויף אין העברעיִש אויף פאַרזאַמלונגען. איין צייט — סעקרעטאַר ביי ק. ז. וויסאָצקי. די יאָרן אין מאָסקווע באַשרייבט דערנאָך אויספירלעך אין זיינע זכרונות.

1888 פאַרעפנטלעכט אין „המליץ״ זיין באַוואוסטן אַרטיקל „עוצו עצה״ וועגן דער שווערער לאַגע פון טאַלאַנטירטע יידישע יונגעלייט.

1889 אל. צעדערבוים לאַדט אים איין קיין פּעטערבורג אַלס שטענדיקן מיטאַרבעטער אין „המליץ", וואו ער באַקענט זיך מיט די העברייאישע און רוסיש־יידישע שרייבער.

1891 פאַרלאָזט רוסלאַנד. אויפן וועג קיין ווין, שטעלט זיך אָפּ אין וואַרשע, וואו ער באַקענט זיך מיט ח. ז. סלאָנימסקי, וועלכער ראָט אים זיך פאַרנעמען מיט מאַטעמאַטיק און פאַרלאָזן צו שרייבן מעשיות און מאמרים.
דעביוטירט אין יידיש אין זאַמלבוך „דאָס הייליקע לאַנד" מיט אַן אַרטיקל „איין ערנסט וואָרט — אַן די חובבי ציון".

1892 באַזעצט זיך אין ווין, וואו הערט לעקציעס אין אוניווערסיטעט און גלייכצייטיק אין א. ה. ווייסעס ראַבינער־סעמינאַר. באַקענט זיך און באַפריינדט זיך מיט די דייטש־יידישע געלערנטע און דענקער.
צוזאַמען מיט ד"ר נתן בירנבוים געגרינדעט אַ פּאָליטישן קאָמיטעט, וואָס שטעלט זיך די אויפגאַבע צו פירן אַן אַגיטאַציע פאַר דער אויפלעבונג פון יידישן פאָלק, אין ארץ־ישראל. פאַרעפנטלעכט אין פרידריך קרויסנס „אַן אורקוועל" אייניקע זאַכן פון יידישן פאָלקלאָר מיט דערקלערונגען אויף דייטש.
עס דערשיינט זיין ביכל „מגבורי ישראל" („תמונות וציורים").

1893 דרוקט אָפּ אַן אַרטיקל אין בירנבוימס צייטשריפט „זעלבסטעמאַנציפּאַציאָן" וועגן מאַקס נאָרדויס בוך „ענטאַרטונג". דער אָנהייב פון זיין נאָענטקייט צו מאַקס נאָרדוי.

1894 צוגעטראָטן אַרויסגעבן דעם העברייאישן זשורנאַל „ממזרח וממערב", דערשינען 3 העפטן, וואָס האָבן אַרויסגערופן גרויס אויפזען אין דער יידישער וועלט. דאָס לעצטע העפט דערשינען אין בערלין אין 1899.

1896 לעבט אין בערלין, וואו, אגב, באַקענט זיך מיט מ. י. בערדיטשעווסקי און אחד־העם, וועלכער קומט אַהין אַרויסגעבן דעם „השלוח".

1897 באַטייליקט זיך אינעם ערשטן ציוניסטישן קאָנגרעס. ווערט באַפריינדט מיט ט. הערצל, מאַקס נאָרדוי א. א.
רעדאַקטירט דעם זשורנאַל „ציון" (אין 3 שפּראַכן — דעם דייטשן טייל — ד"ר נ. בירנבוים, דעם פראַנצויזישן — בערנאַר לאַזאַר).
עס דערשיינט זיין בוך „פרץ בן משה סמאָלענסקין", 162 זייטן.
עס ווערט געדרוקט זיין איבערזעצונג פון הערצלס „הגיטו החדש" אויף העברייאיש. גיט אַרויס משה לאַצאַרוסעס „ירמיהו הנביא" אויף העברייאיש.

1898 זעצט איבער מאַקס נאָרדויס ווערק „פּאַראַדאָקסן" אויף העברייאיש.

1890 עס דערשיינען זיינע „זכרונות" (וועגן א. צעדערבוים און דער פּעטערבורגער עפּאָכע) 32 ז"ז.

1900 פאַרעפנטלעכט זיין מאָנאָגראַפיע „אברהם מאפו", 150 ז"ז.

1901 באַטייליקט זיך אין דעם ציוניסטישן קאָנגרעס, וואו ער באַקענט און באַפריינדט זיך, צווישן אַנדערן, מיט מאָריס ראָזענפעלד. פאַרעפנטלעכט דערנאָך אַן אַרטיקל וועגן אים אין „יוד". גיט אַרויס אַ ביכל „סמאָלענסקין ותולדותיו", 38 ז"ז.

1902 רעדאַקטירט דעם וואָגיקן יובל־באַנד „לוח אחיאסף", וואו פאַרעפנטלעכט אַ צאָל אַרטיקלען און צווישן אַנדערן דעם אַרטיקל וועגן גרינדן אַ „סנהדרין". אינעם „לוח" באַטייליקן זיך איבער 50 שרייבער, עלטערע און יינגערע.

1903 גיט אַרויס אַ ביכל וועגן די 5 ציוניסטישע קאָנגרעסן, 48 ז"ז.

1904 טרעפט זיך מיט מענדעלען אין דער שווייץ, נעמט אָנטייל אין די פייערונגען פון מענדעלעס 70סטן געבוירנטאָג. פאַרעפנטלעכט אַרטיקלען איבער אים.

1905 געפינט זיך אונטערן איינדרוק פון די געשעענישן אין רוסלאַנד. לעבט איבער פון ווייטנס די רעוואָלוציאָנערע פאַסירונגען.

1907 באַקענט זיך אין מאַריענבאַד מיט שלום־עליכמען, טרעפט זיך מיט אים אין האַאַג און שרייבט אַריין אין זיין טאָגבוך אינטערעסאַנטע איינדרוקן וועגן שלום־עליכמען.
באַגעגנט זיך מיט ח. נ. ביאַליק אויפן קאָנגרעס, פאַרברענגט מיט אים אַ פאָר וואָכן, טיילט זיך מיט זיינע איינדרוקן וועגן אים אין זיין טאָגבוך, וואָס דערשיינט מיט יאָרן שפעטער.
לעבט אין בערלין אין אַ זייער שווערער מאַטעריעלער לאַגע און געדריקטער גייסטיקער שטימונג. זעט נישט קיין אויסוועג פאַר זיך און פאַר דער פאַמיליע.
באַזוכט פאַריז, טרעפט זיך און פאַרברענגט מיט מאַקס נאָרדוי.

1908 באַזוכט וואַרשע. באַגעגנט זיך מיט די יידישע שרייבער, דעם איינדרוק פון זיי — נישט קיין איבעריק גינסטיקער.
די שפראַך־קאָנפערענץ אין טשערנאָוויץ, די רעדעס, דעבאַטן און די רעזאָלוציעס רופן אַרויס ביי אים אַ ווידערגעפיל און זייער טרויעריקע מחשבות.
בן אביגדור גיט אַרויס אַ פראָספעקט וועגן אַן אויסגאַבע פון 20 בענד פון אַלע ברייני׳נס ווערק. קיין ממשותדיקע רעזולטאַטן — נישט געווען.

1909 פאַרברענגט אַ לענגערע צייט אין לאָנדאָן, וואו באַגעגנט זיך מיט באַרימטע פערזענלעכקייטן.
עס דערשיינט אין וואַרשע זיין ערשט בוך אין יידיש „שריפטן״, 160 ז״ז.

1910 שרייבט אָן אַ פאָררעדע צו „אַלע שריפטן פון שמעון פרוג״, ניו־יאָרק. קומט אויף אַ באַזוך קיין אַמעריקע.

1911 באַזעצט זיך אין ניו־יאָרק, וואו גיט אַרויס דאָס וואָכנבלאַט „הדרור״, עס דערשיינען 15 נומ. פאָרט אַריבער קיין מאָנטרעאָל, וואו רעדאַקטירט דעם „קענעדער אָדלער״. העלפט דאָרטן בויען פאַרשיידענע קולטור־געזעלשאַפטלעכע אינסטיטוציעס, צווישן אַנדערן — די „פאָלקס־ביבליאָטעק״, וועמען ער שרייבט אָפ דערנאָך זיין ביבליאָטעק און אַרכיוו.
לעבט אין מאָנטרעאָל עטלעכע יאָר, ווערט צוגעבונדן צום אָרט. אָפט איז אים ענג אין דער פראָווינץ־שטאָט. פירט זיין טאָגבוך, וואו ער פאַרצייכנט די איבערלעבענישן — די מאַטעריעלע און גייסטיקע.

1914 באַשליסט אָנשרייבן אַ מאָנאָגראַפיע וועגן ח. נ. ביאַליק, שטודירט אים איבער צוויי יאָר, מאַכט אינטערעסאַנטע פאַרצייכענישן אין זיין טאָגבוך.

1915 אָנגעהויבן אַרויסגעבן אין מאָנטרעאָל אַ טאָג־צייטונג „דער וועג״.

1916 באַזעצט זיך אין ניו־יאָרק, וואו עס הייבט זיך אָן פאַר אים אַ זייער פאַרצווייגטע געזעלשאַפטלעכע און ליטעראַריש־רעדאַקטאָרישע טעטיקייט. אַרבעט־מיט אין „התורן״, „העברי״, און אויך אין די יידישע צייטונגען „יידישעס טאַגעבלאַט״ און „דאָס יידישע פאָלק״.

1917 ווערט אַלצמער אַריינגעצויגן אין דעם ניו־יאָרקער קולטור־ליטעראַרישן לעבן, טרעפט אָפט זיך מיט יידישע שרייבער.
עס ווערט אַרויסגעגעבן אַ באַנד פון זיינע „כתבים נבחרים״, 320 ז״ז, און דאָס בוך „חיי הערצל״ — 228 ז״ז.
פאַרנעמט אָנגעזעענע אַמטן אין פאַרשיידענע ציוניסטישע אָרגאַניזאַציעס און פון העברייאישער קולטור און ליטעראַטור. אומעטום דער הויפט־פירער און הויפט־רעדנער.

1919 פאָרזיצער פון יובל־קאָמיטעט פאַר אליעזר בן יהודה, דעם מחבר פון גרויסן העברייאישן ווערטער־בוך. הויפט־איניציאַטאָר צו קויפן פאַר אים אַ הויז.

1920 מאַכט אַ רייזע איבער אייראָפע, באַזוכט לאָנדאָן, וואו ער טרעפט זיך מיט אחד־העם, און נישט־יידישע שרייבער.

1921 באַטייליקט זיך אין אַ פראָיעקט צו גרינדן אַ „בימה עברית״ אין אַמעריקע.

1922 צו זיין 60סטן געבוירנטאָג ווערט געגרינדעט אַ גרויסער יובל־קאָמיטעט, וואָס באַשליסט אַרויסצוגעבן „כל כתבי ראובן בן מרדכי בריינין״. עס דערשיינט אין 1923 דער ערשטער באַנד, 314 ז״ז, דער צווייטער באַנד — דערשיינט ערשט אין 1936.

עס דערשיינט אַ „מגילת זכרון", אַ סעפּעראַט־אָפּדרוק פון „התורן", געווידמעט ר. ברײנין, מיט אַרטיקלען פון פיל אָנגעזעענע שרײבער.

1923 פאַרזיצער פון יובל־קאָמיטעט לכבוד ח. נ. ביאַליק.
פּילט זיך שוואַך, פאָרט אָפּ קײן לעיקוואוד אויף אָפּרו.
הייבט אָן צו דרוקן אין „טאָג", זכרונות א"נ „פון מײן לעבנס־בוך", אַ צאָל קאַפּיטלען דערנאָך אַרײן אין זײן יידיש בוך, אַרויס דורכן „איקוף" אין 1946. איבערגעריסן די אַר־טיקלען אינמיטן 1924, וואו ער דערגייט ביז יאָר 1888.

1924 טרעפט זיך אין לעיקוואוד מיט אַ מערקווירדיקן ייד, אברהם קלוגמאַן, שרײבט אָן דערנאָך די דערציילונג „דער וואַלד־ייד".
פאַרברענגט עטלעכע חדשים אין מאָנטרעאָל אַרום זײן ערנסט־קראַנקער פרוי. צום ערשטן מאָל פאַר 40 יאָר עטלעכע וואָכן האַלט נישט קײן פעדער אין האַנט.

1925 באַזוכט ארץ־ישראל.
פאַרנומען פיל אין דער רעדאַקציע און דרוקערײ אַרום דעם „התורן".

1927 מאַכט אַ רײזע איבער סאָוועטנפאַרבאַנד, קומט מיט גוטע אײנדרוקן וועגן דעם דאָרטיקן יידישן לעבן. פאַרעפנטלעכט דערנאָך אַרטיקלען אין „טאָג", וואָס רופן אַרויס אומצופרידנ־קייט ביי אַ טייל ציוניסטן און העברייאיסטן.

1928 עס קומט פאַר אין תל־אביב אַ „משפט" איבער ראובן ברײנין, הלמאי ער האָט נישט איבער־געגעבן אין זײנע אַרטיקלען וועגן די רדיפות אויף העברייאיש און ציוניסטן, און אויך וועגן די פאַרפאָלגונגען קעגן די, וואָס באַקומען דאָלאַרן.

1929 פאַרעפנטלעכט אַן אַרטיקל אין „טאָג" „איך קלאָג אָן מײנע ריכטער", וואו האָט טענות, פאַרוואָס מ׳האָט אים געמשפּט און אַרויסגעטראָגן אַן אורטייל נישט אויסהערנדיק זײנע טענות.
סוף סעפּטעמבער קומט פאַר אין בערלין דער „משפט", צווישן ברײנין און ביאַליק, וועל־כער איז געווען דער פאַרזיצער אויף דער „געריכט־פאַרזאַמלונג" אין תל־אביב. דער גע־ריכט באַפרײט ביאַליקן.

1930 עס ווערן פאַרגעזעצט די אָנפאַלן אויף ר. ברײנין, אין דער זעלביקער צייט — טרעטן אַרויס אַ צאָל אָנגעזעענע ציוניסטן און העברייער אין זײן פאַרטיידיקונג.

1935 עס שטאַרבט אין מאָנטרעאָל זײן פרוי, וואָס דערשיטערט אים שרעקלעך.

1936 עס דערשיינט אין ניו־יאָרק דער באַנד 2 פון זײנע „כתבים" אונטערן נאָמען „אישים ומפעלים", מיט אַ אינטערעסאַנטער הקדמה פון מחבר. 332 ז"ז.
באַטייליקט זיך אין די פּראָגרעסיווע אָרגאַניזאַציעס פאַר ביראָבידזשאַן.

זײן געזונט־צושטאַנד ווערט אַלץ ערגער און ערגער.

1937 גרייט דאָס דריטע בוך פון זײנע "כתבים".
פאַרעפנטלעכט אַן אַרטיקל (דעם 23טן מאַי) „געדאַנקען וועגן זיך אַליין".
פּורים קומט פאַר זײן 75סטער געבוירנטאָג. ער באַקומט פיל באַגריסונג־בריוו און טעלע־גראַמעס.
ער טיילט מיט אין אַ בריוו צו קלמן מרמר, דעם סעקרעטאַר פונעם אָרגאַניזיר־קאָמיטעט פאַרן קולטור־קאָנגרעס, זײן גרייטקייט צוזושטייַן צום קאָמיטעט.

1938 אַרבעט פלייסיק אויפן דריטן באַנד פון זײנע שריפטן, וואו עס קומען אויך בלעטער פון זײן טאָגבוך.
אויפן וועג פון מאָנטרעאָל קײן טאָראָנטע קומט פאַר אַן „עקסידענט" מיט דעם אויטאָמאָ־ביל, אין וועלכן ער פאָרט. די מאַשין ווערט צעבראָכן אויף שטיקלעך, ער ווערט אָפּגעפירט אין שפּיטאָל, על־פּי נס געבליבן גאַנץ.

1939 ערנסט קראַנק, פאַראַליזירט, באַקומט פאַרערונג־בריוו פון דער וועלט, אויך פון ארץ־ישראל (געשריבן דורך יעקב פיכמאַן, אין נאָמען פון די דאָרטיקע אָנגעזעענע שרײבער, דענקער).

עס נעמט אים אָפּ דער לשון. קאָן ניט רעדן, דאָך איז זיין געדאַנק קלאָר. ער דיקטירט אין אַ בריוו (י״ד סיון תרצ״ט), אַז „נישט געקוקט אויף דעם, וואָס זיין גוף איז צעבראָכן און פול מיט ווייטיקן, איז זיין גייסט און געדאַנק קלאָר און וואַך פאַר יעדער גוטער זאַך״. דער 30טן נאָוועמבער שטאַרבט ער, בעט אין דער צוואה אַריבערפירן זיין קערפּער קיין מאָנטרעאָל און אים באַהאַלטן אַרום דעם קבר פון זיין פרוי.

1939 עס דערשיינט, נאָך זיין טויט, דער 3טער באַנד פון זיינע „כל כתבי״, וואָס בריינין אַליין, אויפן קראַנקן־בעט, האָט צוגעגרייט צום דרוק און אפילו איבערגעקוקט די קאָרעקטור. דאָס בוך האָט צוויי טיילן. אין ערשטן טייל — „רשימות״ — אַרטיקלען וועגן שרייבער; אין צווייטן „ספר הזכרונות״, ז״ז 97־480, בלעטער פונעם טאָגבוך, אָנגעהויבן פון 22טן אָקטאָבער ביז 17טן מערץ 1924. עס איז דאָ אַ צוזאָג, אַז די ווייטערדיקע בענד וועלן דערשיינען כסדר, אָבער, ליידער, איז מער קיין באַנד נישט דערשינען.

1940 דער טויט פון ר. בריינין רופט אַרויס אין דער וועלט גרויס טרויער, עס ווערן פאַרעפנטלעכט רירנדיקע און פאַרערונג־אַרטיקלען, בעיקר אין דער פּראָגרעסיווער פּרעסע, אין אַנדערע צייטונגען זיינען די הספּד־אַרטיקלען געמישט מיט פאָרוואורפן און באַדויער, הלמאי בריינין איז אין די לעצטע יאָרן אַראָפּ פון „דרך הישר״.

1946 עס דערשיינט אין יידיש „פון מיין לעבנס־בוך״, צוגעגרייט צום דרוק דורך נחמן מייזיל (אַרויסגעגעבן אין „איקוף״־פאַרלאַג, 384 ז״ז). מיט אַרטיקלען פון בריינין גופא וועגן ווילנע, אין מאָסקווע, אין פּעטערבורג, איך פאַרלאָז רוסלאַנד. די זכרונות פאַרענדיקן זיך מיטן יאָר 1891, ווען בריינין איז אַוועק קיין ווין.

1947 עס ווערן פאַרעפנטלעכט אין בוך „אגרות סופרים עברים״ (צונויפגעשטעלט פון מ. ז. רייזין, בריוו געשריבן צו ישראל מץ). 40 בריוו פון ראובן בריינין, געשריבן אין די יאָרן 1919 ביז 11טן אויגוסט 1939 מיט פיל זייער וויכטיקן מאַטעריאַל וועגן זיין מאַטעריעלן און גייסטיקן לעבן.

1949 צום 10טן יאָרצייט פון ר. בריינין דערשיינען אין דער יידישער פּרעסע אַרטיקלען וועגן און פון ראובן בריינין.

1954 צום 15טן יאָרצייט פון ר. בריינין — אַרטיקלען פון און וועגן ר. בריינין אין „יידישע קולטור״.

1959 צום 20סטן יאָרצייט — דערמאָנונג־אַרטיקלען און נאָטיצן אין „יידישע קולטור״.

1962 צום 100סטן געבוירנטאָג פון ר. בריינין — אַרטיקלען, כאַראַקטעריסטיקעס, זכרונות אין פאַרשיידענע יידישע און העברייאישע צייטונגען און צייטשריפטן איבער דער גאָרער וועלט. אַרטיקלען פון און וועגן בריינין אין משך פון יאָר.

נ. מ.